STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06589

DI GESHIKHTE FUN IDISHEN THEATER

B. Gorin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה עטינגער

אברהם בער גאָטלאָבער

אברהם גאָלדפאדען

ב. גארין

(י. גוידא)

די געשיכטע פון אידישען טהעאטער

(צוויי טויזענט יאהר טהעאטער ביי אידען)

צווייטע פארגרעסערטע אויפלאגע

אילוסטרירט

ערשטער באנד

מאקס נ. מייזעל

אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט

424 גרענד סטריט, ניו יארק

1923

Copyright by B. Gorin
1918

Copyright by B. Gorin
1923

מיין ווייב און בעסטען חבר ליזע א מתנה.

די געשיכטע פון אידישען טהעאטער איז דאס ערשטע און איינציגע ווערק פון דעם מין אין אונזער ליטעראטור, און עס איז פערשפארט צו זאגען, אז אין אנדערע ליטעראטורען האט מען זעהר ווייניג געשריבען וועגען דער אידישער ביהנע. דער אמת איז, אז די אידישע ביהנע איז נאך זעהר ווייניג אויסגעפארשט געווארען און דאס ווייניגע וואס איז אויף דעם פעלד געטהאן געווארען איז אפט גענומען אויף בארג. אין דעם דאזיגען ווערק האב איך זיך געשטעלט א כלל ניט צו פערלאזען זיך אויף ידיעות גענומען פון צווייטער האנד און ווי ווייט עס איז נאר מעגליך געווען האב איך אונטערזוכט די ערשטע קוועלען.

א היבשער טהייל פון דעם דאזיגען ווערק האט זיך אין די לעצטע זיבען יאהר גע־דרוקט אין דער פארם פון בעזונדערע אבהאנדלונגען און ארטיקלען אין פערשיידענע פער־יאדישע אויסגאבען. די ערשטע עטליכע קאפיטלאך פון דעם ערשטען טהייל האבען זיך אין א משך פון פיער יאהר געדרוקט אין דעם מאנאטליכען זשורנאל „צוקונפט". עטליכע קא־פיטלאך פון דעם צווייטען טהייל האבען זיך געדרוקט אין דער וועכענטליכער צייטונג „אמעריקאנער" און בעזונדערע קאפיטלאך זיינען פערעפענטליכט געווען אין פערשיידענע צייטשריפטען. די געשיכטע האט צוליעב דעם אנגענומען מעהר דעם אינטימען כאראקטער פון ארטיקלען, ווי דעם קאלטען טאן פון דעם שטרענגען היסטאריקער, און אזוי ווי מיין זשאנר און טעמפעראמענט זיינען ניט פון א שרייבער פון געשיכטע, האב איך דעם כאראקטער ניט געוואלט ענדערן.

אויך צוליעב דעם וואס א היבשער טהייל פון דעם דאזיגען ווערק איז געווען גע־דרוקט אין פערשיידענע צייטשריפטען, איז דאס אויסלעגען ניט ארויסגעקומען אזוי יוניפארם ווי איך האב גע־אונשען.

הגם אמעריקא איז געווארען די היים פון די סאמע וויכטיגע שעפער פון דער אידי־שער ביהנע, צייט דער גרונדשטיין פון אידישען טהעאטער איז געלעגט געווארען אין בוקארעסט, און איך בין מיט זיי אלעמען געווען פערזענליך בעקאנט און געקומען מיט זיי אין בעריהרונג, וואלט דאך די געשיכטע זעהר פיעל געליטען, ווען מען זאל מיר ניט קומען צו הילף מיט נויטיגע ידיעות און ערפאהרונגען. די גרעסטע הילף האט מיר געגעבען אברהם זלמן פריידים, דען קאפ פון דעם אידישען דעפארטמענט פון דער ניו יארקער פאבליק לייברערי און איך איל זיך אויסצודריקען איהם מיין טיעפע דאנקבארקייט. אויך זעהר פיעל פערפליכטעט בין איך ל י י ז ע ר צ ו ק ע ר מ א ן און י ש ר א ל ו ו י י נ ־ ב ל א ט, ביידע זינען פו, די ערשטע שוישפיעלער און ביידע האבען מיר פיעל געהאָל־פען צו אריענטירען זיך אין דער פערפלאנטעטער תקופה פון דעם אידישען טהעאטער

איז בוקארעסט און די ערשטע יאהרען אין רוסלאנד, א תקופה, וואס האט שוין אנגענומען א לעגענדארישען כאראקטער.

א בעזונדערען דאנק קומט מארים היינע, יעקב קאצמאן, יצחק ליבערסקו, מאקס ראזענטהאל, נחום ראקאוו, משה ריכטער, סעם אדלער, בן עמי, לאזאר פריעד, שלמה גאלדינג־ורג, מארים מאשקאוויטש און שלמה פערלמוטער פאר די נויטיגע אויסקינפטע, וואס זיי האבען מיר געגעבען.

איך וויים ניט צי די רשימה פון אידישען רעפערטואר איז ארויסגעקומען אזוי פאלקאם ווי איך האב געוואונשען, נאר איך האב ניט געשפארט קיין מיה און צייט צו מאכען א סדר אין דעם תהו ובהו צעטעל פון די אידישע פיעסען. ווי שווער די דאזיגע אויפגאבע איז געווען, קען מען זיך אנשטויסען דערפון, וואס די פערפאסערס גופא ווייסען ניט וואס פאר א פיעסען זיי האבען אנגעשריבען און ווענען כראנאלאגיע איז אבגערעדט. א סך שטיקער זיינען אויפגעפיהרט געווארען אין פערשיידענע ערטער און פערשיידענע צייטען אונטער פערשיידענע נעמען. אזוי למשל, איז לאטיינער'ס אפערעטע „גבריאל" בעקאנט אין רוסלאנד אונטער'ן נאמען „חינקע און פינקע", ריכטער'ס „הערצעלע מיוחס" איז אין אמעריקא געשפיעלט געווארען אונטער'ן נאמען „טייבעלע". אפט ווערען ניט נאר די נעמען פון די שטיקער געענדערט, נאר אויך די נעמען פון די פערפאסערס פערביטען. אזוי, למשל, איז געדרוקט אין קראקא א שטיק „שלמה גארגעל" און דער נאמען פון דעם פערפאסער איז אנגעגעבען לאטיינער. דאס שטיק איז אויפגעפיהרט געווארען אין אמעריקא און האט געהייסען „הדסה" און דער פערפאסער איז נאר הורוויטש.

איך בין ניט זיכער צי ביי מיין גאנצער פארזיכטיגקייט איז מיר געלונגען אויסצומיידען אזעלכע טעותים, דאס, דאכט זיך, וואלט אונטער אזעלכע אומשטענדען נאר געווען אונמעגליך. נאר ביי מיר איז קיין ספק ניט, אז ניינציג פראצענט אין דער רשימה איז ריין אהן גרייזען.

לכתחילה האב איך בדעה געהאט אנצוגעבען ווי ווייט מיר איז בעקאנט די קוועלען, פון וואנען א סך פיעסען זיינען גענומען געווארען, אבער גאר גיך האב איך זיך ארומגעזעהן, אז די אויפגאבע איז א צו שווערע, און עס וועט זיין גענוג אויפמערקזאם צו מאכען, אז ניינציג פראצענט פון אידישען רעפערטואר זיינען איבערגעמאכט פון פרעמדע פיעסען.

דער מחבר.

אינהאלטס פערצייכניס.

פארווארט — זייט 5

ערשטער קאפיטעל: — טהעאטער אין ירושלים.
די אידישע אריסטאקראטיע און העלעניזם אין ירושלים. — הורדוס בויט טהעא־
טערס אין ארץ ישראל. — פערזוך צו טוידטען הורדוס אין טהעאטער. — די
תנאים זיינען נעגען טהעאטער. — קעניג אגריפא דער גרויסער און דער תנא
שמעון. — פאר וואס דער ריינער אידישער גייסט איז געווען נעגען אזא אונטער־
האלטונג. — בעוואוסטער אידישער אקטיאר אין די צייטען פון נירון קיסר. —
די דראמע „יציאת מצרים" פאר'ן חורבן. — — — — — — — — — — — זייט 7

צווייטער קאפיטעל: — דער אנהויב פון פורים שפיעל.
דער אונטערגאנג פון טהעאטער ביי אלע פעלקער. — דער נייער סארט דראמע ביי
אידען. — די ערשטע פארשטעלונגען פון פורים שפיעל דורכגעוויקט מיט אידישען
בלוט אין 415. — ווי אזוי דאס פורים שפיעל האט זיך ענטוויקעלט. — דראמאטי־
זירונג פון מגלת אסתר אין נייטנטען יאהרהונדערט. — פאר וואס דאס פורים שפיעל
האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט. — פאר וואס פורים האט מעגליך געמאכט
פארשטעלונגען. — אידישע דראמאטורגען אין שפאניען. — ערשטער פערזוך צו
שאפען די העברעאישע דראמע. — משה חיים לוצאטא און זיינע דראמען. — יאזע
דע סילווא אין פארטוגאל. — קאמף פון רבנים געגען אידישען טהעאטער אין אי־
טאליען אין אכטצעהנטען יאהרהונדערט. — אידישע טהעאטערס אין זיד אמעריקא
אין 18טען יאהרהונדערט — — — — — — — — — — — — — — — 19

דריטער קאפיטעל: — די עלטסטע אידישע פורים שפיעלס.
פורים שפיעלס אין מאמע לשון. — שפיל פון טב יעקליין געשריבען אין 1598. —
פורים שפיעלס פון דעם 17טען און אנהויב 18טען יאהרהונדערט. — אויסציגע פון
בעקאנטסטען פורים שפיעל און פאר וואס מען האט עס פערברענט אין פראנקפורט
אם מאין. — ערנסטערע פורים שפיעלס. — ווער עס האט אין זיי געשפיעלט. —
דער איינפלוס פון די פאכאבנע פורים שפיעלס. — — — — — — — — — — 41

פיערטער קאפיטעל: — די ערשטע מאדערנע אידישע קאמעדיע.
די שייכות פון השכלה צו טהעאטער. — די דריי יסודות פון א טהעאטער. — אהרן
וואלפסזאן און זיין קאמעדיע אין אידיש. — דער חדוש וואס פון דעם בערלינער
חדר זאל געלעגט ווערען דער גרונדשטיין פון אידישער דראמע. — דער טעות וואס
שטיינשניידער האט געמאכט. — דער שליסעל צו דייטשמעריש אין די שפעטערדיגע
אידישע שטיקער — — — — — — — — — — — — — — — — — 64

פינפטער קאפיטעל: — אידען אויף פרעמדע דראמאטישע פעלדער.
דער ערשטער איד אויפ'ן פעלד פון דער דייטשער דראמע. — די ערשטע דראמע
פון א רוסישען אידען אויף דער רוסישער ביהנע. — ראשעל — — — — — — — 83

זעקסטער קאפיטעל: — ערשטע אידישע דראמאטורגען אין רוסלאנד.
דר. שלמה עטינגער און זיין „סערקעלע". — זיין איינפלוס אויף גאטלאבער. —
ישראל אקסענפעלד און זיינע דראמאטישע ווערק. — די קאמעדיע אלס מיטעל צו
קעמפען נעגען חסידיזם. — „די ווייבערשע קניפלאך". — „די טאקסע" פון מענרעלע
מוכר ספרים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 89

זיבעטער קאפיטעל: — די ערשטע טהעאטער פארשטעלונגען.

אין ווארשא זיינען געמאכט געווארען הכנות צו געבען פארשטעלונגען פון אידישע שטיקער אין 1837. — פאר וואס דער דאזאר איז ארויסגעטראטען מיט א מסירה.— תלמידים פון ראבינער־שול גיבען אידישע פארשטעלונגען אין בערדיטשעוו אין די פופציגער יאהרען. — אלערהעכסטער דאנק פון קיסר. — א נייער מין אונטערהאלטונג אין די פופציגער יאהרען.—די בראדער זינגער.—מיניאטורע פארשטעלונגען — 132

אכטער קאפיטעל: — דער גרינדער פון אידישען טהעאטער.

דער איינפלוס פון סערקעלע אויף אברהם גאלדפאדען און זיין ערשטע דראמאטישע ווערק. — גאטלאבער וועקט אין גאלדפאדענ׳ען דעם פאעטישען געפיהל. פון א לעהרער ווערט גאלדפאדען א סוחר און ענדיגט מיט א באנקראט. — אין אויסלאנד נעהמט זיך גאלדפאדען צו א צייטונג. — קומט אין רומעניען אין די אינטערעסען פון א צייטונג און בעגעגענט זיך מיט ישראל גראדנער. — די פיאסקא ביי זיין ערשטען ארויסטרעטען פאר א פובליקום אין יאסי. — ווי אזוי גראדנער קומט איהם צו הילף — — — — — — — — — — — — — — — — 150

נײנטער קאפיטעל: — דער ווינקעלשטיין געלעגט.

גאלדפאדען מאכט גראדנער׳ן א פארשלאג צו שפיעלען גאנצע שטיקער. — דאס ערשטע ווילדע שטיק. — גאלדפאדען מיט פוטהאלבען אקטיארען. — די בהלה און „די רעקרוטען״. — די נע ונד קאמפאניע לערנט זיך צו הויבען הקפות. — גאלד־פאדען אין בוקארעסט. — וואו ער האט אקטיארען געזוכט. — מאגולעסקא און צו־קערמאן טרעטען אריין אין זיין קאמפאניע. — ווי אזוי גאלדפאדען האט געשריבען „שמענדריק״. — דער געדרוקטער „שמענדריק״ פון 1875. — גראדנער טרעט ארויס און גרינדעט א בעזונדערע קאמפאניע אין יאסי. — יוסף לאטיינער אין גראדנער׳ס קאמפאניע. — די ערשטע פרווי אויף דער אידישער ביהנע. — משה הורוויטש גרינדעט א קאמפאניע. — די רוסיש־טערקישע מלחמה און דער גאלדע־נער מבול אין אידישען טהעאטער — — — — — — — — — — — — 167

צעהנטער קאפיטעל: — טהעאטער קלייבט זיך איבער קיין רוסלאנד.

די קעלער זינגער אין אדעס. — די ערשטע פארשטעלונגען אין רעמעסלעני קלוב.— גאלדפאדען קומט נאך דער מלחמה קיין אדעס און נעהמט מארינסקי טהעאטער. — כמעט אלע שפעטערדיגע שטערען זיינען שוין אויף דער ביהנע. — דער צעטיל פון שפיעלער וואקסט זעהר שנעל. — די צויבערקראפט פון דער ביהנע פאר די שפיע־לער. — דער גריכישער בעל הבית פון מארינסקי טהעאטער שטופט ארויס גאלד־פאדענ׳ען. — מאגולעסקא מיט זיין קאמפאניע אין אדעס. — די ערשטע אויפ־פיהרונג פון „שולמית. — יוסף לערנער און ווי ער ענטפערט די פראגע וועגען בעסערע פיעסען. — רש״י קאצענעלענבויגען, מ. ל. ליליענבלום הויבען אן צו שרייבען פאר׳ן טהעאטער. — לינעצקי קומט מיט א פיעסע און האט חרטה. — לער־נער פעראייניגט זיך מיט נחום מאיר שייקעוויטש (שמ״ר). — מענדעלע מוכר ספרים שרייבט דעם „פריזיוו״ פאר׳ן אידישען טהעאטער. — דער אידישער טהעא־טער ווערט פערבאטען אין רוסלאנד. — אידישע קאמפאניעס צוזייעט און צו־שפרייט. — די ערפאהרונגען פון א אידישער טרופע אין דייטשלאנד. — אבשא־צונג פון גאלדפאדען — — — — — — — — — — — — — — 204

ערשטער קאפיטעל.

טהעאטער אין ירושלים.

גאר די אלטע פארצייטיגע וועלט האט פון קיין טהעאטער ניט געוואוסט, די דראמע איז איהר געווען אין גאנצען פרעמד. די גריכען זיינען געווען דאס ערשטע פאלק וואס האט געשאפען די דראמע. אין גריכענלאנד האט זיך די דראמע אנגעהויבען צו ענט־וויקלען מיט א יאהר דריטהאלבען טויזענד צוריק און דארטען האט זי דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון באלקאמענהייט.

פון גריכענלאנד האט זיך די קונסט פון טהעאטער גענומען פערשפרייטען סיי צווישען די פעלקער, וואס עס האט בעצוואונגען און סיי צווישען זיינע בעצווינגער. אלעקסאנדער מוקדון האט א האלבע וועלט איינגענומען און איינגעפלאנצט דארטען די גריכישע קולטור. די רוימער האבען שפעטער זייער יאך אנגעטהאן די גריכען און האבען פון זייערע בעזיעגטע איבערגענומען זייער קולטור.

ארץ ישראל האט אויך ניט געקאנט ווידערשטעהן דעם צויבער פון העלעניזם, און די אידישע אריסטאקראטיע איז געווארען דורכ־געדרונגען מיט'ן גריכישען גייסט. אין די לעצטע פאר הונדערט יאהר פאר'ן חורבן בית שני איז די אומגאנגס־שפראך צווישען די אידישע אריסטאקראטען געווארען גריכיש. יוסף, שמעון הצדיק'ס אייניקעל, האט ברייט געעפענט די טהויערען פון ירושלים פאר'ן גריכישען איינפלוס. די קינדער פון יהודה האבען זיך אבגעגעבען מיט אלערליי אלימפישע שפיעלען און די אידישע העלעניסטען האבען אפילו געפייערט דעם יום טוב לכבוד דעם גריכישען וויין־גאט דיאניסיאס, בעסער בעוואוסט אונטער דעם רוימישען נאמען באקכוס.

דער קעניג הורדוס האט געלאזט בויען טהעאטערס אין ירושלים און מען האט דארטען אויפגעפיהרט פרעמדע דראמען.

אויף אזא אופן זעהען מיר, אז טהעאטער האט זיך געוויזען ביי אידען כמעט אין דער זעלב גער צייט וואס ביי אלע אנדערע פעלקער, א חוץ די גריכען. די טהעאטערס זיינען געשטיצט און אויסגעהאלטען געווארען פון דער מלוכה, ווי דער פאל איז גע־ווען ביי אלע אנדערע פעלקער, און דאך איז טהעאטער געבליבען א פרעמדע אינסטיטוציאן ביי די פארצייטיגע אידען. אין דער גאנ־צער אלטער אידישער ליטעראטור איז ניטא קיין סימן פון קיין דראמע.

אמת, געוויסע מאדערנע אידישע געלעהרטע האבען געפיהלט עפעס א מין נאציאנאלע בושה פאר דעם עם הספר, פאר וואס ער האט גאר ניט בייגעטראגען צום אוצר פון דער וועלט דראמע און זיי האבען זיך געקליגט צו דערווייזען, אז אויך אויף דעם פעלד האט ער זיך אויסגעצייכענט און האט דער וועלט געגעבען צוויי פון די גרעסטע דראמען: איוב און שיר השירים. עס איז אבער שווער אויסצו'פלפול'ען, אז די דאזיגע צוויי גרויסע ווערק האבען א שייכות מיט דראמע.

די פרומע אידען האבען געקוקט מיט שרעק און צארן אויף די דאזיגע טעמפלען פון קונסט. און ווי ווייט זייער שנאה צום טהעא־טער האט דערגרייכט קאן מען זעהן דערפון, וואס עטליכע קנאים האבען בעשלאסען צו טו דטען דעם קעניג הורדוס און מאכען א סוף פון דעם גריכישען איינפלוס. די קאנספיראציע איז געווען צו טויד־טען הורדוס'ן אין טהעאטער בשעת מען האט דארטען געשפיעלט. דער קעניג איז אבער ניט געקומען דעם טאג צו דער פארשטעלונג, און פון דער פערשווערונג איז גאר ניט געווארען. אויף עפעס אן אופן איז דאס פובליקום אין טהעאטער געוואר געווארען דערפון, און דער המון האט זיך ארו פגעווארפען מיט א ווילדען כעס אויף די קאנספיראטארס און האט איינעם פון זיי צוריסען אין שטיקער.

און עס דארף גאר קיין חדוש ניט זיין, פאר וואס די פרומע אידען האבען אזוי ביטער געקעמפט קעגען טהעאטער. אין גריכענ־לאנד איז טהעאטער געבארען געווארען פון דער עבודה לכבוד

דעם גריכישען גאט דיאניסאס, דעם גאט פון וויין. יעדע פארשטע־לונג א ז טהעאטער איז געווען אן עבודה זרה. אין טהעאטער איז געשטאנען א סטאטוע פון דעם דאזיגען גאט און מען האט לכבוד איהם געשפיעלט, פאר איהם וויין געגאסען און געמאכט אלערליי געצענדינערשע צערעמאניעס. עס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאנט, ווי מען האט זיך נוהג געווען אין די טהעאטערס, וואס הורדוס האט געבויט; נאר עס דארף ניט זיין קיין ספק, אז אין די טהעאטערס וואו מען האט געשפיעלט פאר אידישע בעזוכער א ז קיין סימן פון געצענדיענעריי ניט געווען.

אבער אויב מיר ווייסען ניט זיכער וועגען דעם עצם טהעאטער אין ירושלים אין די צייטען פון דעם פערדארבענעם הורדוס, האבען מיר מעהר אדער ווייניגער א קלארען בעגריף וועגען דעם סארט פארשטעלונגען אביסעל שפעטער. אזוי, למשל, געפינען מ ר, אז דער תנא שמעון, וועלכער האט געלעבט אין דער צייט פון אגריפא דעם גרויסען, האט געבראכט א קלאגע קעגען דעם קעניג, אז ער פיהרט זיך ניט אויף, ווי אן אמת׳ער פרומער איד דארף זיך אויפ־פיהרען און מען טאר איהם דאריבער ניט אריינלאזען אין בית המקדש. ווי עס זעהט אויס, איז דער הויפט חטא פון אגריפא בע־שטאנען דעריין, וואס ער האט בעזוכט טהעאטער.

אגריפא דער גרויסער איז געווען א מילדער מענש און ער האט ניט בעטראכט שמעון׳ס קלאגע אלס א מרידה במלכות. און ווען זיין גענעראל האט איהם איבערגעגעבען, וואס שמעון האט וועגען איהם געזאגט, האט אגריפא געשיקט נאך איהם, און אזוי ווי דער קעניג איז געווען אין טהעאטער בשעת יענער איז געקומען, האט ער געהייסען, אז מען זאל איהם אריינפיהרען צו איהם און האט איהם אנידערגעזעצט לעבען זיך און ווען די פארשטעלונג האט זיך געענדיגט, האט איהם אגריפא געפרעגט:

— וואס אזוינס ווערט דא אין טהעאטער געטהאן, אז דאס זאל זיין קעגען דער תורה?

שמעון האט אויף דעם גאר נ׳ט געהאט צו ענטפערן און אגריפא האט איהם געגעבען א קליינע מתנה און אוועקגעשיקט איהם פון זיך.

דערפון איז גרינג צו זעהן, אז ניט נאָר איז ניט געווען קיין שמץ עבודה זרה אין טהעאטער, נאָר אפילו די פאָרשטעלונגען זיי־נען געווען אזוי אידיש אין גייסט, אז אפילו דער גרעסטער צדיק האָט אין זיי ניט געפונען, וואָס אויסצובזירען.

נאָר פון דער צווייטער זייט ווייסען מיר, אז דער זעלביגער אגריפאַ דער גרויסער האָט אויך געבויט אנדערע טהעאטערס, צווי־שען וועלכע זיינען אויך געווען דער טהעאטער און דער אמפי־טהעאטער אין בעריטוס, און ביים חנוכת הבית פון דעם אמפי־טהעאטער האָט ער געלאָזט ברענגען אהין ניט ווייניגער ווי פיער־צעהן הונדערט פערברעכערס און מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, צו זיבען הונדערט אין א שורה און זיי האָבען זיך איינע מיט די אנדערע געשלאָגען אזוי לאַנג, ביז אלע זיינען געפאַ־לען טוידט אויף דער גרויסער ביהנע.

און הגם דער אמפיטהעאטער האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט טהעאטער, איז אבער שטענדיג געווען א גייסטיגע שייכות צווישען זיי, און ווען דער עולם האָט געפאָדערט אזא אונטערהאַלטונג, וואָס אגריפּאַ האָט פערשאַפט ביים חנוכת הבית פון דעם אמפיטהעא־טער, האָט די דראַמע אין טהעאטער ניט געקענט שטעהן א סך הע־כער. און די פרומע אידען האָבען געקוקט מיט שרעק אויף אַן אינס־טיטוציאָן, וואָס פערשאַפט אזא מין אונטערהאַלטונג.

בכלל איז אידישקייט ניט געווען מסוגל פאַר קיין דראַמע און קיין טהעאטער. א דראַמע קאָן ניט געמאָלט זיין אָהן א קאָליזיאָן. און אין דער קלאַסישער דראַמע איז די קאָליזיאָן געווען מיט'ן פאַטום, מיט די געטער, און אידען האָבען קיין פאַטום ניט געהאַט, אין מזל לישראל. די גריכישע געטער זיינען געווען שטאַרק און מעכטיג, און קעגען זייער בעשלוס האָט דער מענש ניט געקאָנט געהן: אבער די געטער האָבען ווייט ניט געהאַנדעלט מיט אמת און יושר, זיי זיינען געווען זינדיג און פאַלש און פערדאָרבען, און דער מענש דוקא איז אַרויסגעטראָטען פאַר גערעכטיגקייט. דער מענש האָט פּראָטעסטירט קעגען זייער שלעכטער האַנדלונג און געקעמפט קעגען זיי, און ווייל די געטער זיינען שטאַרקער, האָט דער מענש

געמוזט פאלען. און דאס איז געווען די טראגעדיע פון דעם מענשען.

און דאריבער האט ניט נאר טהעאטער נאר אויך די דראמע אלס א צווייג פון ליטעראטור ניט געקאנט זיך אננעהמען צווישען אידען. מיר האבען געזעהן, ווי די אידישע פאעזי האט פון דעם גריכישען איינפלוס זעהר פיעל געוואונען. שיר השירים איז געשאפען געווארען, ווען דער העלעניזם האט זיך גענומען פערשפרייטען אין ירושלים. נאר די דראמע האט קיין אידישען מאנטעל בשום אופן ניט געקאנט אנטהאן און איז געבליבען פרעמד דעם אלטען אידישען גייסט. דער איד האט לחלוטין ניט געקאנט דערלאזען דעם געדאנק, אז גאט קאן האנדלען אונגערעכט און אז א בשר ודם זאל קעמפען קעגען גאט. דער אידישער גאט איז שטענדיג און אומעדום גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. און די פרומע אידען האבען אויפ'ן טהעאטער ניט געקענט קוקען אנדערס, ווי אויף א שקץ תשקצנו.

ווען מען רעדט וועגען דער שנאה פון די פארצייטיגע אידען צום טהעאטער דארף מען נאך האבען אין זינען, אז אין דער צייט ווען די גריכישע קולטור האט זיך ארייגגעריסען אין ארץ ישראל איז שוין די גריכישע דראמע ניט געשטאנען אויף יענער הויכקייט, אויף וועלכע עס האבען איהר געשטעלט עסכילוס, סאפאקלעס און יוריפידעס. באלד נאך דעם טוידט פון די דאזיגע דריי גרויסע גריכישע דראמאטישע דיכטער, האט די דראמע שטארק אנגעהויבען צו זינקען, און ארום דער צייט וואס טהעאטערס זיינען פערשפרייט געווארען אין ארץ ישראל האט שוין רוים געבראכט די דראמע צו אזא מדרגה, אז די ביהנע האט אפט דערמאנט א בית זנות. דער גאנצער אידישער גייסט האט רעוואלטירט קעגען אזא אונטערהאלטונג און איין תנא נאך דעם צווייטען, איין אמורא נאכ'ן אנדערן האבען געווארענט דעם עולם פון אזעלכע פערגניגענס.

דער תלמוד און מפרשים לאזען ניט דורך קיין געלעגענהייט צו דערמאנען דעם אידען, ער זאל וייכען פון טהעאטער און פון צירק. אמאל אין דער פארם פון אן ערקלערונג, אמאל אין דער

פארם פון א רוהיגער בעטראכטונג און א מאל אין דער פארם פון א בייזער קללה.

„פערפלוכט זאלען זיין יענע, וואס בעזוכען טהעאטער אדער צירקען און פעראכטען אונזערע געזעצען"*)

אין תלמוד ירושלמי**) ווערט דערצעהלט, אז רבי נחוניא בן הקנה, א תנא וואס האט געלעבט אין דער צייט פון דעם חורבן בית שני פלעגט ביים ארויסגעהן פון בית המדרש מאכען א קורצע תפלה:

„מודה אני לפניך, ד" אלהי ואלהי אבותי, שנתת חלקי מיושבי בית המדרש ובתי כנסיות, ולא נתת חלקי בבתי תרטיות ובבתי קרקסיות, שאני עמל והן עמלים, אני שוקד והן שוקדים — אני עמל לירש גן עדן והן עמלים לבאר שחת."

(איך דאנק דיר, גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערן, פאר וואס דו האסט מיין חלק געגעבען צווישען די וואס זיצען אין בית המדרש און אין די שוהלען, און דו האסט ניט געגעבען מיין חלק צווישען די, וואס זיצען אין טהעאטערס און צירקען. איך בעמיה זיך און זיי בעמיהען זיך, איך פאדער זיך און זיי פאדערן זיך— איך בעמיה זיך צו ירש'ענען דעם גן עדן, און זיי בעמיהען זיך פאר'ן גרוב פון פערדארבונג).

עס וועט אבער זיין נ'ט אין גאנצען ריכטיג צו זאגען, אז דער איינציגער טעם, פאר וואס טהעאטער איז אזוי געווען פערהאסט איז געווען צוליעב עבודה זרה און אויסגעלאסענהייט. עס איז אמת, אז די ליבעראלע פארשטעהער פון פאלק האבען נאר געהאט קעגען טהעאטער, ווייל ער איז געווען פערמישט מיט עבודה זרה, און ווען א טהעאטער איז דערפון ריין האבען זיי ניט געזעהן קיין שום אורזאך, פאר וואס א איד זאל זיך ניט טארען ערלויבען אזא פערגניגען. אזא, למשל, איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים רבי

*) עבודה זרה, י"ח, ב.

**) ברכות, כט, ב. עס איז מערקווירדיג, וואס די זעלביגע תפלה ווערט איבערגעגעבען אין תלמוד בבלי (ברכות כ"ח) מיט אן אנדער נוסח. טהעאטער און צירק איז דארטען ארויסגעלאזט.

מאיר. אבער אזעלכע ווי ער זיינען געווען ווייניג. די אנדערע האבען געהאט גאר אן אנדער מיינונג. פאר זיי איז קיין אונטער־שייד געווען, צו טהעאטער איז פערבונדען מיט געצענדיענעריי צו ניט און זיי האבען אונטער אלע אומשטענדען פערבאטען טהעאטער צווישען אידען. דאס זעהען מיר פון א פלוגתא צווישען רבי מאיר און די חכמים:

„תנו רבנן: אין הולכים לטרטיות ולקרקסיות מפני שמזבלין שם זיבול לעבודת כוכבים, דברי רבי מאיר. וחכמים אומרים: מקום שמזבלין אסור, מפני חשד עבודת כוכבים ומקום שאין מזבלין שם אסור מפני מושב לצים."

מען טאר ניט געהן אין טהעאטערס און צירקען, ווייל מען איז דארטען מקריב צו די געצען, אזוי זאגט רבי מאיר. און די חכמים זאגען: דארטען וואו מען איז מקריב צו די געצען טאר מען ניט צוליעב א חשד פון עבודה זרה, און דארטען וואו מען איז ניט מקריב צו די געצען טאר מען ניט צוליעב מושב לצים.

עס איז ניט דוקא דער „מושב לצים" וואס האט געמאכט די חכמים צו דענקען, אז די אונטערהאלטונג אין א טהעאטער איז ניט פאר אידען. ווען דער דאזיגער פסוק זאל אין תהלים ניט זיין, וואלט מען געפונען אן אנדער אויסדרוק אין די אלטע שריפטען צו אסר'ן דעם טהעאטער. און טאקי אין מדרש איכה רבתי געפינען מיר:

רבי אבא בר כהנא פתח: „לא ישבתי בסוד משחקים ואעלוז", אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: רבון העולמים, מימי לא נכנסתי בבתי טיאטראות ובתי קרקסאות של אומות העולם ושחקתי עמהם ואעלוז.

דאס הייסט, רבי אבא בר כהנא האט אנגעהויבען: דער נביא ירמיהו האט געזאגט: „איך בין ניט געזעסען אין דעם קרייז פון לוסטיגע און געפרעהט זיך", רופט זיך אב די כנסת ישראל צו גאט ברוך הוא: בעשעפער פון די וועלטען, איך בין קיין מאל ניט געגאנגען אין די טהעאטערס און צירקען פון די אומות העולם און געפרעהט זיך מיט זיי.

און מען דארף כלל וכלל ניט האבען קיין פסוקים, וואס זאלען

דערמאָנען עפּעס לצנות אָדער לוסטיגקייט, אז מען זאָל אויף זיי אָנהענגען טהעאטער און צירק. אָט האָט זיך דאָך געקליגט יונתן בן עוזיאל צו פערטייטשען דעם פסוק: „ארור אתה בבואך“ אין זיין תרגום אזוי: ליטין אתון במעלכון לבתי תאטרוניכון וקורקסתכון למבטלא פתגמי אורייתא. דאָס הייסט פערפלוכט זאָלט איהר ווערען, ווען איהר געהט אין אייערע טהעאטערס און צירקען און זייט מבטל פון דער תורה.

נאָך אזעלכע ווארנונגען געגען טהעאטער זיינען צושפּרייט איבער די אלטע אידישע שריפטען פון דער צייט פון תלמוד און מדרש, און ווי דער מנהג איז געווען ביי די חכמים, איז דאָס שטענדיג אויסגע'דרש'ענט פון עפּעס א פסוק, נאָר די פסוקים האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט'ן טהעאטער. דאָס האָט דער אידי־שער גייסט ניט געקאָנט דולדען קיין טהעאטער, דער זעלביגער גייסט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דורך די ליפּען פון די חכמים, אז דער וואָס געהט אין וועג און זאָגט, „ווי שעהן איז דער בוים“, פערדיענט ער דערפאַר דעם טוידט. די פאָדערונגען פון די אידען אונטער דעם שווערען יאָך פון די רוימער פאַר און נאָכ'ן חורבן זיינען געווען קעגענגעזעצט צו די פאָדערונגען פון דעם פאָלק וואָס האָט זיי בע־צוואונגען. דער רוימער האָט געפאָדערט „ברויט און ספּעקטאקל“ און דער איד האָט געזוכט נאָר עולם הבא. דער רוימער האָט געוואָלט לעבען א גוטען טאָג, און דער איד האָט זיך אָבגעזאָגט פון יעדער הנאה פון דער וועלט.

מען פערשפּאָרט דאריבער צו זוכען אידישע דראמע אויפ'ן אידישען באָדען אין די אלטע צייטען. דער טהעאטער איז געווען און געבליבען אין יענע צייטען א פרעמדע פלאַנץ צווישען אידען און האָט זיך ביי זיי ניט אָנגענומען.

אָבער דאָס הייסט בשום אופן ניט, אז אידען האָבען זיך לחלוטין אָבגעזאָגט פון דער דאָזיגער קונסט. די אידישע העלענים־טען זיינען געווען פערקאָכט אין טהעאטער און עס דאַרף קיין שום צווייפעל ניט זיין, אז פיעל אידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער גריכישער אָדער רוימישער קולטור, האָבען אָבגעגעבען זייערע קרעפטען צום טהעאטער און צו דער

דראמע. אויפ'ן אידישען בארען האבען זיי ניט געקאנט שאפען, די אידישע אטמאספערע האט זיי גערריקט, האבען זיי געארבייט אויף א פרעמדען בארען. א יאהר הונדערט און פופציג פאר דער נייער צייטרעכנונג האט א אידישער העלעניסט, דער דיכטער עזעק עלאס אנגעשריבען א דראמע „יציאת מצרים" אין גריכיש נאך דעם מוס־טער פון יוריפידעס. ווארשיינליך, האבען אויך אנדערע אידישע דיכטער געשריבען אין יענע צייטען דראמען אין גריכיש אדער רוי־מיש, נאר פון זיי איז גאר ניט געבליבען. אויף אזעלכע דראמען איז ניט געווען קיין אפוטרופס, וואס זאל זיי אבהיטען דורך די לאנגע, פינסטערע יאהר הונדערטע פון דעם שווערען גלות. דאס אידישע פאלק האט אויף זיי געקוקט ווי אויף ממזרים און האט פון זיי ניט געוואלט וויסען. עס איז דאריבער א גרויסער חדוש, ווי אזוי צו אונז האבען זיך דערגרייכט עטליכע פראגמענטען, פיצלאך פון אזעלכע ווערק. און „יציאת מצרים" איז די איינציגע אידישע דראמע פון יענער צייט אין גריכיש, פון וועלכער עס זיינען געבליבען עטליכע פראגמענטען.

די פערזאנען פון יציאת מצרים זיינען:

משה
צפורה
חום
ראגועל
גאט פון דעם סנה
שליח
קונדשאפטער.

אין דעם ערשטען פראגמענט דערצעהלט משה, ווי יעקב איז אריין אין מצרים מיט זיבעציג נפשות און ווען די פרעהס האבען דערזעהן ווי דער אידישער שטאם ווערט פערמעהרט אין א גרוי־סער צאהל, האט מען זיי געצוואונגען צו בויען גרויסע שטעדט און טהורעמס פאר די מצרים, און זייערע קינדער האט מען גע־ווארפען אין טייך. זיין מוטער האט איהם דריי חדשים בעהאלטען, נאר דאס איז ניט געבליבען קיין סוד און זי האט איהם איינגע־וויקעלט אין קליידער און אוועקגעזעצט איהם ביים ברעג טייך.

מרים איז געשטאנען פון דער וויטענס און ווען פרעה׳ס טאכטער האט דאס קינד געפונען, האט זי זיך ארויסגערופען צו ברענגען פאר איהם אן אם. ער האט זיך ערצויגען ביים קעניג אין פאלאץ און ווען ער איז איין טאג ארוים און דערזעהן, ווי א מצרי האט געשלאגען א אידען האט ער איהם דער׳הרג׳עט און פערשארט און צוליעב דעם האט ער געמוזט אנטלויפען אין דער מדבר.

אין א צווייטען פראגמענט דערצעהלט משה ראגועלן א חלום, וואס ער האט געזעהן.

מ ש ה*)

אויף בערגעשפיצע זאה איך איינעם האהען טהראן,
דער ביז צום המעל רייכטע; אונד עס זאס אויף איהם
איין מאן, ענטשפראסען וואהל דעם עדעלסטען געשלעכט;
איין דיאדעם אויף זיינעם הויפט אונד אין דער האנד,
דער לינקען, דער געוואלטיגער סצעפטער, ווינקענד מיר
מיט זיינער רעכטען; אונד איך שטאנד איצט פאר דעם טהראן.
דא רייכט ער מיר דען סצעפטער דאר, אונד אויף דען טהראן
בעפאל ער מיר צו שטייגען, דען ער זעלבסט פערליס,
מיר געבענד אויך זיין קעניגליכעם דיאדעם.
דארויף ערבליקטע איך דער ערדע רונדונג גאנץ,
צוגלייך דער ערדע טיעפען און דעם הימעלם העה׳ן,
אונד פלעצליך פיעל דער שטערנע שאאר צו פוסען מיר.
אונד אלע צעהלט איך זיא, אונד מיך אומגאב עס דא
וויא פאן דען שטערבליכען איין קריעגעסלאגער: דא
ערוואכט איך אוים דעם שלאף, די ברוסט פאן פורכט בעוועגט.

ר א ג ו ע ל.

א. פרעמדלינג, הערליכעס האט גאט דיר אנגעצייגט:
א, מעכט איך לעבען נאה, ווען זאלכעס לאאם דיך טרעפט!
אומשטורצען נעמליך ווירסט דו איינען גראסען טהראן,
אונד בויט׳ אויסטהיילען, אונד דער פעלקער פיהרער זיין.

---

*) איבערזעצט אין דייטש פון ל. מ. פיליפסאן, 1830.

דאס דו געזעהן בעוואהנטער ערדע רונדונג גאנץ,
וואס א ו נ ט ע ר גאטעס הימעל ווילט אונד א י ב ע ר
איהם :
דו ווירסט, וואס איזט פאריבערגינג אונד נאהט, ערשויין.

אין א דריטען פראגמענט איז דער דיאלאג צווישען משה און גאט, ווען ער דערזעהט דעם דארן. משה זאגט זיך אב צו געהן צו פרעה אונטער דעם אויסרייד, אז ער איז א כבד פה און גאט ווייזט איהם דעם נס מיט'ן שטעקען און מיט דער האנד. גאט זאגט איהם פון דארן וועגען די עשרה מכות.

גאך א קליינער פראגמענט איז די בשורה, וואס א שליח ברענגט, אז די מצריים האבען זיך דערטרונקען אין ים.

אין די צייטען פון נירון קיסר האט אין רוים גע'שמ'ט אן אידישער אקטיאר מיט'ן נאמען אליטיראס, וועלכער איז געווען דער ליעבלינג ביים קעניג און קעניגין. דער היסטאריקער יאזעפוס דערצעהלט, אז ווען ער איז אנגעקומען א געפאנגענער אין פעטואלי, איז אליטיראס געווארען זיין מליץ יושר, דורך איהם האט ער זיין פרייהייט נעקריגען און ער האט איהם פארגעשטעלט פאר דער קעניגין פאפעא.

עזעקיעלאס מיט זיין דראמע אין גריכיש און אליטיראס מיט זיין שפיעלען אין ליטייניש וויזען דייטליך גענוג, אז אידישע קרעפטען האבען זיך אבגעגעבען מיט טהעאטער און דראמע און האבען זיך אויסגעצייכענט אין דער דאזיגער קונסט, נאר אזוי ווי אויפ'ן אידישען באדען האבען זיי קיין פלאץ ניט געהאט, האבען זיי געמוזט זוכען פרעמדע פעלדער. און דערפון דארף מען אויך פערשטעהן, אז די ווארנונגען און אסורים און קללות פון די חכמים האבען ניט געווירקט אויף אלע אידען. אין טהעאטער זיינען געגאנגען ניט נאר די אידישע העלעניסטען נאר אויך אזעלכע וואס האבען פון דער גריכישער אדער רוימישער קולטור גאר ניט געוואוסט. מאמסען דערצעהלט, אז לכבוד די גרויסע רוימישע ימים טובים פלעגט יוליוס צעזאר לאזען איבערזעצען ליטיינישע און גריכישע דראמען אין אנדערע שפראכען פאר די פעלקער, וואס זיינען געווען אונטער איהם, און עס איז מעהר ווי ווארשיינליך

אז מען האָט זיי אויך איבערזעצט אין העברעאיש און געשפּיעלט פאר יענע אידען וואָס האָבען ניט פערשטאַנען די שפּראַך פון זיי־ערע אונטערדריקער, הגם די אומגאַנגס שפּראַך צו יענער צייט אין ארץ ישראל איז שוין ניט געווען דער לשון פון די נביאים.

בכלל אבער וועט ניט זיין געזינדיגט געגען דעם אמת צו זאַ־גען, אז סיי אין דער צייט פון די נביאים און סיי אין דער צייט פון די תנאים האָבען אידען קיין אייגענע דראמע ניט געהאַט.

צווייטער קאפיטעל.

דער אנהויב פון פורים שפיעל.

מיט'ן חורבן ירושלים איז אונטערגעגאנגען דער טהעאטער, וואס איז אויסגעהאלטען געווארען פון די אידישע מלכים מיט העלעניסטישע נייגונגען אין ארץ ישראל. דער פרעמדער פלאנץ איז אבגעשטארבען צוזאמען מיט די דאזיגע מלכים, און דער ביטערער גלות איז געווים ניט געוועזען מסוגל פאר אזא אונטערהאלטונג ווי טהעאטער.

און אויב אין דער צייט וואס אידען זיינען געוועזען אויף זייער אייגענעם לאנד איז טהעאטער געוועזען פערבאטען צוליעב א חשש פון עבודה זרה אדער מושב לצים, איז ער נאכ'ן חורבן ירושלים געווארען פערהאסט ביי יעדען אידען, וואס האט געהאט נאהענט צום הארצען דעם גורל פון זיין פאלק. דער דורכשניטליכער איד האט ניט געקענט מאכען קיין אונטערשייד צווישען טהעאטער און אמפיטהעאטער. ביי איהם האבען זיי ביידע געהאט איין פנים און עם האט איהם געראפט שוידערען פון דער עראינערונג וועגען דער גוואלדיגער גרויסער צאהל אונגליקליכע ברידער זיינע, וואס זיינען געפאלען אויף דער בלוט-פערגאסענער ביהנע פון דעם אמפיטהעאטער, וואו די בעסטע קינדער פון דעם אידישען פאלק זיינען געצוואונגען געוועזען פון די רוימער ארויסצוטרעטען אלס גלאדיאטארם און שניידען איינער דעם צווייטען דאס האלז.

נאר ווען אפילו דער בעגריף וועגען טהעאטער און אמפיטהעאטער האט זיך ניט אויסגעמישט, האבען די אידען איצט קיין גוט הארץ ניט געקענט האבען צום טהעאטער, וועלכער איז אין די ערשטע הונדערטער יאהרען נאכ'ן חורבן נאך טיעפער געזונקען. מען האט אויף דער ביהנע געמאכט המצאות איבער אידען און גע-

שפּאַט פון זיי. עטליכע ביישפּיעלס פון דעם דאָזיגען שפּאָט ווערען איבערגעגעבען אין דער גמרא. אזוי ניט איבער אבהו, וועלכער איז געווען וועלטליכער ווי די אנדערע אמוראים פון זיין צייט און האָט דאריבער געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אויף יענער זייט פון די ד׳ אמות של הלכה, ווי מען מאַכט חוזק פון אידען און זייערע אינסטיטוציאָנען: מען פיהרט ארויף אויף דער ביהנע אין טהעאַטער א קעמעל אין טרויער און עס הויבט זיך אָן אזא מין דיאַלאָג:

— פאר וואָס איז דער קעמעל אין טרויער?

— ווייל די אידען היטען שמיטה און זיי קענען אפילו ניט קריגען קיין קרייטיכער צום עסען און זיי זיינען דאריבער געצוואונגען צו עסען שטעכערלאך. און דער קעמעל טרויערט, ווייל זיי נעהמען אוועק זיין שפּייז.

אָדער עס קומט אריין מאַמוס (דער קאָמעדיאַנט) מיט אַן אבגעגאָלטען קאָפּ, א סימן פון אבלות און עס קומט פאר אזא דיאַלאָג:

— פאר וואָס איז מאַמוס אין טרויער?

— ווייל אויל איז טייער.

— און פאר וואָס איז אויל טייער?

— צוליעב די אידען. זיי פערברויכען שבת אַלץ, וואָס זיי האָבען פערדיענט דורך דער וואָך. עס בלייבט זיי אפילו ניט קיין שפּענדעל אָבצוקאָכען א מאָלצייט. און זיי מוזען דאריבער פערברענען זייערע בעטען צו האָבען מיט וואָס צו קאָכען. און אָהן בעטען שלאָפען זיי אויף דער ערד און וואַלגערען זיך אין שמוץ. און כדי ניט צו זיין אונריין, ברויכען זיי א סך אויל, און דאריבער איז אויל אזוי טייער.

איבריגענס, ארום דער צייט האָט שוין די דראַמע ביי די אומות העולם אנגעהויבען צו גוסס׳ן, און ארום דעם פינפטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז די אַלטע דראַמע, דאָס הייסט די גריכישע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו די רוימער, געשטאָרבען מיט א נאַטירליכען טוידט. ביי די קריסטליכע גייסטליכע איז זי געווען גראָד אזוי טרפה, ווי ביי די אידישע

חכמים, נאר איהר טוידט איז ניט געקומען פון זייערע הענד. זייע־דע איסורים וואלטען ווייניג געהאלפען, נאר די קלאסישע דראמע אפילו אין איהר סאמע געזונקענעם צושטאנד האט ניט געקענט אויסהאלטען די קאנקורענץ מיט'ן רוימישען אמפיטהעאטער און היפאדראם. אין רוים איז די קלאסישע דראמע געקומען צו קבורה, און הויך איז געווען דאס בערגעל, וואס מען האט אויף איהר אויפגעשאטען. צירקען זיינען נאך פערבליבען פיעל לענגער, אבער טהעאטער איז אין גאנצען אונטערגעגאנגען. און אין דעם לאנגען משך פון פינף הונדערט יאהר, דאס הייסט פון דעם פינפטען ביז'ן צעהנטען יאהרהונדערט איז אין קיין לאנד ביי קיין פאלק ניט געבליבען ניט נאר קיין שפור פון קיין דראמע נאר פון קיין שום סארט טהעאטראלישע פארשטעלונגען.

און אויסנאהם אין יענער צייט האבען דוקא געמאכט די אי־דען. ארום דעם פינפטען יאהרהונדערט און אפשר נאך פריהער האט זיך גענומען ווייזען ביי אידען א נייע סארט דראמע, וואס דארף בעצייכענט ווערען מיט'ן נאמען פורים שפיעל.

דער אנהויב פון דעם פורים שפיעל איז א סך עלטער, ווי מען איז געוואוינט צו דענקען. בכלל האט מען וועגען דער אידישער דראמע ווייניג געשריבען, און דער אנהויב איז נאך לחלוטין ניט אויסגעפארשט. די עטליכע אידישע געלעהרטע, וואס האבען גע־שענקט אויפמערקזאמקייט דער אידישער דראמע ווייזען געוואוינ־ליך, אז איהר געבורט איז פארגעקומען אין דעם ניינטען אדער צעהנטען יאהרהונדערט. נאך אנדערע זעהען ניט קיין שפור פון אידישער דראמע ביז'ן רענעסאנס. אבער דאס איז ניט אין גאנצען ריכטיג. דער אנהויב פון א דראמע איז ניט ווען פארטיגע שטיקער ווערען אויפגעפיהרט, נאר ווען מען הויבט זיי אן צו שאפען. דער אנהויב פון דער גריכישער דראמע איז ניט ווען עסכילוס, דער ערשטער פון די דריי גרעסטע גריכישע דראמאטישע דיכטער האט אנגעהויבען צו שאפען זיינע טראגעדיעס: אויך ניט ווען טהעספיס, דער פאטער פון דער גריכישער דראמע האט אנגעהוי־בען ארומצופאהרען איבער'ן לאנד מיט זיין וואגען, וועלכער האט איהם געדיענט אלס א ביהנע און וואו ער האט געגעבען זיינע

האמעטנע פארשטעלונגען. די גריכישע דראמע הויבט זיך אן בון דעם כאר, וואס האט געטאנצט און געזונגען לכבוד דעם גאט פון ווײַן ווען די גריכישע כהנים האבען איהם קרבנות געבראכט און דערצעהלט דעם עולם זיינע גרויסע שבחים, און פון די ווערט־לאך און המצאות וואס זיינען דערביי געמאכט געווארען פון דעם פובליקום. און ווען מיר בעטראכטען דעם נייען סארט דראמע פון דעם שטאנדפונקט, מוזען מיר קומען צום שלוס, אז דאס פורים שפיעל איז כמעט אזוי אלט ווי דער גלות.

דאס פורים שפיעל, א קינד פון גלות, געבארען אין בית המדרש אדער אויפ׳ן שוהל־הויף און געצערטעלט פון פרומע אי־דען, האט שוין אין אנהויב פון דעם פינפטען יאהרהונדערט גע־צאהלט א שווערען פרייז און איז דורכגעווייקט געווארען מ ט אי־דישען בלוט. גע׳רודפ׳ט, געשטיקט, געווארגען פון אלע זייטען, האט דער גלות איד אנגענומען די כלי זין פון דעם שוואכען און האט זיך אבגערעכענט מיט זיינע שונאים דערמיט, וואס ער האט פון זיי חוזק געמאכט אונטער די אויגען. די געלעגענהייט דערצו האט ער געהאט אין דעם איינציגען טאג פון יאהר, ווען ער האט געפייערט זיין גרויסען נצחון איבער זיין גרעסטען שונא — המן. עמלק׳ם אייניקעל איז געווען די פערקערפערונג פון אלע אידישע שונאים און אז מען האט זיך מיט איהם גערעכענט, פון איהם חוזק געמאכט, האט מען געפיהלט, אז דאס איז א נקמה אן אלע שונאים.

די מגלה וואס מען האט געלייענט אין שוהל, האט ניט גע־געבען קיין געלעגענהייט פאר מאכען חוזק. די מגלה אליין איז צו ערנסט, די שוהל צו הייליג דערפאר. האט מען דעם טאג פון פורים דעם שוהל־הויף פערוואנדעלט אין א טהעאטער און דארטען גע־מאכט א גולם פון המנ׳ען און געשטעלט פאר איהם א תל ה. די אידען האבען זיך ארומגעשטעלט ארום, און ווער עס האט גע־קאנט, האט געמאכט א וויץ, געזאגט א המצאה, ארויסגעשפרונגען מיט א קאטאוועס, און ווען דער שפאס האט זיך אויסגענומען, האט מען דעם גולם פערברענט צוזאמען מיט דער תליה. צו דאס איז געווען א צופאל, צו אן איינפאל פון א וויצלינג, דער גולם

מיט דער תליה האט אנגענומען די פארם פון א צלם, און דאס האט ארויסגערופען א שארפען פראטעסט פון די קריסטליכע שכנים. זיי האבען זיך געקלאגט, אז אידען שפאטען פון זייער אמונה. אימ־פעראטאר טהעאדאסיוס דער צווייטער האט ארויסגעגעבען א בע־פעהל, אז אידען זאלען זיך ניט ערלויבען צו מאכען אזא פורים שפיעל און ערקלערט א שטראף פאר די וואס וועלען דערויף עובר זיין. אבער ניט דער בעפעהל און ניט די שטראף זיינען געווען בכח אבצושטעלען אזא שפיעל. די אידען האבען זיך געמאכט ניט וויסענדיג, און דער כעס פון די קריסטליכע שכנים איז געוואק־סען. אין דעם סירישען שטעדטיל אימנעסטאר, ניט ווייט פון אנ־טיאך, וואו די אידען האבען זיך לוסטיג געמאכט איבער א גולם פון המן אויף דער תליה, האבען די קריסטען געמאכט א בלבול, אז די אידען האבען אויפגעהאנגען א קריסטליכען בחור אין דער פארם פון א שתי וערב און פערשמיסען איהם אויף טויט. פיעל אידען זיינען שווער בעשטראפט געווארען דערפאר, און אין אנ־טיאך האבען די קריסטען נקמה גענומען פון די אידען און פער־טריבען זיי פון די בתי מדרשים. דאס איז געווען אין דעם יאהר 415.

ווי פרימיטיוו, ווי האמעטנע אזא שפיעל איז ניט געווען, קען מען שוין אין דעם זעהן א גאנצע האנדלונג, א גאנצע פארשטעלונג, און מען דארף ניט קיין סך חקירות צו ציהען דעם שלוס, אז דאס דאזיגע שפיעל איז פיעל נעהענטער צו קאמעדיע, ווי די ערשטע וויצען און פזמונים לכבוד דעם גריכישען גאט דיאניסאס, וועלכע רעכענען זיך פאר'ן אנהויב פון דער אלטער גריכישער דראמע.

מען קען זיך גרינג פארשטעלען, ווי אזוי דאס פורים שפיעל האט זיך גענומען ענטוויקלען. די וויצען און המצאות, וואס זיינען געמאכט געווארען ארום דער תליה, זיינען לכתחילה ארויסגעזאגט געווארען ניט געטראכטערהייד. יעדער האט געזאגט, וואס איהם איז איינגעפאלען. די געלונגענע וויצען, די בעסערע המצאות זיינען געבליבען אין זכרון און וואס א יאהר שפעטער זיינען זיי געווא־רען אלץ מעהר בעקאנט און אלץ מעהר געוואקסען. און עס האט זיך אויסגעארבייט א געוויסער נוסח. דערביי איז שוין געווען גרינג

איינצופיהרען אן ארדענונג, אז איינער זאל דעם צווייטען ניט אריינפאלען אין די רייד. איינער האט געזאגט און דער אנדערער האט געענטפערט און דאס איז שוין אן אמת'ער דיאלאג, וואס ציהט זיין זאפט פון דעם פאלקס הומאר.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם דאזיגען שפיעל איז צו־געגאנגען זעהר, זעהר לאנגזאם, ווייל ווען מיר בעגעגענען אין דעם נייננטען יאהרהונדערט שוין א פארטיג פורים שפיעל, א פארם גענומען פון דער געשיכטע אחשורש, זעהען מיר ווידער, אז די הויפט פערזאן איז א מאנעקען פון המן, וועלכען מען פערברענט אויף א שייטערהויפען, און די פערזאמעלטע טאנצען ארום איהם און זינגען און פרעהען זיך מיט המנ'ס מפלה.

אויף אזא אופן האט דאס פורים שפיעל אין א קיימא לן פון פיינע עטליכע הונדערט יאהר קיין גרויסען פארטשריט ניט גע־מאכט, און עס האט זיך נאר אויסגעארבייט אנשטאט צופעליגע וויצען און המצאות א בעשטימטע פארם און א געוויסער נוסח. און קיין וואונדער ניט. ווי שוין אויבען דערמאנט איז די צייט פון דעם פינפטען ביז דעם צעהנטען יאהרהונדערט ניט געווען מסוגל פאר דראמע. און אידען זיינען אפשר געווען די איינציגע ביי וועמען דורך דער דאזיגער גאנצער לאנגער צייט האט זיך געוויזען דאס ערשטע קערנדעל פון א נייען סארט שפיעל, נאכדעם ווי די אלטע קלאסישע דראמע האט איהר רוה געפונען אין קבר. די אידען זיינען געווען די פיאנערען אין דער מאדערנער דראמע און די דראמאטי־זירונג פון מגלת אסתר, וואס איז געמאכט געווארען אין דעם נייני־טען אדער צעהנטען יאהרהונדערט איז געווען אזא גרויסע אויפ־טהו, פון וועלכען די אייראפעאישע פעלקער האבען דעמאלט נאך אפילו ניט גע'חלומ'ט. עס איז פערשפארט צו זאגען, אז דאס ווארט מאדערנע ווערט דא געברויכט אין דעם סאמע ברייטסטען זין און דערמיט ווערט בעצייכענט די דראמע וואס האט זיך אנגע־הויבען צו ענטוויקלען נאכ'ן טוידט פון דער קלאסישער דראמע. דער אנהויב פון דער מאדערנער דראמע אין די מערב אייראפעאי־שע לענדער הויבט זיך אן ערשט אין דעם צעהנטען יאהרהונדערט אין די קירכען, און דער ערשטער אויסדרוק פון א דראמאטישען

עלעמענט איז געווען די לצנות׳דיגע עבודה, וואס מען האט געפּראַ־וועט פאר דעם אלטאר אין דעם יום טוב פון די שוטים. אלע לצים וואס האבען אין דעם געשפּיעלט זיינען געווען אנגעטהאן ווי קאָ־מעדיאנטען און מען האט דערביי געזונגען צ נישע ליעדלאך און געגעסען און געטרונקען און געמאכט זיך לוסטיג.

יעדער אידישער איינגעל האט געהערט, אז פאר פסח בעהאל־טען די גלחים א צלם מיט׳ן געקרייציגטען יעזוס אין א טרונע און אין דער נאכט פון פסח געהען די גלחים ארום און זוכען איהם, און ווען זיי קומען צו דער טרונע געפינען זיי זי אפען און דארטען ליגען נאר די קליידער, און עס ווערט א שמחה ביים עולם, אז יעזוס איז צוריק לעבעדיג געווארען.

אין יענע צייטען האט מען עס געפּראַוועט מיט גרויס פּאַ־ראַד. מען האט פאַרגעשטעלט, ווי די מוטער פון יעזוס וויינט איבער דער טרונע און ווי מלאכים זינגען און דערביי זיינען פאָרגעקומען דיאלאָגען און דער עולם האט זיך געפרעהט און געזונגען און זיך געהאלזט און געקושט.

אזעלכע זיינען געווען ביי די קריסטען די ערשטע פאָרשטע־לונגען, פון וועלכע עס האט זיך ענטוויקעלט די מאָדערנע דראמע, און ווען מען פערגלייכט זיי מיט א דראמאטיזירונג פון דער מגלה אסתר, וואס אידען האבען געשפּיעלט אויפ׳ן שוהל־הויף, עס מאכט ניט אויס, ווי אומגעלומפּערט, ווי האמעטנע זי איז ניט גע־זוען, קען מען גרינג איינזעהן, אז דאס פורים שפּיעל האט שוין דערגרייכט א געוויסע מדרגה פון ענטוויקלונג, ווען די מאָדערנע דראמע האט זיך ביי די קריסטען ערשט גענומען אויסקאַלופּען פון איי.

אבער דער נייער מין דראמע, געבארען אין בית המדרש, ער־צויגען פון ישיבה בחורים און געצערטעלט פון פרומע אידען, איז שוין פון געבורט געווען פער׳משפּט אויב נ ט אויף א פריהצייטיגען טוידט איז לכל הפּחות אויף זעהר א געמאַטערט לעבען. דאס פורים שפּיעל האט גלייך דערפיהלט די שטייפע פּענטעס, וואס האבען איהם ניט געלאזט קיין ריהר טהאן זיך און דערצו האט עס נאך בענגעגענט אויפ׳ן וועג גרויסע שטרויכלונגען, וואס עס האט ניט

געקענט בייקומען. שוין ביי דער ערשטער דראמאטיזירונג פון אחשורש האט מען זיך אנגעשטויסען אויף אן אייזערנע וואנד. אין דער מגלה פון אסתר קומען אריין אזעלכע פערזאָנען, ווי ושתי, אסתר און זרש, און אויב אפילו מען קען אויסקומען אהן ושתי און אהן זרש, קען מען זיך ניט בעגעהן אהן אסתר. און ווער זאָל שפיעלען די ראָל פון אסתר? א מיידעל? א ווייבעל? אפילו ביי די גריכען האבען פרויען ניט געשפיעלט אויף דער ביהנע און אויך מיט פיעל הונדערטע יאהרען שפעטער אין ענגלאנד, אין שעקספירס צייטען, האבען פרויען ניט געשפיעלט, און די ראָל פון דער ווייבליכסטער דזשוליעט האט געשפיעלט א יונגער בחור אפשר נאך מיט קליינע וואנסעלאך. עס האט דעמאָלט גאר ניט געקענט זיין די פראגע פון „קול באשה ערוה", אז עס איז א שאנד צו הערען די שטים פון א פרוי, ווייל עס האט גאר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען א אידישער מיידעל אדער ווייבעל צו מישען זיך צווישען מאנסביל. עס פארשטעהט זיך, אז די ראָל פון אסתר וואלט בעדארפט שפיעלען א זכר, און אין אזא פאל האט מען זיך אנגעשטויסען אויף א בפירוש'ען לאו פון דער תורה: „לא ילבש גבר שמלת אשה", א מאנסביל טאר ניט אנטהאן קיין פרויען־קליידער. דער אלטער פערבאט פון טהעאטער צוליעב מושב לצים איז א חוזק געגען דעם דאָזיגען לאו, און דאס אליין האט גע־דארפט זיין גענוג צו טוידטען דאס פורים שפיעל, נאך איידער עס האט געוויזען די ערשטע סימנים פון לעבען.

עס דארף דעריבער קיין חדוש ניט זיין, פאר וואס די ענט־וויקלונג פון דעם פורים שפיעל איז צוגעגאנגען אזוי לאנגזאם. מיר דארפען זיך גיכער חדוש'ען, ווי אזוי עס איז גאר געקומען צו א דראמאטיזירונג פון אחשורש. און טאקע ווען ניט דער ספעציעלער כאראקטער פון דעם יום טוב פורים וואלט קיין מאל דאס פורים שפיעל ניט אויסגעהאַדעוועט זיך אויפ'ן שוים פון אידישקייט.

פורים איז געווען דער אידישער קארנעוואל, א יום טוב פון הוליען און טרינקען, ווען שכרות ווערט גערעכענט פאר א מצוה. דאס איז דער איינציגער יום טוב, ווען דער איד האט זיך אין גאנ־צען אויסגעטהאן פון זיין רוחניות וועלטעל און האט זיך מיט

חשק אריינגעווארפען אין הבלי עולם הזה. דעם טאג האט געמאכט א מרידה דער אסקעט, דער נזיר, דער איינגעהאלטענער אין איהם און געגארט צו טהאן עפעס אזוינס, וואס איז געווען געגען זיין גאנצען ארט לעבען, געגען זיין גאנצער פילאזאפיע. די פורים'דיגע סעודה, די עטליכע גלעזער וויין אדער גלעזלאך בראנפען ווישען ווי מיט דער האנד פון איהם אב זיין ערנסטקייט, אייביגען אומעט און ווייזען איהם די וועלט גאר אין אנדער קאליר. אין דעם טאג ווערט עפעס ווי פערשוואונדען יעדע הייליגקייט, און אפילו דער פרומס־טער איד פערגינט זיך צו זאגען אזעלכע הלצות, ביי וועלכע וויי־בער טארען ניט זיין דערביי. אין ישיבות, וואו בחורים און יונגע לייט זיינען א גאנץ יאהר געזעסען על התורה ועל העבודה איז גע־ווען א מנהג אויסצוקלייבען אויף דעם טאג פון פורים א לצנות־דיגען רב און ער האט געזאגט אזעלכע דרשות, פון וועלכע א איד פון א גאנץ יאהר וואלט רויט געווארען פאר בושה. די דאזיגע דרשות האבען זיך אויסגעצייכענט מיט גראבען ציניזם, מיט מאוס'ן נבול פה, און וואס געזאלצענער דער נבול פה איז געווען, אלץ מעהר האט דער עולם אנגעקוואלען.

יונגע חברה לייט האבען זיך אין דעם טאג אנגעטהאן אין וויי־בערשע קליידער, זיינען ארומגעגאנגען אין די גאסען און געמאכט קאמעדיאנטסקע שטיק, און די עלטערע מענשען, די פרומע אידען האבען ניט נאר גאר ניט געהאט קעגען דעם, נאר געקליבען פון זיי פערגניגען.

עס איז קיין שום ספק ניט, אז דער כאראקטער וואס פורים האט אנגענומען האט זיך ניט אויסגעארבייט אויפ'ן שוים פון אידישקייט און אז דער מנהג איז איבערגענומען געווארען פון די ארומיגע פעלקער. אין דעם מיטעלאלטער האט מען אין פיעל מדינות אין אייראפא געפייערט דעם נארענפעסט. די לצנות אין דעם יום טוב האט מען געטריבען אזוי ווייט, אז אויף דעם טאג פלעגט מען אויסקלייבען א פאבסט, אריינזעצען איהם אין א טהראן אין איינער פון די גרעסטע קירכען און אויף זיין בעפעהל פלעגט מען פראווען א חוכא וטלולא'דיגע עבודה. דער דאזיגער יום טוב איז אויך ניט געווען קיין קריסטליכער. ער איז איבערגעגאנגען

צו די קריסטען פון די רוימישע געצענדיענער און איז געווען אן איבערבלייבסעל פון דער רוימישער סאטורנאַליע.

דאָס איז זעהר וויכטיג צו וויסען, כדי בעסער צו פערשטעהן דעם כאראקטער פון פורים אין די פריהערדיגע צייטען, און דאָס וועט אונז העלפען צו בעגרייפען ניט נאָר ווי אזוי איז מעגליך געוואָרען א פורים שפיעל ביי אידען, ווען אזעלכע שווערע שטיינער זיינען איהם געלעגען אין וועג, נאָר אויך פאר וואס עס האָט אָנגענומען אזא גראָבען, ציניישען און אונגעלומפערטען פנים.

דאָס פעלד פון דראמע ביי אידען איז געווען קליין און בעשרענקט. א סאטירע, א וויציגער דיאַלאָג, א קליינער פארס — דאָס איז געווען אלץ וואָס מען האָט געקאָנט שאפען אויף דעם פעלד. נאָר קיין אנדערע פעלדער זיינען אויך ניט געווען פאר דער דראמע. און דער דראמאטישער קערנדיל, וואָס האָט זיך בעוויזען ביי אידען איז געבליבען אין א פערגליווערטען מצב. און ערשט ווען אנדערע ברייטערע פעלדער האָבען זיך געעפענט, האָבען זיך אידען גענומען מיט חשק און התמדה צו דער קונסט פון דראמע. די ערשטע אָריגינעלע דראמע אין דער שפאנישער ליטעראַטור, „סעלעסטינא“, שרייבט מען צו א אידען, ראָדריגאָ דא קאָטא. די ערשטע עכט אידישע שטיק אין שפאניש „אסתר“ איז אָנגעשריבען געוואָרען אין דעם יאָהר 1567 פון סאלאמאן אוסק מיט דער הילף פון לאַזארא גראַציאַנאָ, ביידע אנוסים. אנדערע שפאנישע אידען זיינען געגאנגען אין זייערע טריט און הגם פערטריבען פון שפאניען האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו שרייבען אין שפאניש און שאפען זייערע דראמאטישע ווערק נאָך שפאנישע מאָדעלען. זייער טהעטיגקייט אויף'ן פעלד פון דראמע איז געווען אזוי פרוכטבאר, אז באלד האָט זיך בעוויזען א „אידישער קאלדעראָן“, וועלכער האָט אָנגעשריבען איבער צוויי און צוואנציג דראמען. ער האָט געהייסען אנטאָניא ענריקעז דע גאָמעץ (1600-1660), א מאַראנאָ וועלכער האָט זיך ארויסגעראטעוועט פון דער אינקוויזיציע און איז אנטלאָפען פון שפאניען. א צייט לאנג זיינען פיעל פיעסען זיינע אָנגענומען געוואָרען פאר קאלדעראָנס. מען דענקט אויך אז ער איז דער פערפאסער פון דעם שפאנישען פורים שפיעל

„קאמעדיא פאמאזא דע אמאן אי מארדעכאי."

שמחה לוצאטא (1590-1663) האט אין זיינע יונגע יאהרען אנגעשריבען אין איטאליעניש א פאראבאלע, א מין אלעגאריע אין א דראמאטישער פארם. דער אינהאלט איז אזא: אין דעלפי האט מען געגרינדעט אן אקאדעמיע מיט דעם צוועק אבצוזונדערן די פסולת פון מענשליכען וויסען. „פערשטאנד" האט גלייך דערלאנגט א פעט ציע פון געפענגנים, וואו זי איז א צייט לאנג געווען איינגע־שפארט דורך „ארטהאדאקסישען אויטאריטעט", און געפאדערט מען זאל איהם גלייך בעפרייען. און הגם פיפאגאראס און אריסטאטעל, די הויפט פארשטעהער פון וויסען, זיינען געווען געגען דעם און האבען געווארענט, אז ווען „פערשטאנד" וועט בעפרייט ווערען, וועט ער פערשפרייטען שרעקליכע פערגרייזטע מיינונגען, דאך האט די אקאדעמיע ארויסגעלאזט איהם פריי, ווייל נאר מ'ט'ן פער־שטאנד קאן וויסען זיך ענטוויקלען. נאר די ערשט בעפרייעטע מוחות האבען אנגעמאכט א סך צרות, און די אקאדעמיקער האבען ניט געוואוסט, וואס צו טהאן. סאקראטעס האט זיך אויפגעהויבען און אין א לאנגער רעדע האט ער ערקלערט, אז „פערשטאנד" און „אויטאריטעט". ווען מען ערלויבט זיי צו געוועלטיגען אליין, וועלען נאר מאכען פעהלערען און צרות, נאר ווען יעדער פון זיי ווערט בעשרענקט, פערשטאנד פון אמונה און אמונה פון פערשטאנד, און ווערען אויסגעמישט אין א ריכטיגער פראפארציע, וועלען זיי שאפען א שעהנע הארמאניע, וואס גיט דעם מענשען די וועלט און יענע וועלט.

דאס קאן מען בשום אופן ניט רופען דראמע און האט קיין שייכות ניט מיט דראמאטישער קונסט. נאר די פאראבאלע ווייזט, אז די איטאליענישע אידען האבען זיך גענומען צו דער דרא־מאטישער פארם. לעא מאדענא (1571-1649), האט אין דער זעל־ביגער צייט איבערזעצט אין איטאליעניש אוסק'ס „אסתר" פון שפאניש.

אין דעם זעלביגען יאהרהונדערט איז אויך געמאכט געווארען דער ערשטער פערזוך צו שאפען די העברעאישע דראמע. דער ערש־טער אויף דעם פעלד איז געווען משה זכות (זאקוט אדער זאקוטא,

(1630־1697) געבאָרען אין אמסטערדאם און האָט געלערנט אין איין ישיבה מיט ברוך שפּינאָזא). דאָס ווערק הייסט „יסוד עולם" און די העלדען זיינען: נחור, מלכה, תרח, אברהם, הרן, שרה, לוט, אליעזר, נמרוד, עוג, אמרפל, ישמעאל, הגר, קטורת, יצחק, נמרוד'ס קנעכט און חכמים, אברהמ'ס פאַסטוכער און זייער אויפזעהער אחיטוב, לוט'ס פאַסטוכער און זייער אויפזעהער אחירע, אמרפל'ס חברים.

הגם דער „יסוד עולם" איז געווען די ערשטע געשריבענע דראמע אין העברעאיש איז אבער די ערשטע העברעאישע געדרוקטע דראמע געווען „אסירי התקוה" פון יוסף פּענזאָ דע לאַ וועגאַ (1650־1703). די וויכטיגקייט פוןביידע דראַמען בעשטעהט נאָר דערין, וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע אין העברעאיש. דער אינהאַלט פון „אסירי התקוה" איז אזא: א קעניג וואָס קוקט זעהר ערנסט אויף זיין פעראַנטוואָרטליכקייט אלס הערשער ווערט פערפיהרט, פריהער פון זיינע אייגענע אימפּולסען, וואָס ווערען פערסאָניפיצירט אין יצר, דערנאָך פון א קאָקעטקע אין דער געשטאַלט פון אשה און דערנאָך פון דעם שטן. דריי אנדערע קרעפטען בעמיהען זיך צו האַלטען איהם אויף דעם ריכטיגען וועג און זיי זיינען: שכל, השגחה און א מלאך. פּענזאָ האָט געהאַט די כונה צו ווייזען די קינדער פון די אנוסים, וועלכע זיינען געוואוינט צום פרייען און אויסגעלאַסענעם לעבען פון שפּאַניען, אז די וועגען פון דעם יצר און אשה און שטן פיהרען ניט צו קיין גוטס, און אז דאָס אמת'ע גליק געפינט מען אין גוטע מדות.

מיט'ן אַנקומען פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט איז די טהעטיגקייט אויפ'ן דראַמאַטישען פעלד צווישען אידען געוואָרען א פּיעבערהאַפטע. די פאָדערונג אויף טהעאַטער וואַקסט אומעדום און דראַמאַטישע ווערק ווייזען זיך אין אלע לענדער, וואו אידען זיינען פערשפּרייט. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער גאַנצער בנין פון אידישקייט האָט אַנגעהויבען צו קראַכען, די לאַסט פון חומרות, גדרים, סיגים האָט זיך אַנגעזאַמעלט א צו שווערע, און דער איד האָט געוואָלט אויסגלייכען זיינע פּלייצעס. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי שבתי צבי איז ווי א שטורם דורכגעגאַנגען אין אלע

תפוצות ישראל און האט הינטער זיך איבערגעלאזט א ווילדע אויפ־רעגונג, אן אונבעקאנטע בענקעניש נאך א גרינגערען, פרייערען, בעסערען לעבען. אין די גהעטאס, וואו די אויגען זיינען תמיד געווען פעררים צום הימעל, האט מען פלוצים דערזעהן די ערד מיט אלע איהרע פערגניגענס. און הגם שבתי צבי אליין איז שוין געווען טוידט און זיינע חסידים אויסגע'שמד'ט, האט אבער נאך געלעבט דער שבתי־צבי'נישער גייסט. דער קאמף געגען דעם שווערען יאך פון תלמוד האט אנגעהאלטען, און דער מיסטישער זוהר, ווי דונקעל ער איז ניט געווען, האט פערשפראכען מיט'ן אויטאריטעט פון אמונה מקרב צו זיין דעם הימעל צו דער ערד.

אין דעם ערשטען פערטעל פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונ־דערט האט זיך אין איטאליען בעוויזען דער העברעאישער דראמא־טישער דיכטער משה חיים לוצאטא (1707־1747). געבארען און ער־צויגען אין איטאליען איז ער די ערשטע צייט געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער איטאליענישער דראמאטישער ליטעראַ־טור און זיין ערשטער פערזוך אויפ'ן פעלד פון דראמע אין דער האלב פערגעסענער שפראך פון די נביאים. „שמשון ופלשתים“ דערמאנט שטארק דאס בעוואוסטע איטאליענישע שעפער־שפיעל „פאסטאר פידא“ (דער טרייער פאסטוך). די דאזיגע דראמען האט ער אנגעשריבען אין דעם יאהר 1724, דאס הייסט ווען ער איז אלט געווען זיבעצעהן יאהר.

ער איז געווען צו יונג, צו אונערפאהרען, צו געבען א נאַ־טירליכע פארב די ליידענשאפטען, וואס ווערען געשילדערט אין „שמשון ופלשתים“. די דאזיגע ליידענשאפטען זיינען איהם געווען אין גאנצען פרעמד און ער האט זיי נאר געקענט מאלען מיט פאר־בען פון דער פאנטאזיע. קיין לעבעדיגקייט, מענשען־קענטשאפט האט מען אין דער דראמע ניט צו זוכען, נאר דערפאר איז זי דורכגעדרונגען מיט א רייכער פאעטישער פאנטאזיע.

זיין צווייטע ווערק אין א דראמאטישער פארם דער „מגדל עוז“ ווייזט א וואונדערבארע הארמאניע פון קלאנגען, וועלכע מען האט ניט געהערט צווישען אידען צייט די נביאים זיינען אנשווי־

נען געוואָרען, אָבער דאַ ווייזט זיך אויך ארוים אַן אונבעקאַנט־שאַפט מ ט דער וועלט.

א קינד פון רייכע עלטערן, ערצויגען אין רחבת, דערוויטערט פון יעדער דאגה, האט ער די וועלט נאָר געקענט זעהן פון זיין צימער, וואו ער האט זיך ארומגעטראָגען מיט שבתי צבי׳נישע חלומות. באלד אבער האט ער געמוזט ערוואַכען פון זיינע חלומות און קומען אין צוזאַמענשטויס מיט פערשיידענע מענשליכע ליי־דענשאַפטען. דאָס רעדעל ביי זיין פאטער האט זיך איבערגע־דרעהט, און דער איידעלער טרוימער און מיסטיקער א ז געבלי־בען אָהן מיטלען און האָט גערדאַרפט אָנהויבען צו זאָרגען וועגען דער וואָכעדיגער חיונה. און איצט אז ער האָט פערלאָרען דעם שוץ פון דעם רייכען פאָטער, האָבען די איטאַליענער רבנים אָנגעהויבען צו רודפ׳ען איהם פאר זיינע נייע־גונגען צו דער קבלה און האבען איהם אין חרם אריינגעוואָרפען. זיי־נע פריינד וואָס האָבען איהם שבחים געזונגען האָבען איהם איצט פערלאָזט און אבגעקעהרט זיך פון איהם. ער האָט א צט דערזעהן מענשען ווי זיי זיינען. ער האָט געקענט אריינקוקען טיע־פער צו זיי אין הארצען, און די ערפאהרונג וואָס איז איהם פרי־הער אבגעגאנגען, איז צו איהם יעצט געקומען אין דער פולער מאָס.

אָבער די דאָזיגע ביטערע ערפאהרונגען האָבען זיין פּאָעטישען גייסט ניט ביטער געמאכט. א ן זיין לעצטער אונשטערבליכער דראמע „לישרים תהלה", ווייזט ער זיך ארויס אין זיין פולער קראפט. דאָס איז א גרויסע ווערק סיי אין דער פאָרם, סיי אין סטיל און סיי אין געדאנקען. מיט דער דאָזיגער דראמע האָט ער זיך געשאפען אן אייביגען מאָנומענט אין העברעאיש.

„לישר ם תהלה" איז געשריבען אין דער פארם פון פאר־שעקספּירס צייטען, אלעגאריש. די כאראקטערען זיינען ניט קיין מענשען פון בלוט און פלייש, נאָר אבסטראקציעס, ווי שכל און נאַ־רישקייט, ארענטליכקייט און פאלשקייט און דאָס גלייכען.

אויפ׳ן ערשטען בליק קען אויסוויי זען, אז די העברעאישע דראמען זיינען לכתחילה געשאפען געוואָרען בלויז צום לייענען און

ניט צום אויפפיהרען אויף א ביהנע, ווייל זייער דראמאטישער שטאף איז צו קליין און די האנדלונג צו שוואך. בפרט ווען זיי זיינען געקומען נאך שעקספיר און נאך קאלדעראן, ווען פון א דראמע האט מען געפאדערט א שטארקע האנדלונג מיט מענשען פון בלוט און פלייש און די צייט פון אלעגאריען און מאראליטעטען איז שוין געווען פאראיבער. אבער א ן אמת'ן איז געווען א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג אין דעם 17טען יאהרהונדערט צו געבען דראמאטישע פארשטעלונגען פון העברעאישע שטיקער אויף חתונות ווי אויך פורים, און די מייסטע העברעאישע שטיקער זיינען געשריבען געווארען פאר דעם צוועק. דער אידישער דיכטער יצחק גאמעץ דע סאסא, וועלכער האט געלעבט אין איין צייט מיט יוסף פענזא אין אמסטערדאם האט אין לייטינישע פערזען בעזונגען די ערשיינונג פון „אסירי התקוה“ אזוי:

„ענדליך איז עס עררייכט געווארען. די העברעאישע מוזע שפאצירט איצט אין די פעלצענע שיף מיט די הויכע אבסאצען זיכער און שטייף. מיט געמאסטענע טריט פון פאעזיע ווערט זי מיט פאראד אריינגעפיהרט דורך יוסף (פענזא). א רייכער שטראהל פון האפנונג שיינט ווידער, אז איצט וועט אויף די ביהנע זיך עפענען פאר דעם הייליגען געזאנג.“

דערפון דארף מען דרינגען, אז מען האט געווארט צו הערען די מעלאדישע קלאנגען פון די העברעאישע דראמאטישע דיכטונגען אויף א ביהנע.

אין דער זעלבער צייט וואס משה חיים לוצאטא האט רייכער געמאכט די העברעאישע שפראך מיט זיינע דראמאטישע דיכטונגען האט זיך יאזע דע סילווא (1705-1739) אויסגעצייכענט אלס דראמאטישער דיכטער אין פארטוגאל און האט בערייכערט די פארטוגעזישע ביהנע מיט פיעל דראמען. יאזע דע סילווא איז געבליבען א קלאסיקער אויף דער פארטוגעזישער ביהנע און זיינע דראמען ווערען נאך געשפיעלט ביי היינטיגען טאג. זיין טוידט איז זעהר א טראגישער. ער איז געשטארבען א מארטירער אויפ'ן שייטערהויפען, און בשעת די פלאמען האבען ארומגעכאפט זיין קערפער, האט מען אין דעם גרויסען טהעאטער אין ליסאבאן אויפגע-

פיהרט זיינע אן אפערעטע און דאס קנאקען פון דעם פייער האט זיך אויסגעמישט מיט די מעלאָדישע קלאַנגען פון זיין מוזיקאלישער דראמע.

מיט איהם האט זיך געענדיגט די עפּאָכע פון דער שפאנישער און פּאָרטוגעזישער השפעה אויף אידישע טאלאנטען. ער איז געווען דער לעצטער רינג אין דער גאָלדענער קייט, וואָס האט זיך געצויגען פון דעם בלוטיגען שפאניען אין אלע יענע לענדער, וואו אידען האבען געבונען א מקום מקלט נאָכ׳ן גירוש.

גאמעץ אין שפאניען און יאזע דע סילווא אין פארטוגאל זיינען ניט געווען סתם דראמאטורגען. זיי האבען פערנומען זעהר א וויכטיגען פלאץ אויף דער שפאנישער און פארטוגעזישער בהנע. עס איז זעהר פיעל געזאגט, ווען גאמעץ׳ס דראמען זיינען א צייט לאנג אנגענומען געוואָרען פאר קאלדעראָנס. קאלדעראן פערנעהמט אויף דער שפאנישער ביהנע דעמזעלביגען פלאץ, וואס שעקספיר אויף דער ענגלישער. יאזע דע סילוואַ׳ס דראמען האבען אויסגעהאלטען די בעסטע פראבע, די פּראָבע פון צייט, ווען זיי האבען זייער רייץ ניט פערלאָרען אין א משך פון א צוויי הונדערט יאהר אויף דער פארטוגעזישער ביהנע. די דאָזיגע פאקטען זיינען פאר אונז זעהר וויכטיג. מען האט ביי אונז און וועגען אונז א סך טהעאָריען געבויט, פאר וואס אידען האבען זיך ניט אויסגעצייכענט אין דער דראמאטישער ליטעראטור. מען האט וויסענשאפטליך ערקלערט, אז די אייביגע רדיפות און די שענדליכע גהעטאס האבען די אידען ניט געמאכט מסוגל פאר דראמע. מען האט אויך ערקלערט, אז דער אידישער טעמפעראמענט איז אזא, וואס לאזט זיך פשוט ניט שפּאנען צו דראמע. די אנגסטען און צרות פון די אנוסים זיינען געווים ניט געווען קלענער פון די רדיפות און ערנידרונגען, וואס די אידען אין די גהעטאס זיינען אויסגעשטאנען. דער טעמפעראמענט אז ביי זיי געווען א ריין אידישער, אויב עס איז פאראן אזא זאך ווי א ספעציעלער אידישער טעמפעראמענט, און דאך האבען די אנוסים אין שפאניען און פארטוגאל דערוויזען אויסצוצייכענען זיך אויף דעם פעלד פון דראמע.

די אידען וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון שפאניען האבען

פון זיך ניט געקענט אבטרייסלען די נייע השגות, וואס האבען זיך
ביי זיי אויסגעארבייט אונטער דער השפעה פון יענעם לאנד. און
די אנוסים זיינען געוואוינט געווארען צו א פרייען לעבען. די הבלי
עולם הזה האבען ביי זיי פערנומען א גרויסען פלאץ און די אנוסים
האבען אפילו ניט בעגריפען פאר וואס מען דארף זיין דערוויי־
טערט פון פרוּ עז.

עס דארף דאריבער קיין חדוש ניט זיין, פאר וואס זיי האבען
געבראכט אומעדום, וואו זיי זיינען פערוואגעלט געווארען, א לעב־
צונג נאך אזא אונטערהאלטונג, ווי טהעאטער, און ווען צוליעב וועל־
כער עס איז אורזאך האבען זיי ניט געקענט בעזוכען דעם טהעא־
טער פון דער שטאדט, וואו זיי האבען זיך בעזעצט, האבען זיי גע־
גרינדעט אייגענע טהעאטערס.

און ניט נאר די שפאנישע אידען אליין האבען זיך דערמיט
אויסגעצייכענט, אויך די אידען אין איטאליען האבען ארויסגע־
וויזען א פאדערונג אויף אזא אונטערהאלטונג און אין דעם זי־
בעצעהנטען יאהרהונדערט האבען זיי געהאט זייערע אייגענע
טהעאטערס, ווי מען קען עס זעהען פון די שאלות ותשובות פון דעם
איטאליענישען רב שמואל אבוהב. דער דערמאנטער רב ווענדט זיך
צום ווענעציער רב עזריה פיגו מיט אזא בריעף:

*) לכמהרר עזריה פיגא: מוירונה לוויניציאה.

דעם יאהר תס"ב.

תעיר קנאת ד על קביעת בתי טרטיאות ובתי קרקסיאות
במחנה העברים בהתאסף שם אנשים ונשים וטף לשמוע דברי לצנות
ונבלות פה. כי החלתי מיגון וכאב פירוד הנעשה ע"י פ' נר"ו
וחוששני פן ח"ו תצא תקלה מתחת ידו לרבים ופערו פיהם לבלי
חוק להטיל מום בקדשים, כי הזמן והמקום מופן וניצב לריב לשונות
ודבר עבירה בעוונ' שרבו. והאחרון הכביד הקל ארצה עטרת
תפארת היהדות מעיר ההיא לבנות ולהקים להם בקרב מחנם הקדושה
בתי טרטיות ובתי קרקסיות הקבועות ונאספו שמה אנשים ונשים

---

*) דבר שמואל, פון שמואל אבוהב, געדרוקט אין וועניציע אין
דעם יאהר תס"ב.

וטף בנות ישראל הצנועות עם הפרוצות עוברות על דת משה ויהודית קטון וגדול שם הוא כעם ההולך בחליל לשמוע פרשת הקהל והטף למה בא ליתן עונש למביאם, כי מה יעשה אותו הבן ולא יחטא בשבתו בסוד משחקים בשומעו קול פה דובר נבלה הנכנס בגופו כעכס של עכנאי ומעשה ידינו קונן עלינו איכה היתה לזונה קריה נאמנה.

אי לזאת יחרד לבי מורי ורבו, איך זקנים שבדור כבשו פניהם בקרקע, אין קנאים פוגעים בו לעכבו וליכא מאן דדאין דינא דגרמי להרים מכשול דין עסק ביש אבי אבות הטומאה.

אין קורצען בעדייט דער דאָזיגער אויסצוג פון דעם בריעף אזוי:

שמואל אבאאב קלאָגט זיך פאר'ן ווענעציער רב פאר וואָס די שעהנע און פרומע אידען שווייגען און קוקען זיך רוהיג צו, ווי מען בויט שטענדיגע טהעאטערם און צירקען אין ווענעציע פאר אידען, און מאנסביל און ווייבער און קינדער, פרומע אידישע טעכטער צוזאמען מיט אויסגעלאסענע זיינען עובר אויף אידישע דינים און פערזינדיגען זייערע יאָהרען, ווייל קיין גוטס קאָן ניט ארויסקור־מען פון זיצען אין א טהעאטער און הערען ווי אקטיאָרען רעדען שענדליכע ווערטער, וועלכע פערדארבען די צוהערער. טהעאטער איז אבי אבות הטומאה.

שמואל אבאָאב איז דער זעלביגער, וועלכער האָט אין 1734 צוזאמען מיט נאָך פיער איטאַליענישע רבנים ארייננעוואָר־פען משה חיים לוצאטא אין חרם.

דער ספר „דבר שמואל" איז געדרוקט גאָר אין אַנהויב אכט־צעהנטען יאהרהונדערט, אויף דעם בריעף צו עזריה פיגו איז קיין דאטום ניט אָנגעגעבען און אזוי ווי ער געפינט זיך צווישען גאָר די ערשטע שאלות קען מען דערפון דרינגען אז ער איז געשריבען געוואָרען צום סוף זיבעצעהנטען יאהרהונדערט. אין דעם בריעף ווערט גערעדט וועגען שטענדיגע אידישע טהעאטערם און הגם דער סטיל פון דער שאלה ווייזט, אז שמואל אבאאב קען זיך דייטליך ניט אויסדריקען און ער ברויכט גאנצע פראזען, וואו איהם איז נויי־טיג איין ווארט נאָר דערפאר, וואָס דאָס וואָרט געפינט זיך אין די

נעהענדע אויסדריקע, ווי מען קען עס זעהן פון זיין „בתי טרטיאות ובתי קרקסאות“, ווייל עס דארף ניט זיין קיין שום ספק, אז אין איטאליען האט מען ניט געבויט קיין אידישע צירקען. דאך לאזט זיך דרינגען אז אין די גרויסע אידישע קהלות אין איטאליען זיינען צום סוף זיבעצעהנטען יאהרהונדערט אידישע טהעאטערס קיין נאווינע ניט געווען. און עס איז זעהר מעגליך אז אזעלכע אידישע טהעאטערס זיינען געווען נאך פיעל פריהער.

מיר געפינען אויך אין דער צווייטער העלפט פון דעם אכט־צעהנטען יאהרהונדערט האבען די אידען וואס האבען זיך בע־זעצט אין פאראמאריבא, סורינאם, זיד אמעריקא, פערגרעסערט און פערשעהנערט זייער טהעאטער אין דעם יאהר 1784, און מיט אכט יאהר שפעטער דאס הייסט אין 1792 האט די דארט גע קליי־נע אידישע קהלה שוין פערמאגט צוויי אידישע טהעאטערס.

עס דארף קיין ספק ניט זיין, אז אויך אין אנדערע קהלות און אנדערע מדינות האבען אידען געהאט זייערע אייגענע טהעא־טערס. דאס הייסט שטענדיגע טהעאטערס אין איטאליען און סורינאם זייענן ניט געווען קיין אויסנאהם. אין דעם יאהר 1775 האט מען די אידען פערבאטען צו בעזוכען א געוויסען אמאטארישען טהעאטער אין פאראמאריבא און באלד נאכדעם זעהען מיר, אז דארטען זיינען געגרינדעט געווארען צוויי אידישע טהעאטערס. דערפון דארף מען זיך אנשטויסען, אז דער פערבאט צו בעזוכען דעם אמאטארישען טהעאטער האט געטריבען די אידען צו גרינ־דען אייגענע טהעאטערס, און אזעלכע אורזאכען האבען אין יענע צייטען ניט געפעהלט.

וואס איז שייך צו די פיעסען, וועלכע מען האט געשפיעלט אין אזעלכע טהעאטערס ווייסען מיר וועגען זיי לחלוטין גאר ניט. עס קומט אויס אין גאנצען צו פערלאזען זיך אויף השערות. די אי־דען האבען שוין דעמאלט געהאט א גאנץ רייכען רעפערטואר. אוסק. גאמעז, דניאל דע באריאס האבען איבערגעלאזט היבשע עטליכע פיעסען געשריבען אויף ביבלישע טהעמאס אין שפאניש, יאזע דע סילווא — אין פארטוגעזיש. די אידען, וואס האבען געהאט א פאר־דערונג אויף טהעאטער, זיינען ניט נאר געווען בעקאנט מיט דעם

דאזיגען רעפּערטואר, נאר די מייסטע האבען פערשטאנען די אריי־גענעלע שפּראך, אין וועלכע די דראמען זיינען געשריבען געוואָ־רען. די דאזיגע דראמען האבען געהאט די גרויסע מעלה, וואָס זיי זיינען לכתחילה געשריבען געוואָרען פאר א ביהנע, און עס איז העכסט ווארשיינליך, אז זיי האט מען געשפּיעלט אין די אידישע טהעאטערס.

עס איז גרינג צו זעהן, אז דער אבן נגף וואָס איז געשטאנען אין וועג דער אידישער ביהנע איז ניט אבגערואמט געוואָרען דער־מיט, וואָס מען האט אויפגעפיהרט אזעלכע פּיעסען. „לא ילבש איש שאלת אשה" איז געבליבען אלץ א סטראשידלע פאר די פרומע אי־דען. שמואל אבּאַב איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס האט גע־גאסען פעך און שוועבעל אויפ'ן א־דישען טהעאטער. ביים סוף זיבעצעהנטען יאהרהונדערט און אין דעם אכטצעהנטען יאהר־הונדערט איז דער האס צום טהעאטער געווען דער זעלביגער ווי מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק אין ארץ ישראל. די אידישע טהע־אטערס זיינען אויף אזא אופן געשאפען געוואָרען צו ענטפערן א פאדערונג פון די אינטעליגענטע קרייזען, אין וועלכע עס האט דורכגעדרונגען דער נייער גייסט פון דעם רענעסאנס. דאָס אידי־שע טהעאטער האט געזוכט צופריעדען צו שטעלען א געשמאק וואָס האט זיך ענטוויקעלט אויף דער חכמה און קונסט פון יפת, דעם העכערען קלאס אידען, און האט קיין זאך ניט געהאט צו געבען ניט דעם פרומען אידען און ניט דעם פּראסטען אידען.

דער אידישער טהעאטער מיט זיין רעפּערטואר וועלטליכע דראמען איז געשאפען געוואָרען נאר פאר איין קלאס און האט פאר דער אידישער נאציאנאלער דראמע קיין זאך ניט געקאנט טהאן. עס דארף קיין צווייפעל ניט זיין, אז אין אזא טהעאטער מיט אזא פּובּליקום זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען די בעסערע דראמען פון דער צייט, נאר צוליעב זיין אבגעשלאָסענקייט, אבגע־זונדערטקייט האט ער ניט געקאנט ציהען די זאפט פון דעם גאנ־צען פאלק און האט ניט געקאנט האבען קיין איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע. אזא טהעאטער אויפ'ן אי־

דישען באַדען איז דער רעזולטאט פון א קאַפּריז אָדער אַן אונרעכט. שמואל אבּאַאב שרייבּט אין זיין בריעף, אַז דער גאַנצער אויפטהועך פון דעם אידישען טהעאַטער אין ווענעציע איז געווען א געוויסער רייכער זייד, און ניט אַזוי ער אַליין, ווי זיין רייכער איידעם. אין יענע צייטען איז געווען דער מנהג, אַז גרויסע רייכע לייט האָבען געהאַט זייערע אייגענע קאַמפּאַניעס אָדער אייגענע טהעאַטערס, און עס איז געווען גרייליך מעגליך, אַז דער דערמאַנטער רייכער איידעם אין ווענעציע האָט אויך געוואָלט דערוויזען אַזאַ זאַך און האָבען אַן אייגענעם טהעאַטער. און ווידער האָבען מיר געזעהן, אַז אין פּאַראַמאַריבאָ האָבּין אַ דאָן גאַנץ גרינג נרעט צוויי טהעאַטערס, ווייל מען האָט זיי ניט אריינגעלייגט אין א געוויסען דילעטאַנטישען טהעאַטער. אַבער די פרומע פּראָסטע אידען האָבען קיין בעדערפניס אין אַזאַ טהעאַטער ניט געהאַט. דער יסוד פון אַזאַ טהעאַטער איז אויף הינערשע פיס און אַזוי גיך ווי עס ווערט אבגעשאַפט די אורזאַך, וואָס האָט איהם ארויסגערופען צום לעבען, פאַלט איין דער גאַנצער בנין, און דאָס פּובליקום געהט לייכט איבער צו די טהעאַטערס פון דער מדינה.

עס איז א גרויסער ספק צו די העברעאישע דראַמע איז געשאַפען געוואָרען פאַר א טהעאַטער, הגם אויף גרויסע חתונות פלעגט מען אין יענער צייט שפּיעלען פאַר די געסט עפּעס א העברעאישע שטיק און דאָס איז געווען א געוואוינליכע אונטערהאַלטונג. דערצו האָט זיך קיין טהאַטער ניט געפאָדערט. אין דער זעלביגער זאַל, וואו די געסט זיינען געווען פערזאַמעלט אין די שבעת ימי המשתה האָט אויך געקענט פערוואַנדעלט ווערען אין א פּלאַץ פאַר די פאָרשטעלונגען. נאָר צו די העברעאישע דראַמע איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען פאַר א טהעאַטער צו ניט, איז זי שוין צוליעב דער שפּראַך אַליין געווען מעהר בעשרענקט און אָבגעשלאָסען, ווי דער אויבענדערמאָנטער רעפּערטואַר אין די טהעאַטערס פאַר אידען פון יענער צייט. די העברעאישע דראַמע האָט נאָר געקענט דערגרייכען צו אַזעלכע אידען, וואָס האָבען זייער בילדונג געקריגען אין די ישיבות און וואָס זיינען אַוועק אביסעל ווייטער פון די פּיער איילען פון דער הלכה. פאַר די אמת פרומע

אידען איז זי ניט געווען אין גאַנצען כשר און פאַר'ן המן איז זי געווען א פער'חתמ'עט בוך.

דאָס שלעפּען אין פערשיידענע ריכטונגען און דאָס שפּאַל־טען אין פערשיידענע לשונות האָט קיין גוטס ניט געקענט טהאָן דער דראַמע ביי אידען. שוין צוליעב דעם אליין האָט זי זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. די נאַציאָנאַלע קרעפטען, וואָס זיינען פעהיג געווען צו שאַפען א דראַמע און א טהעאַטער ביי אידען זיי־נען צוברעקעלט געוואָרען. אנשטאָט צו ארבייטען האַרמאָניש און ווירקען איינע אויף דער אַנדערער, האָט איינע געשטערט דער צווייטער. דער טהעאַטער אלס א פאָלקס אינסטיטוציאָן איז נאָך פאַר זיין געבורט פער'משפט געוואָרען צו א ביטערער, שווערער, טרויעריגער עקזיסטענץ.

די איינציגע ישועה וואָס א טהעאַטער ביי אידען האָט גע־קענט ערוואַרטען איז געווען פון דעם פּורים שפּיעל. זיין געבורט אויפ'ן שוהל־הויף און די הסכמה פון דעם גאַנצען עולם האָט עס געמאַכט פאַר א פאָלקס אינסטיטוציאָן. נאָר דער זעלביגער שוהל־הויף און דער זעלביגער פרומער עולם האָבען אויפ'ן פּורים שפּיעל ארויפגעלעגט אזא שטעמפּעל, וועלכען עס האָט פון זיך קיין מאָל ניט געקענט אבּרייבען. אין א קיימא לן פון איבער טויזענד יאָהר איז דאָס פּורים שפּיעל געבליבען אן אונטערהאַלטונג נאָר פאַר איין טאָג. דער עלעמענט פון חוזק און לצנות וואָס האָט איהם לעבען געגעבען האָט איהם געקענט האַלטען נאָר איין טאָג אין יאָהר. אין די אַנדערע טעג אויסער פּורים איז דאָס פּורים שפּיעל געווען אונמעגליך פאַר ניכטערע אידען.

דריטער קאפיטעל.

די עלטסטע אידישע פורים שפיעלס.

אין דער זעלביגער צייט וואס אידען אין שפאניען האבען זיך גענומען צו דער שפאנישער דראמע, האבען די אידען אין דייטשלאנד אונטערהאלטען זיך מיט פורים שפיעלס אין אידיש. ווען דאס ערשטע פורים שפיעל אין אידיש איז געשאפען געווארען איז אונמעגליך צו בעשטימען. נאר מיר געפינען אז שוין אין 1598 האבען די אידען אין מאנטואה אויפגעפיהרט א שפיעל, וואס האט געהייסען: „שפיל פון טב יעקליין מיט זיין וייב קינדליין און מיט צווי זינליך פיין" און מען האט עס נאכדעם געשפיעלט אלע פורים. אין דעם יאהר 1620 האט מען עס קאפירט און אנגעגעבען א שפעטערן דאטום.

דאס דאזיגע שפיעל האט מיט פורים גאר ניט צו טהאן און איז ווארשיינליך קיין מאל ניט געדרוקט געווארען און איז גענאנגען פון האנד צו האנד אין מאנוסקריפט. ווי עס זעהט אויס, איז דאס א סאטירע פון א געוויסער פאמיליע, מיט וועלכער דער שרייבער האט זיך געוואלט אברעכענען. דאס וואלט געווען אונמעגליך צו דערווייזען, ווען פריהער זאל מען ניט שפיעלען פורים־שטיקער, וואס האבען געהאט דירעקט צו טהאן מיט דעם דאזיגען יום טוב. די פערזענליכע סאטירע האט געקאנט דיענען אלס אן אבוועקסלונג און דאריבער דארף מען דענקען, אז דאס פורים שפיעל אין אידיש איז א סך עלטער פון דער דערמאנטער סאטירע.

פון דער סאטירע איז נאר איין בלעטיל געבליבען, דער שער, און די ערשטע שורות זיינען אזוי:

אדברה וירוח, איך וויל אייך זאגען, וואס דאס איז געשעהן בשנת שפ (1619) צו טאנהויזען אין קהילה קדושה.

הערט צו אונ׳ לאַט אייך ניקס זיין קשה,
קשה לאַט אייך ניקס זיין,
דען עס איז אלע פורים גימיין,
דאַס מען מאכט איין שפיל פון טב יעקליין
אונ׳ מיט זיין ווייב קענדליין
אונ׳ מיט צוויי זינלך פיין,
וויא זיי האַבען געפיהרט איין וועזען,
אונ׳ דאַס איז אויך קירצליך גישעהן,
גישעהן עהע איך מיך האַב אומגיזעהן
געזעהן היין אונ׳ הער,
איך האַב גיטראַכט גאַר זעהר,
ביז איך עס האַב געבראַכט אין ריים
איז מיר געוואָרען זעהר שווער.

דער אינהאלט איז אזא: ערב סכות קומט א פויער מיט א מאַגערע, אויסגעדאַרטע קוה צו שלענקערס (?) הויז. מסתמא איז שוין געוועזען צייט צו לויפען אין שוהל. נאָר יעקליין מיט זיינע צוויי זינליך האָבען געקויפט די קוה. דאַס ווייב קענדליין האַט קעגען דעם דעמאָנסטרירט. די קוה האַט באַלד געהאַט א קאַלב און לויט דעם מנהג האַט דער אָרטיגער ריכטער געדאַרפט קריגען די צונג, אבער מען האַט איהר „קורץ און דין" אבגעשניטען, און דער ריכטער האַט פעראורטהיילט קענדליין ארומצוטראָגען אין גאַס די „גאיגע", כדי מענשען זאָלען איהר פרעגען, צו זי איז אויף דער עלטער געוואָרען א גאיגערין.

דאַס דאָזיגע שפיל מיינט, אז אויף פורים האַט זיך ניט גע־פאָדערט דוקא א פורים שפיעל, און עס איז געוועזען רעכט אבי א הומאָריסטישע זאַך, א סאַטירע, פון וואָס דער עולם זאָל קאָנען לאַכען. דאַס „שפיל פון טב יעקליין מיט זיין ווייב קינדליין" האַט געהאַט בלויז א לאָקאַלען כאַראַקטער און געקאָנט דיענען פאַר אַן אונטערהאַלטונג נאָר פאַר די אידישע תושבים אין טאַנהויזען.

וואָס פאַר א פורים שפיעלם מען האַט אויפגעפיהרט אין די אנדערע גהעטאָס אין דייטשלאַנד איז ניט בעקאַנט. דאַס עלטסטע פורים שפיעל אין אידיש וואָס האַט דערגרייכט צו אונז איז פון

דעם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט און הייסט „איין שעהן ניי פורים שפיל פארגעשטעלט, ווי עס איז צוגעגאנגען אין דער וועלט צו אחשורש צייטען, היבש אין ריימען געזעצט צו איינעם ראהמען.“ אין 1697 האט דער משומד משה כץ (יאהאנעס יאקאב קריסט־יאנוס לעבער) פון קראקוי איבערגעשריבען דאס דאזיגע שטיק פאר דעם בעוואוסטען קריסטליכען העבראאיסט וואגענזייל, נאר ער האט דערפון קיין שום געברויך ניט געמאכט.

דאס גאנגבארסטע און בעקאנטסטע פורים שפיעל אין איד־דיש איז געשאפען געווארען אין סאמע אנהויב פון דעם אכטצעהנ־טען יאהרהונדערט. עס איז געדרוקט געווארען אין דעם יאהר 1708 און האט געהייסען „איין שין נייא אחשורש שפיל“. די פערזאנען אין דעם דאזיגען שפיעל זיינען: מרדכי, אסתר, אחשורש, המן, התך און „שרייבער“.

„שרייבער“ איז עפעס א מין שעטנז אין דעם שפיעל. א חוץ דעם, וואס ער איז אין דער מגלה ניטא, קלינגט פרעמד דער דייי־טשער נאמען צווישען די פערסישע און אידישע, און דערפון דארף מען דרינגען, אז דער פערפאסער האט פאר זיינע אויגען געהאט אנדערע ווערק, אין וועלכע עס איז דראמאטיזירט געווארען די געשיכטע פון אסתר און אין וועלכע עס זיינען אריינגעקומען אנ־דערע פערזאנען, א חוץ די היסטאר־שע. ביז יענער צייט האבען ווענינ אידען נאר א סך קריסטען דראמאטיזירט די געשיכטע פון אסתר. און עס איז פאראן שווארץ אויף ווייס, אז שעקספיר האט געשפיעלט אין אזא דראמאטיזירונג. עס איז ניט אנגעגעבען דער נאמען פון דעם שטיק און מען רעכענט, אז דאס איז געווען די „געטליכע קעניגין אסתר“ („גאדלי קווין עסטער“), וועלכע איז דעמאלט געווען פאפולאר ניט נאר אין ענגלאנד נאר אויך אין גאנץ איירא פע. עס איז אויך א גרויסע סברה, אז פון דאנען האט שעקספיר גענומען דעם נאר, וועלכער געהט דורך אין פיעל דראמען זיינע. און טאקע אין דעם שטיק די „געטליכע קעניגין אסתר“ איז פאראן א פערזאן, וואס הייסט אין ענגליש „סקרייב“ און אין דייטש האט מען דעם נאמען איבערזעצט שרייבער.

דאס „אחשורש שפיל“ איז געמאכט געווארען דורכאוים צום שפיעלען און צוגעפאסט צום אויפפיהרען אין הייזער. עס איז ניט איינגעטהיילט אין אקטען און האט אויך ניט קיין דעקאראציעס. די פורים שפיעלער דארפען זיך ניט איבערטהאן און זיי בלייבען אין די זעלביגע קליידער די גאנצע צייט פון דעם שפיעל. מאכט זיך א פלאץ, וואו מען זאל קאנען שפיעלען פאר א גרעסערן עולם איז אודאי רעכט, אז ניט זיינען זיך די פורים שפיעלער מטריח און קור־מען אריין צום ברייטען בעל הבית אין שטוב און שפיעלען אב פאר איהם און זיין הויז־געזינד די שטיק. אזא שטיק טאר ניט זיין צו לאנג, ווייל צייט צום שפיעלען איז נאר איין טאג אין יאהר און אין דעם טאג דארף מען זיין ביי אלע בעלי־בתים.

„דא שטעלן מיר אויף דאש בייטליין, איין פאר דוציט דוקאטן צו שיסן דריין. איין פאר דוציט טוקאטן ווער צו פיל, איין פאר דוציט טאלר איז דער ציל.“

דערמיט ענדיגען די פורים שפיעלער זייער שטיק ביי איין בעל הבית און איילען זיך איבערצוגעהן צום צווייטען.

און הגם דאס דערמאנטע פורים שפיעל איז דורכאוים געשאפען געווארען צום שפיעלען, האט דער פערפאסער געלאזט עס אויך דרוקען און גערעכענט אז דאס לייענען קאן אויך פערשאפען פער־גענינגען. דער פערפאסער האט זיין נאמען אויף זיין ווערק ניט אנ־געגעבען, און עס איז עד היום אונבעוואוסט, ווער ער איז געווען. און עס איז אויך אונבעוואוסט צו ער האט בעהאלטען זיין נאמען צוליעב עניוות אדער ווייל ער האט געהאט אן אורזאך צו דענקען, אז קיין גרויסען יישר כח וועט ער דערפאר ניט קריגען. נאר ווי דאס זאל ניט זיין, דער מחבר האט וועגען דעם שטיק געהאט גאר א גוטע מיינונג, ווי מיר קענען זעהן פון די עטליכע שורות, מיט וועלכע ער ווענדט זיך צו די פראספעקטיווע קונים אויפ׳ן שער:

„איין שין נייא שפיל מיט אל דיא קונשטין איז עש ווארען דער טראכט, עס ווערט וואויל זיין ליב טאן ניט אזוי נוט ווערדן גימאכט. מיט היפשי שיני קלאג לידערן דעם ריים נאך גישטעלט. דאש פאר האפין מיר, ווער עש קויפן ווערט, אזו ווערט אין (איהם)

ניט פער דריסען זיין געלט. ווייל הש"י ברוך הוא האט אונז אז פורים געבן לושטיג צו זיין. און האבן מיר דרויף גימאכט דאש אחשורש שפיל היפש אונ׳ פיין. דרום אויך איר בעל בתים אונ׳ בחורים אונ׳ יונגען, קומט איר ביהענד (שנעל, פלינק) צו לויפן. אונ׳ טוט מיר דאש שיני אחשורש שפיל אב קויפן. דאש געלט ווערט אייך ניט פר דריסען, ווען איר ווערט דרינגען לעזן, ווערט איר אייער געלט ווידער גניסן."

עס ווייזט אויס, אז דאס איז געווען דאס ערשטע פורים שפיעל אין אידיש וואס האט זוכה געווען צו ווערען גערדרוקט. די פריהערדיגע זיינען נאר ארומגעגאנגען אין כתב יד און דערפון איז גרינג צו זעהן, ווי שטארק עס האט נושא חן געווען ביים עולם.

קיין האנדלונג איז אין דעם שטיק ניטא. דאס שפיל בעשטעהט פון געזאלצענע און געפעפערטע דיאלאגען. די המצאות, די וויצען זיינען די גרעבסטע און האמעטנעסטע, און קיין זאך איז ניט מאוס ווען עס פיהרט צו א נבול פה. דער קאמיקער קאן טהאן וואס זיין הארץ געלוסט, קאן זאגען וואס ער וויל און דארף זיך ניט ריכטען מיט צייט און רוים און מיט קיין זאך ניט. ווען המן הייסט איהם בוקען זיך, ענטפערט ער:

„גנב, וויא זאל איך מיך טאן נייגען אונ׳ בוקען, דיא האסט דאך איין צ ל ם אויף דיינעם רוקען."

ווען מען פיהרט איהם אריין צום קעניג אחשורש ווענדט ער זיך צו איהם בזה הלשון:

„דו ביזט דער מלך. איך העט דיך איאר אן גיזעהן פאר איין וואמפין וואשער, פאר איין שטריק טרעגער, פאר איין מוישב פגר, פאר איין הונט שלאגר, פאר איין קאצין יאגר. מאחר דאש דיא יוא דער מלך בישט, האלט מיר דעם שטעקן..... און ציא מיר אויז דיא שיך און לעק מיך. אך מוז גידרונגן זיין, דאש דוא יוא דער מלך בישט, ווארום איין אנדר האט דיא קרוין הויך אונ׳ דאש בענקל אונטער דיא פיס, אונ׳ דוא האסט דאש בענקל אובן אונ׳ דיא קרון אונטען. אדוני מלך, איך בין איין שלומפר, ווילסטו מיר ניט גלויבן, שמעק מיר צו שרכין. אדוני מלך, איך בין אין

איין וואלד גיזעסן אונ׳ האב אייער גיפליצט, האב איך גיהערט אויז שרייאן אונ׳ אויז רופן, מען זאל דיר איין שינה וואקרי יונג פרויא אויז זוכן. אונ׳ בין איך גילאפן טאג אונ׳ נאכט אונ׳ האב דיר איין שינה גימאכט, זאל איך זאגן גיאכט. שניץ איין מול איין וועלגער האלץ, איין מיילה ווי איין זיילה, איין נעזיל וויא איין טויט העזיל. איין שטערין, וויא איין תחת פון איין בערין, איין פאר שינה ארין אי וויא דיא מארן, איין פאר ציצין, אי וויא דיא שפיצין, איין נעפלי אז וויא איין נאדל קעפלי וי״א אז וויא איין גרושן לאב ברויט. וי״א אז וויא איין פר דארטי קוועטשקה. דר גאך, אדוני מלך, איין עולם הפוך איז ביי איר, איין אנדרי מייד האט רוטי באקן אונ׳ שווארצי אויגען, אונ׳ זיא האט רוטי אויגען אונ׳ שווארצי באקין. וואש אן אנדרי האט אונטען, האט זיא אובן. אונ׳ וואש אן אנדרי האט אובן האט זיא אונטען. המן, זיי היך מיקה (מוחל) אונ׳ קוש זיא אונטען. אדוני מלך, ווערשטו מיר שדכנות געבן, וועל איך דיר איין דרשה שענקען. ווארעם פרעגסטו ניט וואש דען, אלטר נאר? איך ווער דיר שענקען, אז דוא ווערסט יאר צו יאר קרענקען. דר היים האב איך דרייא אלטי גראחיזלך, אונ׳ דריי אלטי פר לוגני חאלגיזלך אונטער דען אלטן אייזן ארום קוגלין, ווער איך דיר שענקן. צו לון זאלשטו מיך בעטן אויף דער מילה פאר דער חתונה. אדוני מלך, איך וועל דיר אייך סאד איין רוימן, דיא מלכה האט זיך געטוקט אונ׳ האט זיך בטאן. דוא ווערשט ניט קענן גרייפן דראן.״

עס איז אויך ניט נויטיג אז די ווערטער זאלען זיך קלעבען איינס צום אנדערן און אפילו אויך ניט, אז א ווארט זאל האבען עפעס א בעדייטונג:

בא מרדכי און זאגט:

...„פ ר י א ה, פ ר י א ה, ז ע ק ס א ו ן נ י י נ צ י ג פ ר י ע ו ת, א ו ן ט ר י א ו ת, א ו ן ש נ י א ו ת, אי־בער דען שוסטער, איבער דען שניידער, איבער דעז צימערמאן, איבער דען אובן גבלר, איבער דען קאכין שמיד. ער האט מיר דאש לאך פון... צו קליין גימאכט, זאל איך זאגען פון דער טיר. וויא זאל איך אראן גאן?״

נאָר דער עיקר איז נבול פה. צו ער רעדט סתם אין דער וועלט, צו איהם פאלט איין א פסוק פון תנך, צו ער זוכט אָב א זאץ פון זמרות צו פון סליחות צו פון קינות, אלץ ווערט אויסגעביטען אויף נבול פה. עס ווייזט אויס, אז וואָס מעהר איהם געלינגט צו פערקנ פען א גראבען ציניזם מיט א חרוז פון א תפלה, איז אלץ גרעסער די המצאה. ווען מען זאָגט אָן מרדכי וועגען המנ'ס גזרה אויף אידען, ענטפערט ער, אז ער וועט געהן אויף קבר אבות.

קומט מרדכי אניין.

„ברוך אתה, ווען איין שין מיידעל ווער דא, וואָלט איך זיא ביטן, דז זיא מיך זאָל לאָזן ליגן אין דער מיטן, אונ' ווען זיא ניט וויל, אזו וויל איך שוויינן שטיל. אשר קדשנה, ווען עס גלייך ווער איין יונגי אלמנה, וויל איך מאכען דריבר שהעכה יאנה... כשנכנות לייב רים (שכנכנת לברית) גיא לשם זאכטיגה שדים. אל ערך עפיים אתה. אז המן זאָל ווערן פראטה, פראטה זאָל ער ווערן, אויף עשין זאָלען אים דיא ווערים, דיא ווערים זאָלען איהם אוף עשין, דז גאָט זאל אן אים פר געשין, פר געשין זאָל אן אים גאָט, פריא אונ' שפאט, שפאט אונ' פריא, אז המן זאָל ברעכן זייני קנ א, דיא קניא זאָל ער צו ברעכען, דאש הערץ זאָל אים צוקרעכען... הוי מעקל היושב (אל מלך יושב), אז המן זיין קאָפף זאָל קומען אין מושב, ויקרא, אז המן זאָל אויף פארן איין מקרא, איין מקרא אובן, איין מקרא אונטען, איין מקרא אין דער מיטן, אז המן זאָל באלד דערשטיקן... סלחנא, קאשפר וואדא וויסאקא, יעדזא חארמא, דרוהא צלעפא אטשעטי פראשיוואָ*)... א פידל מלך, איז דאש ניט א לושט, ווען מען איין שין מיידעל גרייפט אין דער ברוסט, וי"א דאש איז אלש נאָך ניקש, ווען מען מיך ניט בייא איר אים בעט דר ווישט. . . . .

בין איך אויף לייפציג א מאָל גיפאָהרען, איז מיר אויף. . . . .

אבגיפראָרען בין איך ווידר היים קומן, איז מיר מיינע קוא

*) אַ פוילישער זאץ. די לעצטע זעקס ווערטער בעדייטען איינע איז בלינד, די צווייטע הינקעדיג און די דריטע איז פארשיוו.

אנטקיגן קומן אונ׳ האַט מיר שלום לעקאך (שלום עליכם) געבן מיט דען הינטערשטן פוס, אונ׳ מ ט דען פעדרשטן פוס האַט זיא אשאנה גיקלאפּט, אונ׳ מ ט דען עק האַט זיא לולב גשיטלט אונ׳ מיט דען הינטען האַט זיא שופר גיבלאָ:ן און האַט אך הושענא גי־ מאכט. אונ׳ דר נאָך האַט מן מיר סודות פורים מיט מילכיגה פלייש קראפּין גימאכט אונ׳ איין פליישנה פוטער מ לך זופּ, און האַב דרויף גיברייט דעם טאלין פון אורשפיץ אונ גראסיל פון פושלוויץ.״

מען דאַרף זיך דערמאָנען, וואָס עס איז שוין אויבען גענוען געזאָגט וועגען דעם כאראקטער פון פורים און פון וואנען דער דאָזיגער כאראקטער האָט זיך גענומען כדי צו פערשטעהן, ווי אזוי האָט זיך אזא פארם געקאָנט גאָר ווייזען ביי אידען. דער פער־ פאסער פון דעם אחשורש שפּיעל פערשטעהט ניט קיין אנדער המצאה ווי נאָר א גראָבען ציניזם, קיין אנדער חכמה ווי איבער־ קעהרן די ווערטער מיט׳ן קאָפּ אראָב. מרדכי קומט ארויס א מנוול, א פערדאָרבענער מענש, א גראָבער יונג, און, פערקעהרט, דער צורר היהודים. המן איז דער איינציגער אין דעם שטיק, וועלכער האָט אין זיך עפּעס מענשליכעס, טראגישעס. א פּאָר סצענען אין וועלכע המן פיגורירט קומען ארויס גאַנץ דראמאטיש. אזוי למשל נאָכדעם ווי המן איז געפאלען צו אסתר המלכה אין בעט און דער קעניג האָט ארויסגעגעבען דעם דעקרעט איהם אויפצוהענגען, איז ער זיך מתודה אויף זיינע זינד און ווארענט די גראפען און פירס־ טען פון פרס ומדי זיי זאָלען זיך מיט אידען ניט פערטשעפּען.

אומר המן

„.... אלמעכטיגער גאָט! טוא מיר דאָך מייני זינד פר צייהן אונ׳ פר געבן, אונ׳ שענק מיר נאָך דאש מאָל מיין לעבן. איך וועל דיר שווערן איין אייד, אלז איך וויל דיא יודין מער אָן טון קיין לייד. אלמעכטיגער גאָט, העלף מיר דאָך נאָך איין מאָל פון דעם קיניג אחשורש זיינר האנד, אונ׳ בישירם מ ך דאָך אלז וויא דוא האָשט בישירמט דען קיניג יחזקי׳ פון דען הייש בראנד, אונ׳ האשט אים הוך דר הובן (דערהויבען) אונ׳ האשט אים גיהאָלפן אויז דעם קאלך אובן. אלמעכטיגער גאָט, טוא מיר מייני זינד פרצייהן אונ׳

פר געבן טאָן, אונ׳ בהיט מיך פר דעם יודן מרדכי דען פרומן מאן און לאָז מיך דאָך קיין לייד גישעהן, דז דער יוד מרדכי זאָל אן מיר קיין ראַכניש זעהן.“

זיין זעגענען זיך מיט זיין ווייב איז דיהרענד:

„אַך, ווייבה, ליבש ווייבה מיין, אַל מיין ביט איז גיוועזן דז דוא זאָלשט צו מיר קומען אריין, אונ׳ זאָלשט שויאן מייני שמערציין אונ׳ פיין, איז ניט איין שאַד אלש דיין מאן, פרינץ המן, זאָל גיהאַנגן זיין? דרום אויך ווייבה, ליבש ווייבה מיין, דיא קינדערלאַך זאָלן דיר ביפאָלן זיין, וואש דוא אן דייני שניא וויזי (שניי ווייסע) ברוסט האָשט גיזויגט, אונ׳ האלט זיא אז איין שווארץ אַפיל אויז דיינעם אויג. אַך ווייבה, ליבש ווייבה, נאָך איינש וויל איך דיר ביפעלן טאָן, דז דוא זאָלשט גידענקן אן פרינץ המן, דעם פרומן מאן. איין ראט הער איז ער גיוועזן, אבר פון דען טוט האָט ער ליידר ניט גיקאָנט ווערן גינעזן. אַך, ווייבה ליבש, ווייבה, נאָך איינש טוא איך דיר ביפעלן. ווען דער טייבל קומט און ווערט הולן מייני זולן, אונ׳ פון דעם גאַלגאן זאָלשט דוא מיך לאָזן נעמן ווידר אראָב, אונ׳ ווערשט מיך לאָזן ליגן אויף מיין פאטערש גראב. אַך, דוא ליבש ווייבה, ווי ווערשט דוא שרייאן אונ׳ וויינען אונ׳ קלאָגן, ווען דוא מיך הער המן ווערשט ניט מין (מעהר) האָבן. אַך די ליבש ווייבה, דיא האָשט איבר קיינעם מין צו שרייאן אונ׳ צו ברומן, אלז איבר דען יודן מרדכי דעם פרומען. אונ׳ ווען אין דער טייבל (טייוועל) העט פר צוועלף אונ׳ צוואנציג יאָר איין וועק גינומן, אלז ווער איך פרינץ המן איצונד ניט אום מיין לעבן קומן. אַך ווייבה ליבש, דוא ביזט דאָך דאָש הערץ אויז מיינעם לייבן. איבר דיר צושפרינגט מיין יונגש הערץ. דער מיט איין גוטי נאכט, דוא טויזענט שאַץ.

אזאַ מין פערקעהרטע שילדערונג פון מרדכי אונ׳ המן הארמאָנירט מיט׳ן עולם־הפוך־גייסט פון פורים. אלץ וואָס איז געווען אנגענומען א גאנץ יאָהר פאר גוט און כשר האָט אין דעם טאָג פון פורים געדארפט קריגען א היפך׳דיגען קאָליר. דאָס פורים שפּיעל איז געשאפען פאר א פובליקום, וואָס זעהט קונסט דורך פערגלעזערטע אויגען. די אטמאָספערע איז אנגעזאפט מיט משקה, און א

מעהר ערנסטע שטיק וואָלט געהאַט א פנים פון חוזק.

אבער צו דער צייט ווען דאָס פורים שפיעל האָט זיך דער־הויבען צו דער מדרגה פון א געדרוקטען וואָרט, איז שוין דער אמת׳ער קארנעוואַל גייסט פערשוואונדען פון אייראָפּא, דער מיטעל־אַלטער מיט זיינע גראָבע מנהגים איז שוין לאַנג געווען בעגראָבען, און דער אידישער פורים האָט אויך פערלאָרען זיין געפעפערטען טעם. די אונגעלומפערטע המי־־ת און גראָבער ניבול פה האָט שוין ניט געקאָנט אזוי געפעלען, ווערען די חשוב׳ערע א דען, בפרט ווען מען האָט זיי געקאָנט לייענען מיט אויגען, וואָס זיינען ניט געווען פערצויגען מיט א טומאן פון שכרות. דאָס דערמאָנטע „אחשורש שפיל“ אלס א געדרוקט וואָרט האָט גערייסען די אויגען. און די אידישע פני אין פראנקפורט אַן מיין האָבען פער׳משפט דאָס דאָזיגע פורים שפיעל צו שרפה, און מען האָט צוזאמענגע־קליבען אלע עקזעמפּליארען און פערברענט זיי.

דאָס פערברענען האָט אבער ניט געהייסען, אז די חשוב׳ע אידען האָבען עפּעס אויסצוברעכען געגען שפּיעלען א שטיק אויף פורים. מיר זעהען, אז אין דער זעלביגער שטאָדט, מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אין 1710, האָט א געוויסער בערמאַן פון ל מבערג אָנגעשריבען א פורים שפיעל מיט׳ן נאָמען „מכירת יוסף“ און מען האָט עס אויפגעפיהרט מיט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען און מיט אַלע כלי מכשירים וואָס האָבען זיך געפאָדערט דערצו. מען האָט צו דער דאָזיגער אויפפיהרונג געמאַכט גרויסע הכנות. די שפּיע־לער זיינען געווען בחורים פון דער פראנקפורטער ישיבה און צו זיי זיינען צוגעקומען נאָך אנדערע פון האמבורג און פראג. ניט נאָר האָט מען עס אויפגעפיהרט מיט דעקאָראַציעס און קאָסטיו־מען, נאָר מען האָט דערביי אוך געמאַכט אלערליי עפעקטען. מען האָט ביי דער פארשטעלונג געזעהן פייער און געהערט דונערן און געזעהן דעם הימעל און נאָך אנדערע וואונדערליכע זאכען. דאָס שטיק האָט געמאַכט א גרויסען רושם אויף די פראנקפורטער אידען און זיי האָבען זיך ניט געקאָנט געגוג אנ׳חדוש׳ען.

דער ערפאָלג פון דעם שטיק איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט עס געשפּיעלט גיט נאָר פורים נאָר דעם גאַנצען חודש אדר.

פיער וואכען צייט. מען האט אבער ניט געגעבען אויף אלע פאר־שטעלונגען דאס זעלביגע שטיק. אין דער צייט איז שוין געשאפען געווארען א פורים שפיעל „דוד און גלית“ און מען האט די צוויי שטיקער געביטען. דער געלאף אין טהעאטער איז געווען אזוי גרויס, אז ביי דער טהיר האט מען געמוזט אוועקשטעלען צוויי סאלדאטען זיי זאלען אנהאלטען ארדנונג. נאר אזוי ווי אין טהע־אטער האבען זיך געשטופט ניט נאר אידען נאר אויך קריסטען, האבען די פראנקפורטער „בוימייסטער“ פערבאטען די שטיקער צו שפיעלען אונטער א שטראף פון צוואנציג טאלער.

דער פערפאסער פון „מכירת יוסף“ האט זיך געהאלטען טריי ביים חומש און די מדרשים און האט ווייניג דיכטער׳שע פאנטאזיע געברויכט. די העלדען זיינען די זעלביגע, וואס אין חומש, און נאר דער קאמיקער, א מצרי, א דיענער ביי פוטיפר טראגט דעם נא־מען פיקעלהערינג. אויפ׳ן ערשטען בליק זעהט אויס קשה, אז א מצרי זאל הייסען פיקעלהערינג, נאר דאס איז א בעקאנטע פיגור אין די פאלקס שטיקער אין אלע אייראפעאישע לענדער. געוועהנ־ליך טראגט דער קאמיקער אין אזעלכע שטיקער א נאמען וואס דערמאנט אכילה: אין האלאנד הייסט דער קאמיקער פיקעלהע־רינג, אין פראנקרייך — זשין פאטאזש (זופ), א ן איטאליען — סיניאר מאקאראני (לאקשען), א ן ענגלאנד — דזשעק פודינג (קו־געל) און אין דייטשלאנד — האנז ווארסט. דער פערפאסער פון „מכירת יוסף“ האט, ווי מיר זעהען, פאר זיין קאמיקער געבארגט דעם האלענדישען נאמען און האט איהם אויך אנגעטהאן די קא־לירטע קליידער פון דעם פאטענטירטען לץ פון דער ביהנע.

אין „מכירת יוסף“ איז שוין ניטא קיין זאך, וואס זאל קענען בעליידיגען דעם נפש היפה. דער פערפאסער האלט זיך זעהר ערנסט און אפילו זיין פיקעלהערינג ערלויבט זיך ניט צו רעדען נבול פה. מעשה לץ כאפט זיך פיקעלהערינג ארויס מיט א גראבען ווארט, נאר ער מאכט גיכער דעם איינדרוק פון איינעם וואס ווייסט ניט ווי גראב צו זיין און וואס בריה׳ט זיך צו ווייזען א גראבקייט. אויב דאס „אחשורש שפיל“ איז געווען געמיינט פאר

דעם המון האט דער פערפאסער פון „מכירת יוסף" שוין געהאט אין זינען א בעסערען עולם.

דער געדרוקטער „מכירת יוסף" איז ניט איינגעטהיילט אין אקטען און ניט אין סצענען, נאר אזוי ווי דאס שטיק איז אויפ־געפיהרט געווארען מיט דעקאראציעס און מיט אלערליי עפעק־טען דארף מען זיך אנשטויסען, אז אויף דער ביהנע האט עס זיך ניט אבגעשפיעלט אהן הפסקות און אהן פערוואנדלונגען.

דער סטיל פון „מכירת יוסף" איז א שווערער און די שפראך איז שוין דורכאויס א דייטשע און אפילו פיקעלהערינג ערלויבט זיך ניט אריינצוהאקען א ספעציעל אידיש ווארט. ווען יוסף דער־צעהלט דעם טאטען און די ברידער זיין חלום, אז די זון און די לבנה און עלף שטערען האבען זיך פאר איהם געבוקט, ענטפערט יעקב:

„יוסף, האלט דיין מונד. עש איזט איין גרושר (גרויסער) אפרונד, אלז דוא אויך זאלכן פאנטאסי זאלשט שטעלן דאטום. עס איזט דאך אן קיינע טרוים קיין בראפאטום. און שפעציע, דוא זאגשט זון אונ' מאנט אונ' איילף שטערין, זיך קיגן דיר בוקן ווערין. דאש קאן יא און מ׳גליך ווערדן וואר. אין דעם דיין מוטר רחל איזט טאט פיל יאר, דען דיזר טרוים ווער אויז צו לעגן, אלז איך זאמט דיין מוטר אונ' ברידער מוזטן ביוועגן און צו בוקן קינן דיר. אבר עש איזט גישלאסען ביי מיר פאר איין פאנטאסי אונ נארעשקייט."

שמעון צו לוי:

„לוי, איך מוז דיר איין צייטונג קונפירמירן, מיר ווערן אונזערן ברודער יוסף באלד אטראפירן."

ווען יוסף בעט זיך ביי די ברידער זיי זאלען איהם קיין שלעכטס ניט טהאן, ענטפערט לוי:

„עש העלפט ניקש דער פערדעפענדירען, מיר זיין שון בי־וואושט אלז דוא קאנשט פלאטירן, וויא פיל ארלייא זעלשט דוא שפארגירן, ווען מיר דיך ווידרום צו אונזערם פאטר זאלטן פיהרן. דרום אויך, שמעון, ווארף אים אין דער גרוב אניין, דער מיט מיר זיינר לאס זיין."

אלס ביישפיעל פון דעם הומאר אין מכירת יוסף קען דיענען דער ענטפער, וואס פיקעלהערינג גיט פוטיפר'ן, ווען יענער הייסט איהם געהן צום קאסירער צו בעצאהלען די ישמעאלים:

הער, נון איר יא האבט איין נייאן דינר אויף גיטריבן, ביפעלט אים אויך אלז ער דאש סעקרעט האלט זויבר גיריבן. זא ער בלים בלום בלאראם פולפר האט איין גינומן. זאל ער דיא קוראשי ניט האבען דרויף צו קומן, וואן מיר אים זונשט נאך געהן קענט מיר מאל אים... בישטעהן.

די פינטעלאך שטעהען פאר אן אונדרוקבארען ווארט.

אין עטליכע יאהר ארום, אין 1718 איז ערשיענען א נייע אחשורש שפיעל, געדרוקט, ווי מען דיינקט, אין אמסטערדאם אונטער'ן נאמען: אחשורש שפיל אויף איינעם נייען אופן גלייך איינער אפערא און איז אויסגעצויגען אוים תרגום שני." און מיט צוויי יאהר שפעטער האט זיך אין פראג געדרוקט אן אנדערע פורים שפיעל דראמאטיזירט פון מגלת אסתר אין ריימען און האט געהייסען „אקטא אסתר עט אחשורש" און די תלמידים פון דוד אפענהיימס ישיבה האבען דאס שטיק אויפגעפיהרט אין פראג אויף א ריכטיגער ביהנע אין אן עפענטליכען טהעאטער „מיט פויקען און אנדערע כלי זמר."

די דאזיגע שטיקער זיינען געשאפען געווארען ביי די אידען אין דייטשלאנד אין דעם קורצען משך פון א יאהר צעהן און דאס זיינען אזעלכע שטיקער וואס האבען צו אונז דערגרייכט אין זייער אריגינעלער געדרוקטער פארם אדער מיר האבען וועגען זיי א פולשטענדיגען בעריכט. און פיעל שטיקער זיינען געשאפען געווארען וועלכע האבען ניט זוכה געווען צו זיין געדרוקט און קיין שפור פון זיי איז ניט פערבליבען? דאס פורים שפיעל דארף שוין מעהר ניט זיין דורכאוים קאמיש און אנדערע צווייגען הויבען זיך אן צו ווייזען אויף זיין שטאם. דער „מכירת יוסף" עפענט א וועג פאר דער טראגעדיע און דאס נייע אחשורש שפיעל איז דער אבי אבות פון דער אידישער היסטארישער אפערעטע. אין דעם דאזיגען קורצען משך האט זיך דאס שפיעל אויך איבערגעצויגען פון שוהל-הויף און פון דעם ברייטען בעל הבית'ס הויז אין א טהע-

אטער אויף אַ ריכטיגער ביהנע. די פאָרשטעלונגען האָבען שוין געהאט דעקאָראציעס, געזאנג, מוזיק „גלייך איינער אָפּערע,“ און ווערען געגעבען ניט נאָר אין דעם טאָג פון פורים, נאָר אַ גאנצען חודש. די פורים שפּיעלס ווערען געשריבען פון מענשען, וואָס לערנען דעם תלמוד און גרייטען זיך צו זיין רבנים, און די פורים שפּיעלער זיינען בחורים פון די גרעסטע ישיבות.

אין גרונד האָט זיך דער אָנהויב פון אידישען טהעאטער — דאָס הייסט אַ טהעאטער וואָס איז ארויסגעשפּרונגען פון שוהל־הויף און געשאפען פאר'ן גאנצען פאָלק מיט דער הסכמה פון די כשר'סטע און פרימסטע אידען — געדארפט רעכענען פון דער דאָזיגער צייט, דאָס הייסט פון דעם אָנהויב פון דעם אכטצעהנטען יאהר־הונדערט. מיר האָבען שוין אין דער צייט די שטיקער, די שפּיעלער, דאָס פּובליקום און אפילו די „פּויקען און אנדערע אינסטרומענטען“. דער פאָרשר ט אין קורצע עטליכע יאהר איז אַ גוואלדיגער און ווען דאָס טהעאטער וואָלט זיך אזוי ענטוויקעלט וייטער וואָלט עס געקאָנט דערגרייכען ווער ווייסט צו וועלכער מדרגה. נאָר דער זעלביגער שוהל־הויף, דער זעלביגער בית המדרש וואָס האָט דעם פורים שפּיעל געגעבען לעבען, האָט אויך געמוזט פּענטען און ארומצאמען עס מיט אלע גדרים וסיגים, מיט וועלכע ער אליין איז געווען געפּענטעט און ארומגעצאמט. דעם פורים שפּיעל איז געווען אָנגע'חתמ'עט ארומצודרעהען זיך אייביג אין דעם פערשאָלטענעם קרייז און האָט זיך פון איהם ניט געקאָנט ארויסרייסען.

דאָס פורים שפּיעל סיי אין דער קאָמישער פאָרם פון אחשורש אוי סיי אין דער פּאטהעטישער פארם פון מכירת יוסף האָט זיך געקאָנט האַלטען נאָר מיט'ן זכות פון שכרות. מען האָט אזעלכע שטיקער געקאָנט שפּיעלען אפילו צוויי וואכען פאר פורים און צוויי וואָכען נאָך פורים, אבער פורים האָט געמוזט זיין דער צענטער. דער גאנצער היתר אויף שפּיעלען טהעאטער האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין דער צייט פון פורים איז אַ מצוה צו משמח זיין זיך און וואָס מיט דעם דאָזיגען יום טוב איז פערבונדען געווען פון לאנגע הונדערטע יאָהרען אַ מין אונטערהאלטונג

וואס האט גע'כשר'ט שפיעלען. דער בית המדרש האט אין „מכירת יוסף", „אקציאהן פון קעניג דוד און גלית", „אקטא אסתר עם אחשורש" דערגרייכט די שטופע פון נאן פלוס אולטרא, און דא האט די בית המדרש קונסט געמוזט בלייבען שטעהן.

מיר האבען דערמאנט אז דאס שפיעל „אקטא אסתר עם אחשורש" איז אויפגעפיהרט געווארען אויף א ריכטיגער ביהנע מיט „פויקען און אנדערע אינסטרומענטען" פון די תלמידים פון דוד אפענהיים, דאס הייסט מיט דעם הסכם פון א רב, מיר ווייסען אויך, אז א צייט לאנג זיינען ארומגעפאהרען וואנדערענדע טרופעס פון ישיבה בחורים און האבען געשפיעלט זייער רעפערטואר פאר פרומע שוהל אידען, אבער דערפון טאר מען בשום אופן ניט שליסען, אז אידען האבען אנגעהויבען צו קוקען דורך די פינגער אויף טהעאטער פארשטעלונגען, און אז די רבנים האבען דערצו געגעבען זייער הסכמה. דורך די אלע לאנגע, לאנגע הונדערטע יאהרען פון דעם גלות האט זיך דער אידישער קוק אויף טהעאטער אויף קיין האר ניט געענדערט. דער זעלביגער פערבאט צוליעב מושב לצים פון דער צייט פון די תנאים ביז די לעצטע רבנים איז געבליבען אין זיין פולער קראפט. טהעאטער איז געבליבען פאר דעם בית־המדרש אידען א פרעמדע אינסטיטוציאן, פון וועלכער אידען דארפען ווייכען. אויבען איז ציטירט געווען אן אויסצוג פון שמואל אבאאב'ס א בריעף, אין וועלכען ער רופט אן טהעאטער א נעסט פון זינד. ער איז ניט געווען דער איינציגער, וואס האט מיט אזא שרעק געקוקט אויף טהעאטער. רבי יונתן אייבעשיץ, בעסער בעוואוסט אונטער'ן נאמען רבי יונתן פרעגער, א בעריהמטער רב פון דעם אכטצעהנטען יאהר הונדערט, דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע דרשות אין „יערות דבש": „ווי קאן מען טראגען אין הארצען דעם טרויער וועגען ירושלים, ווען מען זיצט אין א טהעאטער און מען קוקט זיך צו ווי קאמעדיאנטען שפיעלען."

אויפ'ן ערשטען בליק קאן אויסווייזען, אז דער מאטיוו פון דעם אידישען ווידערווילען געגען טהעאטער האט זיך אין גאנצען געענדערט אין דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט. און פון די דאזיגע ווערטער קען מען שליסען, אז דער מאטיוו איז שוין ניט קיין

רעליגיעזער, נאר א נאציאנאלער, און דער אידישער געלעהרטער לעאפאלד לעוו קומט טאקע צו אזא שלוס אין זיין ווערק „די לע־בענס אלטער אין דער אידישער ליטעראטור.“ דאס איז אבער ניט אזוי. אין דעם זעלביגען „יערות דבש“ אין אן אנדער דרשה דריקט זיך רבי יונתן אייבעשיץ אוים פיעל דייטליכער און זאגט אזוי:

„והנה כבר כתבנו, כי ושתי הי׳ כחזיר כשר ברגלה ומ״כש שנאות כן לבני ישראל לשמור רגלם ללכת למקום נשים או מקום מורגל ומוכשר לדבר עבירה ומ״כש למקום שקורין שויאשפיל, קאמעדיע, אפרייא, המשחקים שם על טעאטרום, שזה אמרו חז״ל: במושב לצים לא ישב — אלו בתי טעאט־רום והיינו מקומות הנ״ל ששוחקים הקאמעדיאנטען על טע־אטרום. אוי לנו, איך מלאו לבבכם לאמר תהלים „אשרי האיש אשר הלך וכו״ ואתם הולכים ותשבו במקום מושב לצים ה׳נל.״

דאס הייסט, מיר האבען שוין לאנג געשריבען, אז ושתי איז געווען ווי א חזיר וואס האט כשר׳ע פיס און א פשיטא שוין דאר־פען זיך אידישע קינדער היטען ניט צו געהן אין א פלאץ פון ווייבער אדער אין פלאץ וואס איז בעשטימט פאר זינד, און א פשיטא שוין אין א פלאץ, וואס מען רופט „שוישפיעל“, „קאמע־דיע“, „אפערא“, וואו מען שפיעלט אויף א ביהנע. און דערויף האָ־בען די חכמים געזאגט: דער מושב לצים פון תהלים איז געמיינט אויף טהעאטער און אזעלכע פלעצער, וואו קאמעידאנטען שפיעלען אויף א ביהנע. ווייה צו אונז, ווי אזוי וואגט איהר צו זאגען אין תהלים „במושב לצים לא ישב“ און איהר זיצט צווישען לצים אין א טהעאטער!

פון הורדוס׳ס צייטען ביז דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט איז קיין ענדערונג ניט געווארען אין דעם אידישען בליק אויף טהע־אטער. נאר פון דעם אויסגערעכענטען צעטעל „שוישפיעל“, „קא־מעדיע“, „אפערא“ איז צו זעהן, אז דאס פורים שפיעל איז דערפון ניט געטראפען.

און טאקע דאס פורים שפיעל, אויב עס האט זיך ווייטער ניט ענטוויקעלט, איז נאך לאנג, לאנג, כמעט ביז׳ן לעצטען פיערטעל

פון דעם נײנצעהנטען יאהרהונדערט געבליבען די אײנציגע דראַ־מאטישע אונטערהאלטונג בײם פרומען אידען.

אין העברעאיש האט דאס פורים שפּיעל אנגענומען די הע־כערע דראמאטישע פאָרם נאָך דעם מוסטער פון דעם בעריהמטען פראנצױזישען דראמאטישען דיכטער ראסין, װעמעס „אסתר“ האט ארױסגערופען עטליכע איבערזעצונגען און נאָכאהמונגען צװישען די העברעאישע שרײבער. אזױ האט יוסף האלטערן איבערזעצט ראַ־סינ'ס „אסתר“ אונטער דעם זעלביגען נאָמען אין 1795, קלמן קאַ־העז ביסטריץ האט זײן נאָכאהמונג נאָך אסתר א נאָמען געגע־בען „גורל הצדקים“ און איז געדרוקט געװאָרען אין װיען אין דעם יאהר 1821, און ש. י. ראפּאפּאָרט האט אין 1827 ארױסגע־געבען „שארית יהודה“, װאס איז א בעארבײטונג פון ראסינס „אסתר.“ מ. לעטעריס האט א ז 1843 אױך איבערזעצט די זעלביגע „אסתר“ אונטערן נאָמען „שלום אסתר.“

נאָר אין אידיש האט דאס פורים שפּיעל קײן מאָל ניט אנ־גענומען אזא קלאסישע פאָרם, הגם זי איז די גאנצע צײט געגאנ־גען אין די צװײ פערשײדענע ריכטונגען, װאס זײנען אנגעצײ־כענט געװאָרען פון אײן זײט פון דעם אחשורש שפּיעל, װאס מען האט פערברענט אין פראנקפורט און װאס ש. י. ראפּאפּארט רופט אין דער הקדמה צום „שארית יהודה“ נבלה גדולה, דאס הײסט גרױסע שאנד און פון דער צװײטער זײט פון בערמאנס „מכירת יוסף“. דאס פורים שפּיעל װאס איז געגאנגען צװישען פאלק און װאס מען האט געשפּיעלט פורים איז די הײזער איז געװען נאָך דעם שניט פון דעם דערמאָנטען אחשורש שפּ על, און דער צװײ־טער מין פורים שפּיעל סײ װאס איז געװען געדרוקט און סײ װאס איז געגאנגען אין כתב יד איז געװען מעהר ערנסט און איז נ ט אלע מאָל געשפּיעלט געװאָרען און װען א פאָרשטעלונג פון אזא שפּיעל איז געגעבען געװאָרען, איז דאס געװען פאר א גרעסערע עדה אידען.

פון דעם צװײטען מין, װאס זײנען אין פערשײדענע צײטען געדרוקט געװאָרען, זײנען די מעהר בעװאוסטע: „די שטאָלצע

ושתי," איין קאָמישעס שוישפּיעל איןריימען פון ג—ר (פריעדריך ווילהעלם גאָטער), ברעסלוי, 1797 (?).

„ערלעזונג דער יודען דורך מרדכי און אסתר," איין טרויער־שפּיעל פון יאקאָב אוים פּאָזען, אמשטערדאם, 1800.

„אסתר" אָדער „די בעלאָהנטע טוגענד," איינע פּאָזזע אין פיער אבשניטען אין יידיש דייטשער מונדארט פון יוסף הערץ, פיורדא, שנת תקפח.

דעם העכסטען אויסדרוק פון דעם דאָזיגען מין פורים שפּיעל טרעפען מיר אין דעם „מכירת יוסף" פון אליקום צונזער, וועלכער האָט אין זינען געהאַט דורכאויס דאָס לעזענדע פּובליקום און איז געדרוקט געוועזן אין 1874.

אבער צווישען פאָלק איז דוקא אָנגענומען געוואָרען דאָס אחשורש שפּיעל, וואָס איז פער'משפּט געוואָרען צו שרפה אין פראנקפורט, דאָס הייסט דער גייסט פון יענעם פורים שפּיעל. אלע וואריאציעס וואָס זיינען דערגאנגען ביז צו סאמע אונזער צייט האָבען זייער יניקה געצויגען פון איהם. יעדע געגענד האָט געשאַ־פען אן אייגענעם נוסח, האָט אריינגעגעבען אייגענעם וויץ, אייגע־נע המצאות, נאָר דער עיקר איז געבליבען דער זעלביגער און זיי זיינען אלע געמאכט נאָך דעם מוסטער פון דעם אלטען אחשורש שפּיעל. דער הומאָר איז אומעדום א גראבער, די המצאות אָטהעמען אויב ניט מיט אזא נבול פה איז מיט מעהר קללות, די אויפפאַ־סונג איז די זעלביגע האמעטנע, מרדכי איז א נידריגע בריאה, א מנוול און אסתר איז א מאוסע אונריינע בעשעפענים. אָפט זיינען גאנצע פראזען איבערגעגעבען אויב ניט וואָרט פאר וואָרט, איז מיט קליינע שינוים.

אין א וואריאציע וואָס שטאמט פון מאהילעווער גובערניע אין רוסלאנד און וואָס מען האָט געשפּיעלט ביז דער לעצטער צייט ווערט געשילדערט די בעגעגענים צווישען דעם שדכן און אחשורש אַזוי:

שדכן

וואו איז דאָ בא אייך דער קעניג, וואָס טראָגט די לאָפּ־צעס אויפ'ן קאָפּ און די קרוין אויף די פּיס?

דער שדכן שילדערט אסתר'ן פאר'ן קעניג אזוי:

„א קורצע, א גראבע, א גרינע ווי א גראז;
זאל ביי אייך גישוואלען ווערן ביי ביידען דער נאז.

. . . .

. . . .

זיא איז אן אמת'ע עקרת הבית אין שטוב,
מיט דעם ארבעל שוימט זיא אראפ דעם טעפיל,
און מיט דעם פארטוך קעהרט זיא דיא שטוב,
און אז זיא דארף איינהייצען דיא אייוועו און פערבעטען דיא בעט,
פערבעט זיא דיא אייוועו און הייצט איין דיא בעט.

. . . .

דער טאטע איז א גנב אז פון דאנען ביז סיביר,
און דיא מאמע געפינט זיך אין דעם פיינעם ארט אין איינעם מיט איהר.

איז אייך געפעלען?
ווערט מען אייך ביידען באנקעם שטעלען."

ווען אחשורש איז מקדש אסתר'ן, מישט זיך דער קאמיקער אריין אזוי:

חתן

הרי —

קאמיקער

זאל אייך זיין ביידען, קינדערלאך, ווינד און וויית.

חתן

את —

קאמיקער

זאלט איהר ווערען ביידע דין ווי א בלאט.

חתן

מקודשת —

קאמיקער

קאק סאבאקא ברעשעם (דו בילסט ווי א הונד).

און אַם זיינען עטליכע שטעלען פון א וואריאציע, וואָס מען שפּיעלט נאָך ביז היינט געז טאָג אין נאַוואָגרודאָק.

ה מ ן (צום קעניג)

פאַטער־קעניג! עס איז דאָ א אידישער שדכן.

ה מ ן (צו מרדכי)

מרדכי, דאָ פּאַנאָ! (צום פּריץ).

מ ר ד כ י

טשאַסו ניעמא (איך האָב קיין צייט).

ה מ ן

צאָ ראָביש? (וואָס טהוסטו?)

מ ר ד כ י

לאָקשען קאַטשאַיו (איך וואַלגער לאָקשען).

מרדכי ווערט געשילדערט אַזוי:

„...פּוס־איך מאַנדרעכאַי,
א שלעפּער, א בעטלער, וואו א חתונה, וואו א ברית
דאַרטען האָט ער ניט געפעהלט
און א טעלער געשטעלט:
א פּאָרטרעט אויף איהם צו קוקען
א האָרב אויפ'ן רוקען,
אין דר'ערד טוט ער קוקען.
נאָך א סימן וועל איך אייך זאָגען:
מ'האָט ניט לאַנג איהם באַנקעם געשטעלט צום רוקען."

מרדכי פערהאלט זיך צום קעניג נאָך דעם אָנגענומענעם כלל פון דעם אַלטען פּורים שפּיעל און שילדערט אסתר'ן אזוי:

„איך וועל דיר געבען א מיידעלע
אין ערטער גרין, אין ערטער געל,
דערצו א פּאָרטרעט.
כאָטש מיט די פיס צוטרעט.
א קולאַק אנטקעגען א קולאַק
(א געשוויר אייך ביידען אין באַק!)
היינט האָט זיא אילע בגדים של חול —
זאָל אייך, מיינע קינדערלאַך, ארוים דיא זייל.

היינט האט זיא יום טוב'דיגע בגדים —
קדחת מיט כשר'ע פאַדים,
שטרויענע הויזען
מיט דראָט בעצויגען,
א פלאַץ אויפ'ן וואסער,
אַן אָרט אויפ'ן בית חיים
ק'טשערטיאם וואשים אבאַאים (געהט ביידע צו אלדע רוחות)"

המנ'ס אלף בית:

127 לענדער
האב איך עהרליך געהאלטען
היינט מוז מען מיר מיין קאָפּ
אויף צווייען צושפּאַלטען.

כ אַ ר

טראַ—ראַ—ראַ!

ה מ ן

וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינעם שעהנעם ראָק?

כ אַ ר

אויפן גאלגאן שטעקט א טשוואָק
דאָרט וועלען מיר הענגען
דיינעם ראָק.

המן רעבענט אוים אלע זיינע שעהנע קליידער, זיינע צעהן קינדע'ר, דערנאָך קומט ער צו זיך אליין:

ה מ ן

וואו וועט מען הענגען, הענגען
המנ'ען אליין?
זאָגט זשע, איהר אלע.

כ אַ ר

אויפן גאלגאן שטעהט א בוים
דאָרט ט'מען הענגען
המנ'ען אליין.
גאָה זשע, שעהנסטער,

געה זשע, בעסטער
געה אויף א'הם ארויף.

דאס שפּיעל ענדיגט זיך מיט א סאלא און כאר געזאנג:

ס אָ ל אָ

אין אונזער אבות צייטען
דעם בורא איז מען געווען געטריי.
מיר ליבען דעם בורא
גאָר אויף דאס ניי.
זינגען מיר:
שושנת יעקב, תכלת מרדכי.

כ אָ ר

פערפלוכט זאָל ווערען המן,
דער רשע דער גרעסטער.
געבענשט זאָל ווערען מרדכי,
דער צדיק דער גרעסטער.

. . . .

אונזערע ווערטער איז מן השמים,
איהר'ט אונז געבען עטליכע גילדען מיט א שנאפּס,
וועלען מיר מאכען לחיים.

עס איז גרינג צו זעהן, פון וואנען האָט זיך אזא לעבעדיגקייט גענומען דוקא צום פראנקפורטער אחשורש שפּיעל. ניט נאָר איז דער הומאָר געווען פערשטענדליך און נאָהענט צום הארצען פון דעם פאָלקס מענשען, נאָר אויך האָט די לצנות'דיגע אויפפאסונג מעהר הארמאָנירט מיט'ן לוסטיגען גייסט פון פורים, ווען אפילו עס זיינען פון דעם דאָזיגען יום טוב פערשוואונדען די שפּורען פון קארנעוואל. דערצו האָט אויך פיעל געהאָלפען, וואָס א וואריאציע פון דעם אלטען אחשורש שפּיעל האָט מען געקענט שפּיעלען אָר־מעדום, אָהן שום הכי־ת. אָהן דעקאראציעס, אָהן פויקען און אנ־דערע אינסטרומענטען און עס איז אפילו ניט געווען נויטיג צו גע־בען א פארשטעלונג פון דעם גאנצען שפּיעל. ביי די גאָר אָרימע איז געווען גענוג א פּאָר דיאלאָגען און נעהמען ביי איהם עטליכע אָרימע גראשענס און ביי דעם מיטעלען בעל הבית האָט מען זיך

שוין געקענט פערגינען צו שפיעלען אביסעל לענגער און קריגען א גאנצען גילדען. מען האט עס געקענט צופאסען צו יעדען איינעם, נאך דעם פערמעגען, זיין שטאנד און זיין געשמאק, און עס איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור און מען האט עס געשפיעלט יאהר איין יאהר אוים ביז סאמע דער לעצטער צייט. בשעת די אנדערע פורים שפיעלס, וואס זיינען געווען ערנסטער אדער וואס זיינען גלייך געווען איינער אפערא און האבען געפאדערט אן אמת'ע ביהנע זיינען אויפגעפיהרט געווארען זעהר זעלטען.

אין א קליינעם מאסשטאב זעהט זיך שוין אין דעם פורים־שפיעל די שפאלטונג אין דעם כאראקטער פון דער שפעטערדיגע דראמע. איין סארט פורים שפיעל פון וועלכע דער המון לעקט די פינגער ווערט פער'משפט צו שרפה פון די שעהנערע אידען אין פראנקפורט און ווערט בעצייכענט פון א אידישען פארשטעהער אלס „נבלה גדולה“ און דער צווייטער סארט זוכט צו געפינען חן ביים שעהנערען אידען. איין סארט קען בעטראכט ווערען אלס א פאלקס שטיק און דער צווייטער אלס די בעסערע דראמע. איין סארט ווערט שטארק אנגענומען ביי דער מאסע און דער צווייטער דארף ווארטען אויף א געלעגענהייט, אז מען זאל איהם קענען שפיעלען פאר אן עולם.

צוליעב דעם גרויסען אונטערשייד אין דער גאנצער אויפפא־סונג און כאראקטער פון די ביידע סארטען שפיעלס, וואס זיינען געבארען געווארען אויף דער אידישער גאס, איז אויך געווארען א שארפע מחיצה צווישען די שפיעלער. אין אנהויב זיינען די פורים שפיעלער געווען לערנער, בני תורה, ישיבה בחורים, וועלכע האבען ניט נאר געשפיעלט ביי זיך אין שטאדט נאר זיי זיינען אויך ארומגעפאהרען איבער אנדערע שטעדט און געגעבען פארשטעלונ־גען, נאר צייט עס האט זיך אנגעהויבען א רדיפה אויף דעם פראנק־פורטער אחשורוש שפיעל, זיינען אלערליי וואריאציעס זיינע איבער־געגאנגען צום סאמע נידריגען סארט מענשען אין יעדען שטעדטיל, און די ישיבה בחורים זיינען געבליבען ביים סארט פון „מכירת יוסף.“

פֿיערטער קאַפּיטעל.

די ערשטע מאָדערנע קאָמעדיע.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם אכטצעהנטען יאהרהונ־דערט האָט זיך אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד די השכלה בעוועגונג. קיינער וועט ניט חושד זיין די משכילים פֿון מענדעלסזאָהנ׳ס חדר, אז זיי האָבען געשטרעבט צו שאפֿען א אידישע נאַציאָנאַלע דראמע אָדער, וואָס איז נאָך וויטלויפֿיגער, א אידישען טהעאטער פֿאר׳ן פֿאָלק. די משכילים האָבען געהאט א פֿעראכטונג און האס צו אי־דיש, דאָס הייסט מאמע־לשון. דאָס זיינען געווען די משכילים וואָס האָבען א נאָמען געגעבען אונזער מאמע־לשון זשארגאָן, און דער דאָזיגער נאָמען איז אזוי אריין צווישען דער מעהר אָדער ווייניגער אידישער אינטעל־גענץ, אז אפֿילו פֿערקאָכטע אידישיס־טען, וואָס האָבען נאָך קיין נאָמען ניט געהאט פֿאר דעם נייעם איזם, האָבען איהם געברויכט צו בעצייכענען אידיש, פֿערשטעהט זיך, ניט מיינענדיג דערביי קיין בעליידיגונג פֿאר׳ן מאמע־לשון. און דאָך זיינען דאָס געווען די משכילים וואָס האָבען געמאכט דעם וועג פֿאר׳ן אידישען טהעאטער אויף דער אידישער גאס.

גלייך ביים אנהויב פֿון דער השכלה האָט זיך בעוויזען א גאנצע פֿלעיאדע שרייבער, וואָס האָבען זיך גענומען מיט חשק צו דער דראמע. זיי, ווי די פֿריהערדיגע העברעאישע דיכטער, האָבען אין דער דראמע נאָר געזעהן א נייע פֿאָרם פֿון ליטעראטור, און עס איז שווער צו בעמערקען, וואָס איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו, די הויפּט כונה ביים נעהמען זיך צו דער דראמע: צי זיי האָבען גע־שטרעבט רייכער צו מאכען די העברעאישע ליטעראטור, צי זיי האָבען געוואָלט בעקאַנען די העברעאישע לעזער מיט א מין קונסט, וואָס איז זיי כמעט פֿרעמד געווען. נאָר וואָס די כונה איז ניט גע־ווען, דערווייל האָבען זיך געוויזען מאָדערנע דראמען אין א שפּראך.

וואס איז געווען נאהענט צום בית המדרש'ניק, און דער משכיל און אלע וואס האבען פערשטאנען העברעאיש האבען געקריגען א געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט זיי.

דער ערשטער פון דער דאזיגער עפאכע איז געווען דוד פראנקא מענדעס (געבארען 1713—געשטארבען 1792). ער האט געשאפען צוויי דראמעס. „גמול עתליה" און „תשועת ישראל בידי יהודית". דיביידע ווערק זיינען ניט קיין אריגינעלע, נאר אויך ניט קיין פשוט'ע איבערזעצונגען. פון עתליה האט דער בעריהמ־טער פראנצויזישער דראמאטורג ראסין געמאכט א טראגעדיע, און מענדעס האט די דאזיגע דראמע געהאט פאר די אויגען, ווי אויך א דראמע געשריבען פון דעם בעוואוסטען איטאל עניִשען דיכ־טער פיעטרא אנטאניא דאמעניקא באנאווענטורא טראפאסי, וועל־כער איז בעקאנט אונטער'ן פסעוודאנים מעטאסטאסיא. „תשועת ישראל בידי יהודית" איז אויך א בעארבייטונג נאך מעטאסטא־סיא און איז א דראמאטישע געדיכט אין צוויי אבטיילונגען. אין 1786 האט מענדעל ברעסלא ארויסגעגעבען דאס אלעגארישע דרא־מאטישע ווערק „ילדות ובחרות"; אין 1791 האט שמואל חומא־נעלי אנגעשריעבען די מעלאדראמע „הקולות יחדלון", און אין די קומענדע פיער יאהר זיינען געשאפען געווארען „מלוכת שאול" — ביבלישע דראמע אין 6 בילדער פון יוסף טרעפלאוויטש, „מלחמה בשלום" פון חיים אברהם בן אריה, „אסתר" (נאך ראסינ'ס) פון יוסף האלטערן.

פון דער צייט אן זיינען דראמען אין העברעאיש, סיי אי־בערזעצטע, סיי אדאפטירטע און סיי אריגינעלע, געווארען א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג. עס איז כמעט דער יאהר ניט אריבער, אז עפעס א דראמע זאל ניט געשאפען ווערען אין דער העברע־אישער ליטעראטור, און א צייט לאנג איז דער דאזיגער צווייג גע־ווען א סך רייכער און וויכטיגער ווי דער בעלעטריסטישער.

די העברעאישע דראמע האט זיך ניט געדארפט רעכענען מיט קיין טהעאטער און ניט געדארפט האבען אין זינען קיין גאליאר־קע, און זי האט זיך דאריבער געקאנט פערגינען צו זיין מעהר לי־טעראריש.

מיר האָבען שוין געזעהן, אז גאָר די ערשטע דראמען אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה זיינען געווען געשאפען נאָך דעם בעסטען מוסטער פון דער וועלט ביהנע. ראסין פערנעהמט אין פראנקרייך דעם אויבען אָן אין טראגעדיע, ער איז דער פראנצויזישער קלאסיקער אויף דער ביהנע און זיינע ביבלישע טראגעדיעס וואָס זיינען איבערזעצט אָדער אדאָפּטירט געוואָרען אין העברעאיש זיינען אמת'ע פערלען.

אויב די ערשטע צייט זיינען איבערזעצט אָדער אדאָפּטירט געוואָרען נאָר אזעלכע דראמען, וואָס האָבען געהאט א דירעקטען שייכות מיט אידען, האָט מען שפּעטער אויפגעהערט מקפּיד צו זיין דערויף, און מען האָט איבערזעצט פיעלע פון די בעסטע וועלט־דראמען אין דער שפּראך פון די נביאים. אזוי זיינען איבערזעצט געוואָרען עטליכע דראמען פון שעקספּיר, געטהע'ס פאוסט און דאָס גלייבען.

אזוי זעהען מיר, אז אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה איז געשאפען געוואָרען א גאנצע דראמאטישע ליטעראטור אין העברעאיש אין דעם משך פון דריי דורות, און אויב דאָס האָט אליין קיין טהעאטער ניט געשאפען, איז אלץ מעהר און מעהר אויסגעטראָטען געוואָרען א וועג פאר דראמאטישער קונסט.

אָבער די השכלה בעוועגונג האָט געטהאָן א סך מעהר. זי האָט געשאפען די סביבה, די בעדינגונגען, אין וועלכע א טהעאטער זאָל קאָנען עקזיסטירען, די פאָדערונג אויף אזא אונטערהאלטונג, וואָס מען קאָן געפינען אין א טהעאטער, און אליין געליפערט דעם מאַטעריאל, אָהן וועלכען א אידישע ביהנע האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין.

דאָס איז איינער פון די מעהרערע פאראדאָקסען פון השכלה.

א טהעאטער קאָן געשאפען ווערען און עקזיסטירען נאָר דאָן, ווען ער האָט אלע דריי נויטיגע יסודות, און די דאָזיגע יסודות זיינען: א פּובליקום, דראמאטורגען און אקטיאָרען. ווען עס פעהלט איין יסוד פון די צוויי, קאָן קיין טהעאטער ניט געמאָלט זיין.

ביז דער השכלה האָבען מיר אזא פּובליקום ניט געהאט. די אידען, וואָס האָבען געלעקט די פינגער פון א פּורים שפּיעל זיינען פאר קיין טהעאטער ניט געשאפען געוואָרען. ווייטער פון דעם

פורים־שפיעל האבען זיי ניט געקאנט געהן. עס האט זיך געפאָדערט א גאנצע ענדערונג אין דעם אידישען בליק אויף׳ן לעבען, אז אידען זאָלען קאָנען ווערען טהעאטער־געהער. עס האבען פריהער געדארפט געשאפען ווערען פאָדערונגען אויף עולם־הזה׳דיגע פערגניגענס און עס האט זיך פריהער געדארפט דערוועקען א דורשט צו געניסען פון לעבען, איידער א טהעאטער זאָל זיך קאָנען וויזען צווישען אידען.

מיט דעם אלטען בליק, מיט דער אלטער פילאָזאָפיע, אז די וועלט איז נאָר א פרוזדור, און דער אמת׳ער גליק איז גאָר אויף יענער וועלט, האבען עולם־הזה׳דיגע פערגניגענס געקאָנט האבען א פנים פון הבל הבלים. די השכלה האט געמאכט אן א־ערקעהרעניש אין דער דאָזיגער פילאָזאָפיע. זי האט אבגערוקט צום הינטערגרונד י ע נ ע וועלט מיט איהרע גליקען און מעהר ארויסגערוקט צום פראָנט ד י וועלט מיט איהרע מענשליכע פערגניגענס און גענוסען. דער לאָזונג פון השכלה איז ניט נאָר געוועזען: „זיי א מענש אין דרויסען.״ נאָר — „לעב ווי א מענש סיי אין שטוב און סיי אין דרויסען.״ אלע היתרים וואס די משכילים האבען אבגעזוכט, האבען געשטרעבט צו מאכען בעסער, שעהנער, אנגענעהמער און פערגניגענדער דאס לעבען. די השכלה האט געוועקט פרויען ליעבע אין דעם אידענ׳ס אבגעשטארבענעם הארצען, האט געעפענט זיינע האלב־אויסגעלאָשענע אויגען צו שעהנקייט און געטורקעט איהם אין אויער: „מה נאה אילן זה״. די השכלה איז ארויסגעקומען מיט א פילאָזאָפישע שיטה, וואס איז געווען פונקט דער היפך פון יענע, וועלכע האט גייסטיג געשפייזט אידען אין א משך פון איבער צוויי טויזענד יאהר, ניט נאָר דורך דעם גאנצען לאנגען וועג פון גלות, נאָר אויך צייט זיי האבען פערלאָרען זייער אונאבהענגיגקייט.

דערפון דארף מען בשום אופן ניט דרינגען, אז אידען זיינען שטענדיג ארומגעגאנגען מיט פערגלאָצטע אויגען, אדער זיי האבען מיט זייערע אויגען אויסגעקוקט אויף׳ן מלאך המות. ווען אידען האָבען זיך דערפיהלט רוהיגער פון זייערע רדיפות און זייער מאטעריעלע לאגע איז פערבעסערט געוואָרען, האבען זיי, ווי אלע אנדערע מענשען, געזוכט פערגניגענס.

מיט'ן דראַנג פון השכלה זיינען געקומען די פאָדערונגען אויף עולם־הזה'דיגע פערגניגענס און דער דורשט צו געניסען פון לעבען האָט זיך ארויסגעוויזען אויף פערשידענע דרכים, אויף אלערליי אופנים, און אזוי ווי דער דאָזיגער טריעב איז געשאפען געוואָרען ניט דורך אידישע מיטלען, האָט מען אלץ ווייניגער און ווייניגער אנגעהויבען מקפיד צו זיין, צו די פערגניגענס זיינען אין דעם אי־דישען גייסט צו ניט.

אויפ'ן שוים פון השכלה האָט זיך ערצויגען א נייער דור, וואָס מען האָט אין די גהעטאָ'ס פריהער ניט געזעהן. די פנים חדשות זיינען ניט נאָר געווען משכילים, וואָס האָבען דערזעהען דאָס ליכט פון מערב אייראפא, ניט נאָר ישיבה בחורים וואָס האָבען ערשט פערמאכט די גמרא און אהן א היטעל א ברכה געמאכט אויף א חלב'ענע ליכטעל, נאָר אויך קיילעכדיגע עם הארצים, וועלכע האָ־בען קיין שום היתרים ניט געזוכט און האָבען זיך מיט פערגניגען געלאָזט געהן מיט'ן נייען שטראָם.

און דאָס איז ווידער איינער פון די פאראדאָקסען פון השכלה, וואָס מיט איהר דראנג האָט זיך פערשפרייט עם הארצ'עס אין גע־וויסע קרייזען צווישען אידען. הגם דאָס קלינגט המצאה'דיג, איז דאָך ניט שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי אזא ערשיינונג איז געוואָ־רען מעגליך. פריהער איז יעדער אידישער אינגעל געגאנגען אין חדר, און אויב ניט קיין תורה האָט ער לכל הפחות עברי זיך אויס־געלערענט. איז ער אויסגעוואקסען א בחור, איז ער אין קלויז גע־גאנגען אדער אין בית המדרש און האָט געדאווענט, תהלים גע־זאָגט, און דאָס ביסעלע וואָס ער האָט אין חדר געגאשט האָט ער ניט נאָר ניט פערגעסען, נאָר פערקעהרט, ער איז דערין געוואָרען מעהר בעהאוועגט. יעדער האָט אזוי געטהאָן. מיט דער פערשפריי־טונג פון השכלה האָט זיך אין די גרויסע שטעדט בעוויזען א מין הפקרות. דער פריהערדיגער אויטאָריטעט, וואָס האָט אלעמען גע־האלטען אין שפאן, האָט געפלאצט. [illegible] שוין מעהר קיין דעה ניט געהאט איבער'ן יחיד, און אז אינגלעך, בחורים, יונגעלייט האָ־בען זיך פערקוקט אויף די געבילדעטע און ניט געוואָלט געהן אין קלויז, אין בית המדרש, אין שוהל. [illegible] יונגער גאָרניט געקאָנט

זאגען. און דאס ביסעלע, וואס זיי האבען קוים מיט צרות אויסגעלערנט, האבען זיי אין גיכען פערגעסען און איז אין גאנצען פון קאפ ארויסגעגאנגען.

אט דער דאזיגער עלעמענט, וואס איז געווען ניט צו גאט און ניט צו לייט, האט מיט זיין אויפהערען צו געהן אין קלויז, פערלארען א בעפריעדיגונג פאר דער נשמה יתירה. דער טאטע, דער זיידע האבען געהאט אזא גייסטיגע בעפריעדיגונג. אויב זיי האבען אליין לערנען ניט געקאנט, איז דער תהלים מיט זיין גאנצער השתפכות הנפש געווען אפען פאר זיי. שבת ביי טאג און בין מנחה למעריב אין דער וואכען האבען זיי עין יעקב געהערט, נאכ'ן דאוונען האבען זיי געקאנט ארייננמישען זיך אין א שמועס וועגען הויכע און וואכעדיגע ענינים און פערגעסען אויף א ווייל'ע די ווישטע ארבייט ביים ווארסטאט אדער די זארגען פון פרנסה. אבער דער נייער עלעמענט האט די דאזיגע בעפריעדיגונג פערלארען, און ער האט געמוזט זוכען אנדערע תענוגים אין זיין לעדיגע צייט.

פאר אזעלכע מענשען איז די אונטערהאלטונג פון א טהעאטער ווי געוואונשען, אבער דערצו פאדערט זיך, אז זיי זאלען גוט פערדיענען און זייער צאהל זאל זיין א גרויסע. פאר א קלייזעל איז געווען גענוג א פאאר מנינים אידען, תהילים זאגען און עין יעקב הערען האט כמעט גאר ניט געקאסט, אבער טהעאטער איז פערבונדען מיט א הוצאה און א גרויסע הוצאה, און אויסהאלטען א טהעאטער איז א גרויסע הכבדה, און דאס קאן נאר דערוויזען ווערען, ווען דער גרעסטער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין א גרויסער שטאדט וויזט ארויס דערצו א פאדערונג און די פאדערונג איז זעהר א גרויסע.

דאס האט ניט געקאנט געטהאן ווערען אין א קורצען משך. עס האבען זיך געפאדערט צעהנדליגע און צעהנדליגע יאהרען, איידער אזא פובליקום האט געקאנט געשאפען ווערען.

און נאך איידער די השכלה האט געשאפען דאס נויטיגע פובליקום פאר א אידישען טהעאטער, האט זי געגען איהר ווילען גענומען ארויסרוקען שאפענדע קרעפטען פאר דער אידישער ביהנע.

עס איז כמעט א המצאה, אז די ערשטע אידישע מאָדערנע קאָמע־דיע, אין וועלכער עס איז געמאכט געוואָרען א פערזוך צו שילדע־רען דאָס מאָדערנע אידישע לעבען, איז געשריעבען געוואָרען פון איינעם פון די גרעסטע זיילען פון דער השכלה.

דער פערפאסער פון דער דאָזיגער קאָמעדיע איז איינער פון די בעריהמטעסטע מחברים פון ביאור און רעדאקטאָר פון דעם ניט ווייניגער בעריהמטען זשורנאל „מאסף", אהרן האַללע, אָדער, ווי ער איז בעסער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען, וואָלפסזאָן.

פון אַלע קעמפפער פאר השכלה איז וואָלפסזאָן געווען דער ביטערסטער, דער פערביסענסטער. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, אז די השכלה איז די איינציגע, וואָס האָט בכח אָבצואווישען פון דער ערד די אומזיסטע שנאה צו אידען, און ער האָט אין דער השכלה געזעהן די איינציגע רעטונג פאר'ן אידען. און גלויבענדיג, אז ער האָט די אמת'ע רפואה צו דעם אידענ'ס מכה האָט ער מיט זיין גאנצען ווילען און קראפט גענומען זיך איינצוגעבען דעם אידישען פאָלק זיין רפואה און ער האָט ניט געקוקט, צי ער פערשאפט דערמיט וועהטאָג, יסורים. יעדע אָפע־ראציע טהוט וועה, און וואָס גיכער מען מאכט איהר, אַלץ גֶעהענ־טער איז די האָפנונג געזונד צו ווערען.

וואָלפסזאָן איז געווען פון די ערשטע נאָך משה מענדעלסזאָהן, וואָס האָט זיך גענומען צום איבערזעצען די הייליגע שריפטען אין ריינעם דייטש. ער איז געווען צווישען די, וואָס האָבען איבער־זעצט און געשריבען דעם ביאור צו די מגלות: רות, איכה, אסתר, און ער האָט אויך געהאָלפען אין דעם ביאור אויף שיר השירים. נאָכדעם האָט ער איבערזעצט מלכים א' און מלכים ב', איוב און נאָך אַנדערע ספרים. ער האָט אויך אָנגעשריעבען „אבטליון", וואָס בע־שטעהט פון קורצע ערצעהלונגען פון חומש אין א לייכט־העברע־אישער שפּראַך, ווי אויך משלים, וואָס האָבען געדארפט דיענען אַלס העברעאישע כרעסטאָמאטיע פאר קינדער. ער האָט אויך אָנ־געשריעבען אין דייטש דאָס ווערק „ישרון" אָדער „אונפּארטייאישע בעלייכטונג דער דעם יודענטומע נייערדינגס געמאכטען פאָר־ווירפע."

וואָלפסזאָן איז געווען אַבער־לעהרער און אינספעקטאָר אין דער קעניגליכער ווילהעלם שולע אין ברעסלוי און זיין גאנצע טהעטיגקייט אטהעמט מיט השכלה און עס ווילט זיך כמעט ניט גלויבען, אז אזא וויכטיגער זייל פון מענדעלסזאָהנ׳ס קרייז זאָל זיין דער ערשטער אויפ׳ן פעלד פון אידישער קאָמעדיע.

נאָר דאָס איז א פאַקט, און די איינציגע ערקלערונג וואָס מיר קענען דערצו געבען איז, אז זיין קאמפּס־לוסט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן יעדער וואפע, און די שפּראך פון פאָלק האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו צוקומען צום סאמע פאָלק, אריינטראָגען דעם קאמפף פאר השכלה אין די ברייטע מאסען.

די דאָזיגע קאָמעדיע האָט געדאַרפט זיין דער גרונד־שטיין פון דער אידישער מאָדערנער דראמע און געדאַרפט מאכען א נייע עפּאָכע. די פּורים־שפּיעלס האָבען געהאט א היסטאָרישען כאראק־טער און האָבען מיט׳ן מאָדערנעם לעבען קיין שייכות ניט געהאט. דערצו זיינען זיי ניט געווען געבויט דראמענסמעסיג. וואָלפסזאָן האָט דער ערשטער געוויזען, ווי צו נעהמען שטאָף פון דעם מאָ־דערנעם לעבען און ווי צו בויען א דראמע אויף א מעהר אָדער ווייניגער מאָדערנעם אופן. זיין גרויסער נאָמען, זיין אויטאָריטעט איז געווען געננוג ארויסצורופען א טהעטיגקייט אויף דעם דראַ־מאטישען פעלד אין אידיש. וואָלפסזאָנ׳ס נאָמען איז געווען א גענוגענדער היתר פאר יעדען משכיל, אז מען מעג שרייבען אין מאמע־לשון א טהעאטער שטיק און ער וועט דערמיט ניט פער־שוועכען דעם כבוד פון דער דייטשער שפּראך. נאָר די צייט איז ניט געווען מסוגל דערצו, און די דאָזיגע קאָמעדיע איז כמעט גע־בליבען אונבעקאנט, הגם זי האָט אויסגעהאלטען צוויי אויסגאבען.

די קאָמעדיע הייסט „לייכטזין אונד פרעממעלייא" און מען קען ניט קלאָר ווערען, ווען זי איז צום ערשטען מאָל געדרוקט גע־וואָרען. אין דער פאָררעדע גיט וואָלפסזאָן אָן, אז דאָס שטיק איז אָנגעשריבען צו געענדיגט בחודש אדר אין דעם יאָהר תק״נח, און אויפ׳ן געדרוקטען שער ווערט קיין דאטום ניט דערמאָנט, הגם עס ווערט ניט נאָר אָנגעגעבען אז עס איז געדרוקט אין אמסטערדאם

ביי יוחנן לוי רופא ובנו בנימין נאָר צום סאמע סוף אויף דער נאָמען פון דעם זעצער: „על ידי הזעציר מאנים בר שלמה ז"ל באמשטערדאם". דערפון האָט מען געקענט שליסען, אז די קאָמע־דיע האָט זיך געדרוקט אין אמשטערדאם אין דעם יאָהר 1798; נאָר בן יעקב בעהויפטעט אז לייכטזין אונד פרעממעלייא איז גע־דרוקט געוואָרען אין דעם יאָהר תק'נו אין דער שטאָדט ברעסלוי, דאָס הייסט מיט צוויי יאָהר פריהער, ווי דער דאטום איז אָנגעגע־בען אין דער הקדמה. און דער בעוואוסטער ביבליאָגראף שטיינ־שניידער דערצעהלט, אז ער האָט געזעהן אן עקזעמפּליאר מיט'ן דאטום 1797 און דער טיטעל פון דער קאָמעדיע איז געווען „רבי הענאך" אדער „וואָס טהוט מען דערמיט."

וואָס איז שייך צו שטיינשניידער, איז גרינג צו זעהן, אז ער האָט דאָ געמאכט א טעות און ער האָט צומישט צוויי בעזונדערע שטיקער פון צוויי בעזונדערע מחברים. רבי הענאך אָדער „וואָס טהוט מע דערמיט" איז געווען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי א סאטירע אויף אידיש און איז געווען געשריבען פון יצחק אייכעל. אין דער ענציקלאָפּעדיע פון ערש און גרובער דערמאָנט יאָסט די דאָזיגע שטיק און אויך לעטערים אין זיין „זכרון בספר" שרייבט אזוי וועגען אייכעל:

„גם מעשה שעשועים לוסטשפּיעל בלשון יהודית דייטש יצא אחר מותו ועיני לא ראוהו."

דאָס הייסט אז יצחק אייכעל האָט אָנגעשריבען א קאָמעדיע אין אידיש און זי איז געדרוקט געוואָרען נאָך זיין טוידט, נאָר לע־טערים האָט אליין דאָס דאָזיגע שטיק ניט געזעהן.

עס איז ניט שווער אָנצושטויסען זיך, ווי אזוי שטיינשניידער האָט געמאכט דעם דערמאָנטען טעות. יצחק אייכעל און אהרן וואָלפסזאָן האָבען געארבייט און געווירקט כמעט אין איין צייט אויף דעמזעלביגען פעלד. אייכעל איז געווען דער ערשטער רעדאקטאָר פון מאסף און נאָך איהם האָט אהרן וואָלפסזאָן צוזאמען מיט לעווע איבערגענומען די רעדאקציע. דערצו נאָך איז דער נאָמען פון דער ערשטער פּערזאָן אין „לייכטזין אונד פרעממעלייא" חנוך און עס איז דאריבער געווען זעהר לייכט צו פערמישען ביידע שטיקער.

ניט אזוי גרינג איז אבער צו ערקלערן בן יעקב׳ס בעהויפּטונג, ווייל דער אונטערשייד איז ניט נאָר אין דעם דאטום נאָר אויך אין דעם פּלאַץ, וואו די דערמאַנטע קאָמעדיע האָט זיך געדרוקט. אויב בן יעקב האָט קיין טעות ניט געמאכט, בלייבט נאָר די איינציגע השערה, אז די ערשטע אויסגאבע איז געוועזן אין תק״נו און איז געדרוקט געוועזן אין ברעסלוי אָהן א שום פאָררעדע, נאָר צו דער צווייטער אויסגאבע, וואס איז געדרוקט געוועזן אין תק״נח אין אמשטערדאם האָט וואָלפסזאָן צוגעשריבען די הקדמה און אָנגע־געבען דעם נייען דאטום.

די זעלביגע קאָמעדיע איז אויך ארויסגעגעבען געוואָרען מיט דייטשע בוכשטאבען, מסתמא פאר יענע וואס האָבען קיין אידיש ניט געקענט לייענען און האָט געהייסען „רב חנוך דער בעטראָגענע בינאָט״ אָדער „דער עטלארפטע שיינהייליגע״. קיין דאטום איז אויף דער אויסגאבע ניט אָנגעגעבען.

וואָלפסזאָן האָט זיין פיעסע געשריעבען מיט דער פולער כונה. אז מען זאָל איהר שפּיעלען. קיין אידישער טהעאטער איז דעמאָלט ניט געוועזן, נאָר ער האָט גערעכענט, אז מען זאָל די דאָזיגע קאָמע־דיע אויפפהרען אויף דעמזעלביגען אופן, ווי מען האָט דעמאָלט אויפגעפיהרט די פורים־שפּיעלס, און שפּיעלען איהר אין דעם יום־טוב פורים, ווען אידען ווילען זיך אונטערהאלטען מיט אזעלכע זא־כען. „לייכטזין און פרעממעלייא״ האָט געדארפט דיענען אלס דער איבערגאנג פון די פורים־שפּיעלס צו מאָדערנער אידישער דראמע. זיין צוועק איז געוועזן א דאָפּעלטער אָדער, ר כטיגער געזאָגט, א דריי־פאכיגער: ערשטענס, צו פערטרייבען די פורים־שפּיעלס און אויפ־פיהרען מאָדערנע דראמען, וואס זאָלען אין לעבעדיגע פארבען שיל־דערן דאָס אידישע פאָלק, צווייטענס, צו קעמפּפען געגען דעם פאַ־נאטיזמוס און, דריטענס, צו קעמפען געגען דער מאָדערנער יו־גענד, וואס איז אוועקגעגאנגען אויף א שלעכטען וועג.

דאָס אלץ ערקלערט וואָלפסזאָן אין דער קורצער הקדמה, וואס איז געשריעבען אלס א מין פערענטפערונג, אלס א מין התנצלות:

„געגענוועדטיגער פערזוך איינס לוסטשפּיעלס, וועלכעס מעה־רערע פּאָלגען ווערדן, ווען דיזער דען בייפּאל פערנינפטיגען ער־

העלט, און וועלכער צו בעלוסטיגונג אן אונזערם פורים פעסטע, אן דער שטעלע דער זאַנסט געוועהנליכן זינלאָזן אונד צוועקוויד־ריגען הארלעקינאדען (פורים־שפיעלם), דיהנען זאָלל, ווירד האָפ־פענטליך פאָן קיינעם וואהרהייטסליעבענדען מאננע געטאַדעלט וועררען, דען איך ניכטס אנדערם דאמיט בעאבזיכטיגען ווילל, אלס בלאָס דער נאַציאָן מיט לעבאהפטען פארבען אנשויליך פארשטעללן, וועלכע איבלע פאָלגען, דער שטרענגע פאנאטיזמוס אונד דיא הייכ־לייא אונטער דעם דעקמאנטעל דער רעליגיאָן איינרזייטס, אונד דיא פאלשע אָדער אונעכטע אויפקלערונג אונזרר יעציגען מאָדישען יוגענד, נעבסט דער פעהלערהאפטען ערציהונג דער קינדער אנדרער זייטס הערפאָרברייגגען קעננען.

„זאָללטע איין לעזער אָדער איינע לעזערין דורך דאס גע־מעהלדע ז ך געטראָפען פיהלען, אונד דאהער דען ליבליכען ענט־שלוס פאססען זיך צו בעסערן, זאָ העטטע איך מיינען צוועק ער־רייכט, וועלכער וואר: דאס פערגניגען מיט דעם נוצען צו פער־איינען.

„פינדט אָבער דיזער ערקלערונג אונגעאכטעט דענגאָך יע־מאנד, דעם די הערויסגאַבע דיזס שטיקס מיספעללט, אונד דער דאס אנאטהעמא דאריבער שפריכט, זאָ דיהנע דיזס פאָלגענדר בקאנטר שפרוך צור אנטוואָרט:

דער קראַצע זיך דעם עס יוקקט (בייסט),
וויר אלע האבען איינע ריינע הויט.“

פון דעם נאָמען פון דער שטיק, פון דעם שער, און פון דער הקדמה קאָן מען מיינען, אז די קאָמעדיע איז געשריעבען אין דייטש, אבער דאָס איז ניט אזוי. די קאָמעדיע איז געשריעבען ניט נאָר אין אידיש, נאָר אין דעם כאראקטעריסטישען לאָקאלען אי־דיש פון דער נאָרדערליכער געגענד אין דייטשלאנד ביים סוף בון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט. „לייכטזין און פרעממעלייא“ איז אפשר אויך די א י י נ צ י ג ע א י ד י ש ע פ י ע ס ע, אין וועלכער עס ווערט אָבגעהיט די כאראקטעריסטישע אויס־שפראך פון א בעשטימטער געגענד.

עס קאָן זיין, אז פאר פיעלע לעזער וועט דער לעצטער זאץ

ניט זיין גאנץ פערשטענדליך און דאריבער געפין איך פאר נויטיג צו מאכען א קורצע ערקלערונג, הגם צוליעב דעם וועל איך מוזען פערלויפען א שטיק וועג.

עפעם א לץ האט אמאל זיך אויסגעדריקט, אז ער רעדט אלע זיבען לשונות פון אידיש. ער האט דערמיט געוואלט זאגען, אז דער אונטערשייד אין דעם אידיש אין פערשיעדענע געגענדען איז אזוי גרויס, אז אין יעדער געגענד קלינגט אידיש ווי א בעזונדער לשון. דער אידיש וואס מען רעדט אין דער ליטע איז ניט דערזעלבער וואס מען רעדט אין זיד־רוסלאנד, און אין פוילען רעדט מען גאר אן אנדער אידיש. דער אמת אבער איז, אז דער אונטערשייד אין דעם לשון איז ניט קיין גרויסער אין די פערשיעדענע געגענדען. דאס איז דערזעלביגער אידיש וואס מען רעדט אין ליטע און זיד־רוסלאנד און אין פוילען. דער גרויסער אונטערשייד איז נאר אין דער אויסשפראך. געווים, האט יעדע געגענד איהרע כאראקטעריס־טישע לאקאלע ווערטער און ווערטלאך און אויסדריקע, נאר די שפראך איז דיזעלביגע אומעדום. אין לייענען פיהלט זיך זעהר שוואך דער אונטערשייד אין דעם לשון, אבער דערפאר איז דער אונטערשייד זעהר א גרויסער אין רעדען.

אין די אלע דראמען, וואס זיינען שפעטער געשריעבען געווא־רען, האבען די שרייבער ניט גענומען קיין שום מיה צו בעצייכ־נען די כאראקטעריסטישע אויסשפראך פון א בעשטימטער גע־גענד. אמאל טרעפט מען יא, ווי א קאמישע פערזאן זאגט ארויס מיט א שווערען טראפ „דאש" און „וואש" און דאס דארף בע־צייכנען א ליטווישע אויסשפראך, אבער עס איז פערשפארט צו זאגען, אז דאס איז ניט מעהר ווי חוזק געמאכט. אויף דער ביהנע רעדט דוד משה'לעם אין דעם „אידישען קעניג ליר" מיט דער עכ־טער ארעסער אויסשפראך, הגם די האנדלונג קומט פאר אין ווילנא און דוד משה'לעם איז אן איינגעפונדעוועטער ווילנער בעל הבית. אין „מירעלע אפרת" זיינען אלע ליטווישע העלדען. מירעלע איז א ברייטע ליטווישע קצינה, איהרע זיהן זיי־נען ליטווישע בחורים; נחום'צע און זיין ווייב און שיינדעל זיינען סאמאראדנע סלוצקער, נאר זייער אלעמענס אויסשפראך

איז די עכט זיד־רוסישע: איהר קענט הערען אויך פון דער ביהנע די אויסשפּראך פון זשיטאָמיר, בעסאראביא, אָבער קיין עהנליכ־קייט ניט פון דער ליטע.

„לייכטזין און פרעממעלייא" איז „איין פאמיליען געמעהלדע אין דריי אויפצוגען." די פּערזאָנען פון דער פּיעסע זיינען:

רב חנוך, איין רייכער הויזפאטער; טעלצע, זיינע פרוי; יעטט־כען, זיינע טאָכטער; מארקוס, זיין שוואָגער, און ברודער דער טעלצע; רב יוספכה, הויז רבי; שאינדל, קעכין ביי רב חנוך; איין פריזהער; פרוי לעמגין, איינע קופּלערין (פאקטערקע).

די האנדלונג „געהט אין איינער גראָסען שטאדט פאָר אין דער נערדליכען געגענד פון דייטשלאנד; און דיא געשיכטע פעללט אין דאָס לעצטע יאָהרצענד דעס 18טען יאָהרהונדערט."

דער אינהאלט איז אזא:

רב חנוך, א איד א פרומער און א למדן, האָט א טאָכטער, וואס האָט א נאָש געטהאָן פון בילדונג אויפ'ן שפּיץ מעסער. זי קליידט זיך נאָך דער לעצטער מאָדע, פריזירט זיך, שפּאצירט אי־בער'ן בולוואר און פיהרט א בעקאנטשאפט מיט קריסטליכע יונגע לייט. זיי געפעלען איהר, ווייל זיי זיינען מעהר גאלאנט ווי די אי־דישע בחורים, זיי קאָנען מאכען קאָמפּלימענטען, און איהר קליין קעפּעל פערדרעהט זיך דערפון, הגם זי בעמערקט, אז די העפליכע קאַוואַליערען דערקאָנען איהר ניט, ווען זיי זיינען מיט קריסט־ליכע דאמען. רב חנוך איז ניט צופריעדען מיט איהר אויפפיה־רונג, נאָר ער קען דערצו גאָר ניט טהאָן, אבער ער איז ענטשלאָ־סען חתונה צו מאכען איהר דוקא פאר א פרומען בחור, א בן תורה.

פאר זיין אינגעל האלט ער אין הויז א רבי'ן, רב יוספכה, א בטלן, וועלכער מאכט א פרומען פּנים אבער וועלכער איז אין אמת'ען אן אויסוואורף. אט דעם דאָזיגען מלמד האָט ער בעשלאָסען צו נעהמען פאר אן איידעם. דער מלמד איז זעהר צופריעדען אריינ־צופאלען אין אזא שמאלץ־גרוב, און ביי דער טאָכטער דארף מען ניט פרעגען.

אין יעטטכען איז פערליעבט א געבילדעטער יונגערמאן מיט'ן נאָמען מארקוס. ער איז רב חנוך'ס א שוואָגער, נאָר זיין בילדונג

איז א חסרון צום שידוך. רב חנוך בעשולדיגט איהם, אז צוליעב איהם געהט יעטטכען אין גוי'אישע דרכים און וויל איהם פאר קיין איידעם ניט האָבען. צי יעטטכען האָט איהם ליעב, ווייסט מען ניט. עס קאָן זיין, אז ביי איהר איז דער קאָפּ אזוי פיעל פערדרעהט פון איהרע קריסטליכע בעקאנטע, אז אפילו איהר געבילדעטער אָנקעל געפעלט איהר ניט. און טאקע ווען רב חנוך ערקלערט איהר, אז דער מלמד יוספכה איז איהר חתן, אנטלויפט זי צו איהר קריסטליכען פריינד, א גראַף. דעם גראַף לוינט ניט, אז זי זאָל זיין ביי איהם און ער ערקלעהרט איהר, אז דערווייל וועט ער איהר בעהאלטען ביי זיינער א בעקאנטער און פיהרט איהר אוועק צו פרוי לעמגין, א קופלערין, א פאקטאַרקע, ווי אויך א „מאדאם“ פון א קליינעם הייזעל, און עס הייסט, אז ביי איהר וועט זיך יעטטכען אויפהאלטען ביז ער וועט געפינען א זיכערען אָרט. ביי חנוך'ן אין הויז איז א מהומה, און מארקום לויפט ארום איבער דער שטאָדט זוכען זיין פלימעניצע, און ענדליך געפינט ער אויס דורך בעקאַנטע, אז זי איז ביי דער קופלערין. ער קומט אהין אריין אלס בעזוכער און בעט מען זאָל צו איהם אריינפיהרען די נייע מיידעל. ווען ער איבערצייגט זיך, אז זיין פלימעניצע איז דאָ, ערקלערט ער דער קופלערין, אז ער האָט פערגעסען זיין געלד אין דער היים און וועט זיך אויף איין פוס אריבערכאַפּען און קומען גלייך צוריק. אין אמת'ן אבער געהט ער נאָך זיין שוואָגער.

דערווייל קומט צו דער קופלערין יוספכה, און עס ווייזט זיך ארויס, אז ער איז דאָרטען אן אפטער בעזוכער און איז שוין דער מאדאם שולדיג אביסעל געלד. ער דערצעהלט איהר אלץ, אז ער דאַרף באלד חתונה האָבען מיט א רייכער כלה און ער וועט האָבען געלד איבער גענוג. אבער אזוי ווי ער דערצעהלט איהר די דאָזיגע געשיכטע א לאַנגע צייט, האָט זי איהם אויפגעהערט צו גלויבען און אָבגעשניטען זיין קאָנטע. היינטיגעם מאָל איז ער געקומען ווי־דער אָהן געלד, נאָר ער האָט געבראכט א משכון, זיינע תפילין און נאָך א סך דינגעניס פועלט ער קוים ביי דער מאדאם, אז ז זאָל דעם משכון אָננעהמען. רב חנוך און מארקום קומען דאַן א און טרעפען דאָרטען דעם וואוילען חתן.

ווי עס איז גרינג צו זעהן, איז די דאָזיגע שטיק מיט איהר שאַרפער טענדענץ דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע שפּעטערדיגע השכלה־דראַמען, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען מיט דעם צוועק צו קעמפּפען מיט׳ן פאַנאַטיזמוס. די טענדענץ שפּאַרט דאָ ארויס פון יעדען זאַץ, פון יעדען וואָרט. איהר זעהט, ווי דער שרייבער האָט צו טהאָן מיט א שטאַרקען פערביסענעם שונא און קלייבט ניט קיין מיטלען, ווי צו בעקעמפּפען איהם. דער עיקר איז — אַבצו־ראַמען דעם שונא פון וועג.

אָבער אין דער זעלבינער צייט האָט ער אויך ניט פערגעסען אויפצוהויבען א קאַמפּף געגען דער זאַגענאַנטער פאַלשער השכלה, און האָט זיך ניט אַנגעשראָקען צו ווייזען, אַז ניט אַלץ איז גאָלד אין דעם צווייטען לאַגער, און דאָס איז עפּעס אזוינס, וואָס די שפּעטערדיגע אידישע דראַמאַטורגען דורך דער גאַנצער צייט פון דער השכלה עפּאָכע מיט זעהר ווייניגע אויסנאַהמען, האָבען ניט געוואַגט צו טהאָן. דערצו דאַרף מען נאָך האָבען אין זינען, אַז צו יענער צייט איז די השכלה געווען נאָך גאַר יונג, נאָך ערשט פון די וויקעלאַך ארויס. דער געוואוינליכער שאַבלאָן פון די שפּעטערדיגע אידישע דראַמען־שרייבער איז געווען צו שילדערן יעדען פון דעם השכלה לאַגער אין די שעהנסטע, ליב־טיגסטע פאַרבען.

די פראַגע פון אידישע מיידלעך, וואָס וואַרפען זיך אין די אַרעמס פון קריסטליכע יונגע לייט, איז דעמאָלט געווען זעהר אַן אַנגעוועהטאָגטע אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען די סאַמע צייט, ווען אידישע מיידלעך און ווייבלעך, ווי אידישע היסטאָריקער דריי־קען זיך אויס, האָבען אונטער די ערשטע שטראַהלען פון השכלה אוועקגעוואָרפען זייער טויזענד יאָהריגע צניעות און געלאָזט זיך פערפיהרען פון קריסטליכע יונגע לייט. דאָס איז געווען די צייט, ווען די גהעטאָס אין דייטשלאַנד האָבען געקאָכט מיט סקאַנדאַלען פון הענריעטא הערץ, מענדעלסזאָנ׳ס טעכטער און נאָך פיעלע פּראָ־מינענטע אידישע מיידלעך און ווייבלעך, וואָס האָבען בעזוכט הענ־ריעטא׳ס סאַלאָן. עס קאָן גרייליך זיין, אַז וואָלפסאָן האָט פאַר די אויגען געהאַט א געוויסען מאָדעל, פון וועמען ער האָט געשילדערט יעטכען. אפילו די בעריהמטע ראחעל האָט פונקט אין יענער צייט

געהאט אן אונגליקליכע ליעבע מיט א יונגען גראף. עס איז אמת, אז די נארישע יעטטכען איז אזוי וועניג געווען א בילד פון יענע הויף־געבילדעטע, קלוגע, וויציגע פרויען, ווי יוספכה איז געווען א בילד פון א פרומען אידען, אבער מען דארף ניט פערגעסען, אז דאס איז געווען דער ערשטער פערזוך צו שילדערן לעבעדיגע מענשען פון דער סאמע מאדערנע צייט, און ניט נאר דעמאלט, נאר אפילו מיט צעהנדליגע יאהרען שפעטער האט מען ניט געוואוסט, אז אין קאמף־ליטעראטור און אין קאמף־דראמען דארף מען זוכען וואהר־הייטליכקייט.

א פאר קליינע אויסציגע וועלען געבען א בעגריף וועגען דעם כאראקטער פון דער שפראך.

די ערשטע סצענע עפענט זיך ביי רב חנוך אין הויז.

רב חנוך (זיצט אן איינעם טישע, ווארויף אייניגע אויפגע־שלאגענע (אפענע) ספרים ליגען). נו וואיטער... פרעגט דער מקשן: במאי קא מפלגי? וואדראן קריגען זיי זיך? רבי אליעזר סבר... (נאכדענקענד) דאהם פערשטאיך ניט, דא מוז בלתי ספק עי גראיז זאין. אפשר מאכט'ער מהרשא עפפיז דרוף (זיהט נאך) פשיטא, וואהס חדוש? האב א'כ'ס ניט גלאיך גזאגט?

ער כאפט זיך, אז זיין קליינער קדיש איז אין שטוב ניטא און ער ווערט אויפגעבראכט דערפון. זיין ווייב טעלצע זוכט איהם צו בערוהיגען.

טעלצע. „זאג מיר נאר, וואהס דו פער ע מאן ביזט. וויא קענסטו דיך דריבבר גלאיך זויא מרגז זיין? מוז דען דאס קינד נעבאך דען גאנצען טאג אנגעשפאנט זאין? 'ס זעהט זויא מאגער און זויא גריהן אוים, דאז איך מיך, זאלל'ך אללס גוטס האבען, בלב מצער בין, ווען איכס אנזעה. ווארום זאלל דאס קינד ניט אהך ע מאל ע נחת האבען?"

מארקוס, אלס יונגער משכיל, דער פאזיטיווער טיפ אין דער שטיק, רעדט שוין נאר אן אנדער לשון. ווען ער קומט אריין צו דער קופלערין און יענע נעהט אריינפיהרען יעטטכען, האלט ער אזא מאנאלאג:

מארקוס. (אים אויף אונד אבגעהן). „אין דיזם פערוואָרפנן הויזע דעם אויפענטהאַלט אללר וואָללוסט (תאוות) אונד שוועלגרייא (אויסגעלאַסענהייט), די טאָכטער מיינר שוועסטער! אין דיזם גראַבע דער אונשולד פיללייכט שאָן זעלבסט איינע געמאָרדעטע! א, דאָס זינד דיינע פריכטע בלינדער רעליגיאָנס אייפּר! אונערביטטליך וויא דער טאָד, אונערזעטטליך וויא דיא גרופט (קבר), הייפּסט (וואָרפּסט אָן) דוא שלאַכטאָפּפער אויף שלאַכטאָפּפער אונד טריטסט אין דיינם וואהן, דעם מייסטער צו עהרען, זיינע מייסטערווערקע מיט פיסען. אבער איזט זיא דען גאַנץ שולדלאָז? מוס זיא, אום איינעם איבל צו ענטגעהן, גראַדע אין דאָס אללר ערגסטע איבל שטירצען? וואָרן עס ניכט לייכטזין, אונבעזאָננהייט אונד אנדרער מאָדעלאַסטער אונזרר יעצ׳גען יוגענד, דיא איהר דען וועג צו דיזעם אונגליק באַהנטען? אונד דעננאָך פעללט אויף היר, ווען איך עס רעכט איבערדענקע, דיא שולד אויף עלטערן צוריק!"

עס פערשטעהט זיך, אז ביי חנוך׳ן עפענען זיך די אויגען, און ער דערזעהט דאָס אמת׳ע ליכט.

ווי מיר זעהען, רעדט דער העלד (מארקוס) ווי אויך די העלדין אויף ריינעם דייטש, בשעת אלע אנדערע פּערזאָנען ריידען אידיש. און דאָס פערדיענט אונזער ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, ווייל דאַ האָבען מיר דעם שליסעל צום שפּעטערדיגען דייטשמעריש אין אידישען טהעאַטער.

אהרן וואָלפסזאָן ווייזט, ווי שוין אָנגעדייטעט פריהער, א שטרעבונג אין דער קאָמעדיע „לייכטזין און פרעממעלייא" איבערצוגעבען דעם כאַראַקטעריסטישען דבור פון יעדער פּערזאָן אַזוי אידיאָמאַטיש ווי נאָר מעגליך. דער יונגער דור, ערצויגען אויף דער השכלה אין דייטשלאַנד, האָט זיך געסטאַרעט אין גאַנצען אויסצוראָטען דעם מאַמע-לשון און ריידען אויף ריינעם דייטש, און די שפּראַך, וואָס מארקוס ברויכט אין דער דערמאָנטער קאָמעדיע, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם. א חוץ דעם האָבען די משכילים אין דייטשלאַנד געקוקט אויף אידיש, ווי אויף א מיאוס׳ען, פערגראָבטען דייטש, אין וועלכען מען האָט אריינגעהאַקט העברעאישע און אנדערע ווערטער, און עס איז געווען נאַטירליך, אז בשעת די

אידען פון א גאנץ יאהר רעדען דעם גראבען לשון, רעדט דער גע־בילדעטער די ריינע שפראך.

עס איז אמת, אז שוין אין די פורים־שפיעלס איז דער לשון ניט געווען דער זעלביגער ביי אלע פערזאנען, און בשעת אייניגע האַ־בען גערעדט מעהר אידיש, האבען די אנדערע גערעדט דייטש. אזוי למשל, אין דעם אלטען פורים־שפיעל, וואס איז געווען פריי־הער ציטירט איז מרדכי'ס לשון מעהר עהנליך צו אונזער איצטי־גען אידיש בשעת המן רעדט דעם דעמאלסדיגען דייטש. נאר דאר־טען איז די אורזאך פון דעם אונטערשייד אין דער שפראך גאר אן אנדערע. דארטען ווערט אידיש געברויכט נאר פון די קאמיקער, און דאס איז א מיטעל צו פערגרעסערען דעם קאמיזם.

אבער אין וואלפסזאנ'ס קאמעדיע רעדען אלע, א חוץ די גע־בילדעטע, אידיש. און עס איז נויטיג צו בעמערקען, אז אין וואלפס־זאנ'ס צייט, זיינען אידיש און דייטש אוועק ווייט איינער פון דעם אנדערן און זייער קרובה'שאפט האט אויפגעהערט צו זיין א נאהענטע. אין וואלפסזאנ'ס צייט זיינען שוין אידיש און דייטש, הגם די משכילים האבען עס ניט געוואלט אנערקענען, געווען צוויי בעזונדערע שפראכען, און ווען דער העלד האט גערעדט אויף ריי־נעם דייטש, האט זיך זיין שפראך שארף געענדערט פון דעם לשון פון די ארומיגע. די שפעטערדיגע דראמאטורגען האבען ניט פער־שטאנען די שייכות פון אידיש און דייטש, און פערקוקענדיג זיך אויף וואלפסזאנ'ען האבען זיי אנגענומען פאר א כלל, אז א גע־בילדעטער מענש דארף אין דראמע רעדען דייטש.

אז די ערשטע שפעטערע אידישע דראמענשרייבער זיינען געווען בעקאנט מיט דער דאזיגער קאמעדיע קענען מיר זעהן דער־פון, וואס משה הורוויטש האט שוין אין אנהויב פון זיין קאריער אויסגענוצט איהר פאר א נארישען פארס, וואס ער האט א נאמען געגעבען „שבתי צבי.“

די ערשטע אידישע קאמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא“ האט צוליעב איהר, פאר יענער צייט, שארפען אינהאלט ניט געקאנט דערגרייכען דעם געווינשטען צוועק. דער מוסטער פון א מאדער־נער קאמעדיע, וואס זאל פערבייטען די פורים־שפיעלס, איז ניט

געווען אזא, וואָס זאָל געווינען די הסכמה פון יענע, וואָס האָבן זיך אונטערהאַלטען מיט אזעלכע שפּיעלס. די פרומע אידען, פאַר וועמען די פּורים־שפּיעלס זיינען געשאַפען געוואָרען, האָבן זיך געמוזט אבטרייסלען מיט הענד און פיס פון אזא קאָמעדיע, אין וועלכער א בחור א למדן ווערט ארויסגעשטעלט אלס א טיפּ פון א עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס, דאָס הייסט א גרויסער צבוע׳ק.

א חוץ דעם איז די שפּאַלטונג אין דער גהעטא געווען א צו שאַרפע. די השכלה איז געגאַנגען מיט צו האַסטיגע טריט. די שמד מגפה האָט גלייך אויסגעבראָכען. מענדעלסזאָן האָט קוים פערמאַכט די אויגען און זיינע טעכטער „האָבען געקושט דעם פּאַנטאָפעל ביים פּאַבסט." אויף די פרומע האָט די השכלה אַנגעוואָרפען א טויט־שרעק און זיי האָבען נאָך ענגער פערשפּאַרט די טויערען פון דער גהעטא.

אויף אזא אופן האָט די ערשטע קאָמעדיע ניט געקענט דער־גרייכען דעם ערשטען און וויכטיגסטען צוועק. „לייכטזין און פרעממעלייא" האָט ניט געקאָנט בעטראַכטעט ווערען אלס א וויכ־טיגע ערשיינונג פאַר א ביהנע, נאָר מען האָט אויף איהר געקוקט ווי אויף א ליטעראַרישע ערשיינונג.

אהרן וואָלפסזאָן איז אלט געווען א יאָהר צוויי און פערציג, ווען ער האָט אָנגעשריעבען „לייכטזין אונד פרעממעלייא" און הגם ער האָט דערלעבט ביז א טיעפען עלטער, האָט ער מעהר קיין אי־דישע פּיעסען ניט געשריעבען. וואָלפסזאָן איז געשטאָרבען אין פיורדא אין דעם יאָהר 1835 און איז אלט געווען ניין און זיבעציג יאָהר.

פינפטער קאפיטעל.

אידען אויף פרעמדע דראמאטישע פעלדער.

עס איז געווען א צופאל אדער קאפריז, אז א דייטשער משכיל זאל ווערען דער פאטער פון דער מאדערנער אידישער דראמע, ווייל, ווי עס איז שוין געווען אויבען ערקלערט, איז ניט געווען די אויפגאבע פון מענדעלסזאן און זיינע תלמידים צו שאפען א דראמע אין אידיש. די שרייבער וואס האבען געשאפען אונטער זייער השפעה האבען זיך אבגעגעבען מיט העברעאיש און אין א קורצען משך איז אויסגעוואקסען א גאנצע דראמאטישע ליטעראטור אין דער שפראך פון די נביאים. עס איז כמעט ניט אריבער א יאהר, אז עפעס א נייע דראמע זאל ניט געשאפען ווערען אין העברעאיש אדער געשריבען אריגינעל אין דער דאזיגער שפראך אדער איבערזעצט פון א פרעמדער שפראך. די מייסטע אריגינעלע זיינען געווען אויף ביבלישע טהעמאס אדער היסטארישע און געוואוינליך די איבערזעצטע זיינען געווען די בעסטע קלאסישע ווערק. א חוץ דעם האט זיך פאר די משכילים, וואס זיינען געבארען און ערצויגען געווארען אין דייטשלאנד, געעפענט א פארטיגע ברייטע פעלד אין דער דייטשער שפראך.

דער ערשטער דייטשער איד אויפ׳ן פעלד פון דער דייטשער דראמע איז געווען בענעדיקט דוד ארנשטיין (געבארען 1705). ביז איהם האבען זיך מיט דער מאדערנער דראמע אין פרעמדע שפראכען בעשעפטיגט נאר אנוסים, און ארנשטיין איז געווען דער ערשטער איד פון דער גהעטא אין דייטשלאנד וואס האט זיך גענומען צו דער דאזיגער קונסט. צווישען זיינע דראמאטישע ווערק געפינען זיך: „דער אודיענץ טאג אם האפע יופיטערס“ אן אלעגארישע שטיק; „די מאסקע“ א לוסטשפיעל אין איין אקט; „די פפלעגעטאכטער,“ א שוישפיעל אין דריי אקטען; „דאס בילעט,“ לוסט-

שפיעל אין איין אויפצוג און „דאס געשענק", א שוישפיעל אין איין אויפצוג.

נאך איהם זיינען געקומען מכאל בער, מאזענטהאל, לודוויג פיליפסאן, לעאפאלד שטיין און אנדערע.

די כוואליע פון השכלה האטביים סוף אכטצעהנטען יאהר־הונדערט אויף אנגעריהרט רוסלאנד און פון די ערשטע אידען וואס האבען זיך גענומען לערנען רוסיש איז געווען יהודה לייב בן נח אדער ווי ער האט זיך שפעטער גערופען לייב נעוואכאוויטש. און ער איז אין רוסלאנד געווען דער ערשטער איד, וואס האט זיך גע־נומען צו דער רוסישער דראמע.

אין זיין הקדמה צום „יסוד עולם" שרייבט בערלין, אז נעוואַ־כאוויטש איז דער פערפאסער פון א העברעאישער דראמע „קול שועת בת עמי", וואס איז געדרוקט געווארען אין די נײנציגער יאהרען פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט, און אז באלד נאכ־דעם האט ער אנגעשריבען א צווייטען טהייל אין רוסיש.

אזוי ווי נעוואכאוויטש איז דער פערפאסער פון דער בראשור אין רוסיש „וואפל דסטשערי יודעיסקאי", וואס האט די זעלביגע בעדייטונג, ווי „קול שועת בת עמי," דאס הייסט דער וויהגעשריי פון דער טאכטער פון יהודה, און אזוי ווי „וואפל דסטשערי יודיעסקאי" איז ניט מעהר ווי א קרעכץ פון אידישער רעכטלאזיג־קייט און א בקשה מען זאל בעטראכטען אידען מיט מעהר לייטזעל־ליגקייט, געשריבען אין דער דירעקטער פארם פון א „פראשעניע", שטארק צוגעפארבט מיט מליצה, איז גרינג צו זעהן, אז בערלין איז אריינגעפאלען אין א טעות, ווען ער האט דאס דאזיגע ווערקעל אריינגערעכענט אין דעם צעטיל פון דראמען.

אבער יהודה לייב נעוואכאוויטש האט געשריבען פיעסען און געשריבען ניט צוליעב דער פארם, נאר טאקע צוב שפיעלען. זיין ערשטע דראמע אין רוסיש „סוליאטי" אדער די ספארטאנצעס פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט" איז אויפגעפיהרט געווארען אין דעם יאהר 1809 אין דעם גרויסען טהעאטער אין פעטערבורג. מען ווייסט אויך וועגען זיינע א צווייטע דראמע, וואס האט געהייסען „מעטש פראוואסודיא", דער שווערד פון גערעכטיגקיים. די צייט

איז געווען, ווען אין רוסלאנד האט א שיין געטהאן דער ערשטער שכראהל פון האפנונג פאר אידען. דאס איז געווען אין דער ערש־טער העלפט פון אלעקסאנדער דעם ערשטענס מלוכה, ווען ער האט זיך נאך ארומגעטראגען מיט פלענער פון גרויסע רעפארמען פאר זיין מדינה און ער האט זיך אויך אינטערעסירט מיט'ן אידישען מצב און געגארט צו זעהן א צווייטען מענדעלסזאן, וואס זאל ארויסקומען פון דעם אידישען תחום אין רוסלאנד.

יהודה לייב איז ארויסגעטראטען אלס קעמפער פאר זיין פאלק, ווי מען קען עס זעהן פון זיין „וואפל דסטשערי יודעיסקאי", נאר שפעטער האט ער זיך גע'שמד'ט. ער האט געקריגען א שטעל אלס מוכס און האט דערפון אנגעקליבען גרויסע עשירות. נאך אין 1831, אין דער צייט פון דעם ערשטען פוילישען מיאטעזש, איז ער געצוואונגען געווען צו אנטלויפען און ער איז באלד נאכדעם געשטארבען. זיינע טאכטער האט חתונה געהאט פאר א געווי־סען מעטשניקאוו און פון זיי איז דאס ארויסגעקומען דער בעריהמ־טער דר. איליא מעטשניקאוו.

סיי די ערשטע אידען אין דייטשלאנד און סיי נעוואכאוויטש אין רוסלאנד, וואס האבען זיך גענומען צו דער פרעמדער דראמע, האבען ניט געשאפען קיין גרויסע ווערק, וואס זאל צו זיך ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט. זייערע דראמען זיינען געווען בעסערע אדער ערגערע, נאר קיין רעש האבען זיי ניט געמאכט. דער פאר אבער האט באלד געמאכט א גרויסען פוראר א יונגע אידישע מיידעל אין דער טהעאטער וועלט אין פראנקרייך און אין ניכען האט זי געוואונען די בעוואונדערונג פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, וואו מען שפיעלט טהעאטער.

די אידישע מיידעל האט ניט געשריבען קיין דראמען און זי האט זיך בעשעפטיגט מיט אן אנדער צווייג פון דער טהעאטער קונסט. איהר גרויסען נאמען האט זי געוואונען אלס טראגיסטין.

דאס איז געווען עליזע ראשעל פעליקס, נאר זי איז בעסער בעוואוסט אלס ראשעל (רחל).

איהר פאטער איז געווען אן ארימער פראסטער איד, וועלכער האט געשטאמט פון דייטשלאנד און האט זיך ארומגעשלעפט איבער

דער וועלט. זיין ארימע חיונה האט ער געצויגען דערפון, וואס ער איז ארומגעגאנגען מיט א פאק און פערקויפט קליינ'גקייטען. פריי־הער האט ער זיך ארומגעשלעפט איבער פראנצויזישע שטעדט ביז ער האט אנגעשפארט אין פאריז.

אין דער צייט איז שוין זיין טאכטער ראשעל אביסעל אונ־טערגעוואקסען און אזוי ווי זי האט געהאט א פיינע שטים, איז דעם ארימען טאטען איינגעפאלען איינצושפאנען איהר אויך אין דעם יאך פון פרנסה, און ער האט איהר מיט זיך גענומען אין די פאריזער גאסען, וואו זי האט געזונגען און די פערבייגעהער האבען געוואר־פען מטבעות פאר דער קליינער זינגערקע. און ווען זי האט אזוי געזונגען אין די גאסען, האט איהר איינמאל דערהערט עטיען שא־ראן, און ער האט זיך ארויסגערופען צו געבען איהר פרייען אונטער־ריכט און נאכדעם האט ער איהר אוועקגעפיהרט צו א לעהרער פון דער ביהנע און יענער האט איהר געלערנט דעקלאמירען.

צו זעכצעהן יאהר (אין 1837) האט זי געמאכט איהר דע־ביוט, נאר דער ערפאלג איז ניט געווען קיין גרויסער און זי האט שטודירט נאך א יאהר. אין 1838 איז זי אריינגעטראטען אין דער קאמפאניע, וואס האט געשפיעלט אין דעם בעריהמטען פראנצויזי־שען טהעאטער „קאמעדי פראנסיי" און דא האט זי געמאכט א געוואלדיגען פוראר.

דער דערמאנטער טהעאטער איז געווידמעט דער גוטער פראנ־צויזישער דראמע און ווען ראשעל איז אהין אנגעקומען זיינען די געשעפטען פון דעם טהעאטער געווען אזוי שלעכט, אז ער האט געהאלטען ביים פלאצען. ראשעל האט זיך אבגעגעבען מיט די פראנצויזישע קלאסיקער ראסין און קארנעל, נאר מיט איהר אריינקומען אין טהעאטער, האט די קאסע געהאט מעהר ערפאלג מיט די קלאסיקער ווי מיט נייע שטיקער און דער טהעאטער וואס האט געהאלטען ביי א באנקראט האט פלוצים דערזעהן א גרויסע שפע.

ראשעל'ס פאטער האט געזעהן וואס פאר א פוראר זי האט גע־מאכט מיט איהר שפיעלען און ער האט אויך געזעהן, אז מיט איהר איז אריין א מזל ברכה אין טהעאטער, און ער האט געשטעלט זייגע

פאדערונגען. ער האט פון דער דירעקציע געפאדערט א פרייז, וואס מען האט ביז דעמאלט נאך ניט געהערט אין טהעאטער. ער האט געפאדערט צוואנציג טויזענד פראנק א יאהר און פאר יענער צייט איז דאס געווען א גוואלדיגע סומע. עס איז נאך אויך מעגליך אז ער האט די פאדערונגען געשטעלט ניט זעהר אויף אן איידעלען אופן. עס איז פערשפארט צו זאגען, אז ראשעל האט דערמיט גאר ניט געהאט צו טהאן און נאר זי אליין האט געקענט וויסען, פיעל יסורים און עגמת נפש דאס האט איהר פערשאפט. נאר עטליכע דראמאטישע קריטיקער און אנדערע וואס זיינען פערבונדען געווען מיט'ן טהעאטער זיינען שטארק אויפגעבראכט געווארען, וואס א פראסטער אידעל מאכט סקאנדאלען, אז אויף דעם זכות פון זיין טאכטער האלט זיך דער בעריהמטער טהעאטער, און זיי האבען בעשלאסען צו לערנען בלק מיט ראשעל. זי איז ערשיענען דעם 23טען נאוועמבער, 1838, אין ראסינס א טראגעדיע, האט מען איהר אויפגענומען זעהר קאלט. קיין האנד האט זיך ניט אויפגע־הויבען צו אפלאדירען איהר, אזוי ווי דער עולם וואלט פלוצים אויס־געפונען, אז זי איז א געוואוינליכע אקטריסע און עס איז ניטא וואס צו נתפעל ווערען פון איהר. אבער דאס גרויסע פובליקום איז דערפון באלד געוואר געווארען און אויף מארגען ווען זי איז ארויס־געטראטען אויף דער ביהנע האט מען איהר בעגעגענט מיט אזעלכע גרויסע אוואציעס, אז עס איז קלאר געווארען, אז עס ליגט ניט אין די הענד פון עטליכע מענשען, ארונטערצואווארפען איהר פון איהר גדולה, און פון דעמאלט אן האט זיך שוין ביי קיינעם מעהר ניט געפענט קיין מויל צו דיספוטירען איהר גרויסקייט און זי איז געבליבען די אנערקענטע גרעסטע שוישפיעלערין פון איהר צייט.

איהר גרויסען שם האט זי געוואונען ניט נאר אין פראנקרייך, נאר אויך אין ענגלאנד, דייטשלאנד, בעלגיען, רוסלאנד און אמע־ריקא, וואו זי האט גאסטראלירט, הגם אין אמעריקא האט איהר ניט אבגעגליקט און איהרע פארשטעלונגען אין ניו יארק האבען ניט געהאט קיין מאטעריעלען ערפאלג. א חוץ דעם איז זי אין אמעריקא קראנק געווארען און איהר לעצטע פארשטעלונג האט זי געגעבען

אין טשארלזטאן, דאס איז געווען אין 1855 און פון דעמאלט אן האט זי שוין מעהר ניט געשפּעלט. זי האט אבגעקרענקט דריי יאהר און איז געשטארבען אין 1858, קוים זיבען און דרייסיג יאהר אלט.

הגם זי האט געשפּיעלט די קלאסיקער האט זי איהר גרויסען נאמען ערווארבען ניט נאר צווישען מבינים נאר אויך ביים פּראס־טען פאלק. און טאקע איהר גרעסטען טריומף האט זי געהאט אין דער צייט פון דער רעוואלוציע, אין 1848, ווען זי האט יעדען אבענד געזונגען די מארסאליעזע און די ארבייטער צווישען די צושויער האבען איהר יעדע נאכט געקויפט בלומען. ראשעל האט דאס גערע־כענט פאר איהר גרעסטען טריומף.

ראשעל'ס קבר איז געווען נאך גאר פריש, ווען אויף דער פראנצויזישער ביהנע האט געמאכט איהר דעביוט א יונגע שוישפּיע־לערין, וואס איז ארויסגעקומען פון אידישע עלטערן, הגם ערצוי־גען אין א קאטוילישען אינסטיטוט. דאס איז געווען סאראה בער־נארד, וועלכע האט ביז היינטיגען טאג פערנומען דעם אויבען אן אויף דער פראנצויזישער ביהנע און איהר נאמען איז גרוים איבער דער גאנצער וועלט.

זעקסטער קאַפּיטעל.

ערשטע אידישע דראַמאַטורגען אין רוסלאַנד.

די ערשטע משכילים אין רוסלאַנד און פּוילען האָבען איבער־גענומען די השכלה מיט דער פּאַרטיגער פיינדשאַפט צו אידיש. נאָר אין רוסלאַנד האָט די פיינדשאַפט געקאָנט זיין נאָר אַן אקאַדעמישע. די ערשטע משכילים גופא האָבען גערעדט מאַמע לשון, זייער קענטנים אין אַנדערע שפּראַכען איז געווען אַ טהעאָרעטישע און הגם זיי האָבען געקענט רעדען אין אַנדערע שפּראַכען גראַמאַטיקאַליש און ליטעראַריש, איז אָבער זייער אויסשפּראַך דאָס רוב געווען אַ שלעכטע און זיי האָבען דאַריבער מיט מעהר חשק גערעדט אידיש. נאָר דער עיקר איז, אַז זיי האָבען ניט געקאָנט זעהן אין אידיש דעם געפּעהרליכען ממזר פון דייטש און האָבען ניט געקאָנט פיהלען דעם מום אין דער משפּחה. דער אידישער משכיל אין רוסלאַנד און פּוילען האָט בשום אופן ניט געקאָנט זעהן קיין חלול הקודש פון דייטש אין אידיש, ווען אפילו ער האָט זיך געפלייסט צו קוקען דורך דייטשע ברילען און געבייזערט זיך אויפ'ן „זשאַרגאָן.“ טוביא גוטמאַן פעדער (געבאָרען 1760 אין פּעטראָקאָוו אָדער פּשעדבאָזע, קראָקאָווער פּשעדמעסטיע, געשטאָרבען 1817) איז גיכער געווען אַן אויסנאַהם מיט זיין שנאה צו אידיש און מען קאָן פון איהם קיין כלל ניט אַראָבנעהמען. טוביא פעדער איז דער פערפאַסער פון דעם בעוואוסטען העברעאישען פּאַמפלעט „קול מחצצים“, געשריבען אין 1813 אין דער פאָרם פון דיאַלאָגען געגען מענדיל לעווין, מענדעלזאָהנ'ס אַ פריינד (געבאָרען 1741 — געשטאָרבען 1818) דערפאַר, וואָס יענער האָט געמאַכט דעם ערשטען פּערזוך איבערצוזעצען משלי אין מאָדערנעם אידיש, און איז איין פּלאַץ דריקט ער זיך אויס אַזוי:

„דו האָסט מחלל געווען די שעהנ־

קייט פון דער דייטשער שפראך, אויף וועמעס שוים דו ביזט געבארען געווארען און האסט אויסגעקליבען א זשארגאן, פון וועלכען נים דיינע עלטערן און ניט דיינע לעהרער האבען געוואוסט. דו ביזט פערוואנדעלט געווארען פון א מענשען אין א חיה, פון א געבילדעטען אין אן עם הארץ.״

די משכילים אין רוסלאנד האבען זיך בשום אופן ניט געקאנט נעהמען שטארק צום הארצען, פאר וואס עס ווערט פערשוועכט די שעהנקייט פון דער דייטשער שפראך, און ווען דער רוסישער משכיל האלט זיך פיינדליך צום „זשארגאן״ שטעקט ניט אין זיין שנאה קיין שום שארפקייט און קיין שום פערביסענקייט. י. ב. לעווענזאן שרייבט אין „תעודה בישראל״ וועגען אידיש אזוי:

„די שפראך וואס מיר האבען איבערגענומען פון די דייטשען איז אין גאנצען קארומפירט דורך דער צומישונג פון צובראכענע ווערטער, גענומען פון העברעאיש, רוסיש, פראנצויזיש און פויליש. א חוץ דעם, איז די שפראך נאר צוגעפאסט אויסצודריקען א געוואוינליכען שמועס און האט קיין ווערטער פאר העכערע בעגריפען.״

און עס דארף קיין שום חדוש ניט זיין, וואס דער זעלבינער פיאנער פון השכלה אין רוסלאנד האט אליין אנגעשריבען א קליינעם פארם אין אידיש אונטערן נאמען „די הפקר וועלט.״

און טאקע באלד נאכדעם, ווי די השכלה האט זיך אנגעהויבען אין רוסלאנד, האבען זיך דארטען בעוויזען צוויי שרייבער, וואס האבען זיך מיט גרוים ליעבע גענומען צו דער אידישער דראמע, און געקנאטען די ערשטע ציגעל פאר׳ן בנין פון דעם אידישען טהעאטער.

די צוויי שרייבער זיינען דר. שלמה עטינגער און ישראל אקסענפעלד.

עס דארף ניט זיין דער מינדעסטער ספק, אז פון אלע דראמענשרייבער, וואס האבען געשריעבען אין אידיש ביז גאלדפאדען, האט דר. עטינגער אויסגעאיבט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע און פון איהם הויבט זיך אז די אמת׳ע געשיכטע פון אידישען טהעאטער אין רוסלאנד.

שלמה עטינגער איז געבארען געווארען אין ווארשא אין דעם יאהר 1800. אין די קינדערשע יאהרען האט ער זיך ערצויגען ביי זיינעם א קרוב, רבי מענדעלע עטינגער, דעם לענטשיצער רב, ווייל נאך קינדווייז איז ער געבליבען א יתום. ער האט געשטאמט פון א לומד'ישער און רייכער פאמיליע.

צו דרייצעהן יאהר האט שלמה עטינגער שוין געהאט א נאָמען פון אן עלוי און אין דער זעלביגער צייט איז ער אויך געווען בעקאנט מיט דער דייטשער ליטעראטור. צוליעב די געשעפטען, וואס די פאמיליע האט געפיהרט אין אויסלאנד, האבען די עטינגערס ניט גערעכענט פאר קיין חטא צו לערנען דייטש און אריינקוקען אין א דייטשען ביכעל, אפילו דער לענטשיצער רב איז געווען בעהאווענט אין דייטש.

שלמה עטינגער האט יונג חתונה געהאט אין זאמאשץ. ער איז אריין אין א רייכע הויז, אבער די רייכקייט איז באלד פערשוואונדען געווארען און ער האט געדארפט אנהויבען צו דאגה'ן וועגען פרנסה. און ווי דער שטיינער איז געווען אין יענער צייט, ווען דער מאן איז געזעסען אין בית המדרש און איז ניט ארויס פון די ד' אמות של הלכה, איז די ווייב געווארען די פרנסה געבערקע. זי האט געעפענט א קראם, און ער איז אוועקגעפאהרען אין אדעם זוכען עפעס א געשעפט. זיין ווייב האט דארטען געהאט רייכע קרובים, און ווי עס זעהט אויס האבען זיי איינגעזעהן, אז פון איהם וועט קיין געשעפטס-מאן ניט ווערען און זיי האבען איהם אוועקגעשיקט קיין לעמבערג שטודירען, וואו ער האט זיך ווידער געפונען ווי א פיש אין וואסער. ער האט דארטען שטודירט מעדיצין און ווען ער האט געענדיגט אויף דאקטאר האט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיין ווייב אין זאמאשץ.

די השכלה האט אויף איהם ניט געהאט יענע ווירקונג, וואס אויף די אנדערע בחורים און יונגע לייט, וועלכע זיינען ארויס פון בית המדרש. ער האט ניט ארויסגעוויזען קיין שום חשק צו עסען א חלב'ענע ליכטעל. די זאמאשצער פרומע אידען זיינען ניט געווארען קיין „פלעדער מייז" און „ווידערשפעניגער פון ליכט" („עטלפים" „ומורדי אור"). ער האט זיך געפיהלט גאנץ היימיש

צווישען זיינע אלטע בעקאנטע און פריינד, ווען ער האט זיך צו־ריקגעקעהרט אלס דאקטאר פון לעמבערג. ער האט זיך געמישט אין קהל׳שע ענינים און האט פון זיך ניט געבלאזען. אין שטעדטעל האט ער זיך בעשעפטיגט מיט דאקטאריי, נאר ווי עס ווייזט אויס איז איהם ניט געגאנגען, ווי מען קען זעהן פון דעם קליינעם שיר, וואס ער האט אנגעשריבען צו זיין פופציגסטען געבורטסטאג:

היינט בין איך געווארען פופציג יאהר,
און האב נאך ניט איין גראהע האר;
עס זאל אייך ניט זיין קשה קיינעם,
זיי ווערען פערשווארצט מיט מיר אין איינעם.

גלויבענדיג ווי אלע משכילים פון יענער צייט, אז אידען ווערען פערפאלגט דערפאר וואס זיי זיינען שאכער־מאכער און די איינציגע רפואה דערצו איז ערד־ארבייט, האט ער זיך ניט בעגנוגענט מיט פראפאגאנדירען דעם אידעאל פון „צוריק צו דער נאטור,“ נאר ער האט אליין געגרינדעט א קאלאניע לעבען זאמאשץ און ער האט זיך דארטען בעזעצט מיט זיין פאמיליע.

שלמה עטינגער האט אנגעשריבען א מעלאדראמע מיט׳ן נאמען „סערקעלע“ ווי אויך משלים, ליעדער און קאטאוועסלאך. ער האט זעהר געגארט צו זעהן זיינע ווערק געדרוקט, נאר ער האט ניט געהאט די מיטלען דערצו, און זיי זיינען ערשט געדרוקט געווארען נאך זיין טויט.

דאס וויכטיגסטע פון זיינע ווערק איז די מעלאדראמע „סערקעלע“. ער האט די פיעסע אנגעשריבען אין דעם יאהר 1825 אדער 1826, און זעקס און דרייסיג יאהר איז די שטיק ארומגעגאנגען אין כתב יד פון איין האנד צו דער צווייטער, ביז עמיצער האט איהר אין 1861 אבגעדרוקט אין יאהאניסבורג און אין 1875 האט מען איהר איבערגעדרוקט אין ווארשא אהן דעם נאמען פון דעם מחבר.

די יאהאניסבורגער אויסגאבע האב איך ניט געזעהן, נאר איך האב געהאט די מעגליכקייט צו פערגלייכען די ווארשעווער אויסגאבע מיט א געשריבענער קאפיע פון דעם אריגינאל, עס איז זעהר

מעגליך, אז די קאפיע איז פון א הונדערטע קאפיע, און ווען א זאך געהט דורך א סך הענד, רייבט זיך א סך אב פון דעם אָריגינאל. דאך איז צווישען דער קאָפּיע און דער געדרוקטער „סערקעלע„ פארהאן א ה בשער אונטערשייד. מאנכע דיאלאָגען אין דער גע־דרוקטער זיינען גאָר ניטאָ אין דעם מאַנוסקריפּט. פיעלע בעמער־קונגען אין מאַנוסקריפּט זיינען ארויסגעוואָרפען פון דער געדרוק־טער. די שפּראך איז בעדייטענד געענדערט, ווערטלאך זיינען אריינגעשטוקעוועט אָדער ארויסגעוואָרפען.

ווי מען קאן זעהן פון דער קאפּיע, אפילו ווי פערגרייזט זי זאל ניט זיין, האט שלמה עטינגער געשטרעבט אויסצומיידען דייט־טשע ווערטער און געזוכט צו געבען זיי א אידישע פארם. אזוי למשל, בעצייכענט ער דאָס שטיק אלס א קוקשפּיעל אנשטאָט דעם דייטשען שוישפּיעל; ער האט בעשאפען דעם וואָרט „אריינקום“ אנשטאָט דעם דייטשען „אויפטריט“ וכדומה. אין דער געדרוקטער „סערקעלע“, איז דערפון קיין זכר ניט געבליבען.

אזוי געפינען מיר אויך גלייך אין אָנהויב פון דעם ערשטען אקט, וואו עס ערשיינט די דיענסט־מיידעל חוה, א דיאלאָג צווישען איהר און דעם משרת. דער דאָזיגער דיאלאָג איז אין דעם כתב יד גאָר ניטאָ.

אמאָל איז דער דיאלאָג אזוי איבערגעמאכט, אז עס קלעבט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט. ווי מען קאן זעהן דערפון:

„דאָס טעכטעריל, ד א ס מ ש ו ל ח ת, האט פלוצלינג פון דער העלער הויט אלע מעלות געקריגען. נאָר פון מיינעט ווע־גען לאָז זי זיין גרין. איך האב שוין אמאָל אויך דער מלכה גרין אויך א גרויסין קאהן אוים גינומען.“

דער וויץ מיט דער גרינער מלכה קלעבט זיך ניט צו דער טעכטעריל — דער משולחת און קומט ארוים זעהר האמעטנע, און דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס מען האט דאָ אריינגעהאקט א וואָרט משולחת, וואָס אין כתב יד איז ניטאָ. אין מאַנוסקריפּט לייענט עס זיך אנדערש:

„די ג ר י נ ע צ ר ה האט פלוצלונג פון העלער הויט אלע מעלות געקריגען. נאָר וואָס געהט עס מעך אן? לאָז זי זיין גרין.

איך האב שוין אמאל אויף דער מלכה גרין אויף א גרויסען קאהן אויסגענומען."

און דער וויץ האט דא א טעם.

אדערביים סוף ניינטען אויפטריט ווערט אין דער געדרוקטער „סערקעלע" בעמערקט, אז „זי (הינדעלע) פאלט אין אהנמאכט." און אין דער זעלביגער סעקונדע קומט אריין חוה און רעדט מיט איהר און יענע ענטפערט איהר און מען זעהט ניט קיין חלשות. און דאס קומט אויס זעהר אומגעלומפערט. אין כתב יד לייענט זיך די בעמערקונג וועגען הינדעלע גאר אנדערש: „פאלט גאנץ פערשלאפט אנידער אויף קאנאפע" און קיין „אהנמאכט" ווערט דא ניט דערמאנט.

די שטיק האט צוויי נעמען: „סערקעלע" אדער „די פאלשע צוואה" און איז בעצייכענט אלס א קוקשפיעל אין פינף אויפציהען.

די פארשוינען זיינען:

ר' משה דאנציקער, איין אויפגעקומענער עושר.

סערקעלע, זיין ווייב.

פריידע אלטעלע, זיין איינציגע טאכטער. זי רופט זיך אז אויף דייטש פרידריקע.

הינדעלע, א יתומה, סערקעלעס ברודערס טאכטער ביי איהר אין הויז.

גבריאל האנדלער איין שפיקעלאנד.

ירחמיאל זיין משרת, ער זאהיקעט זיך אין רעדען.

מארקוס רעדליך, איין סטודענט וואס לערנט זיך דאקטעריי.

ר' יוחנן, א שדכן.

א פרעמדער.

א דאקטאר.

חיים, משרת ביי ר' משה דאנציקער.

שמעלקע טראניקעס, א ליטוואק.

בעל הבית פון דער גאספידע.

בעריל, א משרת.

שמשים, יונגען, לאמפערטים.

די מעשה איז אין לעמבערג.

די צייט איז ניט אנגעגעבען, נאָר פון דער מעשה זעהט מען, אז דאָס איז שוין די נייע עפּאָכע אין דעם אידישען לעבען, ווען אידישע יונגע לייט האָבען שוין שטודירט אין די אוניווערסיטעטען.

און אין אמת'ן ניט קוקענדיג אויף די ניינציג יאָהר, וואָס די פּיעסע איז שוין אַלט, איז זי ניט עבר זמן געוואָרען. זי ווייזט ניט קיין סימן, אז זי איז געשריבען געוואָרען כמעט מיט צוויי דורות פריהער. איידער גאָלדפאַדען האָט געלעגט דעם ווינקעל־שטיין פון אידישען טהעאטער. אויף דער אידישער ביהנע שפּיעלט מען עד היום הונדערטע אזעלכע פּיעסען, זיי זיינען געגאָסען אין דעם פורעם פון „סערקעלע". מעהר ניט, אין סערקעלע איז די שפּראַך א פרישערע, א לעבעדיגערע, א אידישערע. „סערקעלע" איז געשריבען אין א מאָדערנעם ריינעם אידיש.

סערקעלע איז געווען דער מוסטער פאַר די שפּעטערדיגע אי־דישע דראַמאַטורגען, און צו זאָגען דעם אמת האָבען זיי שלעכט נאָכגעמאַכט. זיי האָבען נאָר גענומען דאָס מעלאָדראַמאַטישע, די עפעקטען און האָבען ניט געקאָנט אַנטאַפּען דעם לעבעדיגען פּולס אין דער פּיעסע.

סערקעלע דאַרף זיין א בילד פון דער אשת חיל, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט אין א צייט, ווען דער מאַן האָט פון זיך אין גאַנצען אראָבגעוואָרפען דעם יאָך פון פרנסה און די ווייב האָט ניט נאָר געדאַרפט זיין די עקרת הבית, נאָר אויך די ברויט־געבערקע. זי איז געזעסען אין קראָם, געפיהרט געשעפטען, ערצויגען די קינדער, און דער מאַן איז געזעסען אין בית המדרש און האָט געלערנט אָדער איז געפאָהרען צום רבי'ן.

אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערט די ווייב א אידענע קאָזאַק, זי טראָגט די הויזען, און דער מאַן איז א זכר אין א ספּאַד־ניצע, א פאַנטאָפעל.

די פערריסענע זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם ווייב דעם קאָ־זאַק און די שטילע רעבעלירענדע הכנעה פון דעם מאַן דעם פאַנ־טאָפעל איז ארויסגעבראַכט דייטליך, און ניט זעלטען בעגעגענען זיך איידעלע שטריכען אין דער שילדערונג. עטינגער האָט געהאַט דעם פיינעם געשמאַק אויסצומיידען דעם גראָבען בורלעסק, וואָס

מען בעגעגענט געוואוינליך ביים שילדערן א פאנטאפעל מאן. ער האט זיך מעהר אבגעשטעלט אויף דער טראגישער זייט ווי אויף דער קאמישער פון דעם מאן אין דער ספאדניצע. אין משה ראנ־ציקער זעהט מען א קראנקע נשמה. די גאנצע סימפאטהיע פון דעם שרייבער איז אויף דער זייט פון דעם ארימען לא יוצלח, און דאס איז געווען די אורזאך, פאר וואס „סערקעלע" איז ארויסגעקומען גע־שילדערט אין גערינגטע פארבען, און אנשטאט א קאמעדיע, וואס דער פערפאסער האט בדעה געהאט צו שרייבען, איז ארויסגעקומען א מעלאדראמע.

די מעשה פון „סערקעלע" איז אזא:

סערקעלעס א ברודער איז ערגעץ אוועקגעפאהרען און א בע־ריכט איז אנגעקומען, אז מיט איהם האט פאסירט אן אונגליק. האט זי געפעלשט זיין צוואה און זיין גאנצער פערמעגען איז איבער־געגאנגען צו איהר. דעם ברודער'ס איינציגע טאכטער ערציהט זיך ביי איהר, נאר זי ווערט שלעכט בעהאנדעלט פון איהר. סערקעלע האט אן איינציגע טאכטער און פער'קנס'ט איהר מיט א סוחר, וועלכער ווייזט זיך ארויס צו זיין א גנב און א שווינדלער. דער ברודער קעהרט זיך בשלום צוריק אהיים, און זי מוז נעבאך צוריק קעהרען איהם דעם גאנצען פערמעגען.

עס א ז גרינג צו זעהן, אז סערקעלע איז בשום אופן ניט דאס בילד פון דער אידישער אשת חיל, וואס האט זיך געפלאגט, גע־מאטערט, געשלעפט דעם יאך, כדי איהר מאן זאל קאנען זיצען און לערנען. נאר עס וואלט פון אונזער זייט געווען א גרויס אונ־רעכט צוצוטרעטען מיט אזא קריטיק צו א פיעסע, וואס איז גע־שריבען געווארען אין א סענטימענטאלער ראמאנטישער צייט. ווען דער עיקר אין א ראמאן און אין א דראמע איז געווען א שטארקע פאבול. און ווען מען בעטראכט „סערקעלע" פון דעם שטאנדפונקט דארפען מיר בעוואונדערן די לעבעדיגע שטריכען, וועלכע זיינען צוואווארפען איבער דער גאנצער פיעסע. אין דער זעלביגער צייט, וואס דער שרייבער איז פערכאפט פון דער שפא־נענדער פאבול, פערגעסט ער ניט די מענשליכע זייט פון זיינע פארשוינען. און דאס הויבט אויף די שטיק אויף א העכערע מדרגה.

לויט איהר קאָנסטרוקציאָן שטעהט „סערקעלע“ א סך העכער פון הונדערטע, הונדערטע פיעסען פון אונזער צייט אויף דער אידישער ביהנע. די פיעסע איז געבויט נאָך אלע רעגעלען פון דער דראמאטישער קונסט און סערקעלע איז זיכער געווען דער גלענצענדסטער אָנהויב פון דער מאָדערנער אידישער דראמע אין רוסלאנד.

און הגם שלמה עטינגער האָט ניט נאָר ניט זוכה געווען צו זעהן „סערקעלע„ אויפגעפיהרט פאר זיין לעבען, נאָר אפילו ניט געדרוקט, האָט די דאָזיגע פיעסע געהאט די שטארקסטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע. די פיעסע איז אין מאנוסקריפט געגאנגען פון האנד צו האנד און האָט בעגייסטערט אידישע שרייבער פאר דער אידישער דראמע.

אין דער אידישער פאָלקס־ביבליאָטהעק, וואָס שלום עליכם האָט ארויסגעגעבען, האָט דער בעקאנטער העברעאישער משורר א. ב. גאָטלאָבער דערצעהלט זיינע זכרונות וועגען ש. עטינגער:

„אין 1837 ווען איך האָב ארויסגעגעבען מיין ערשטע ווערק „פרחי האביב“ בין איך עטליכע מאָל געווען אין זאמאשץ, וואו דר. עטינגער האָט געוואוינט. איינמאָל, ווען איך האָב געמיינט, אז איך האָב כאָלעריע, וועלכע איז דענסטמאָל ארומגעגאנגען אין פוילען, האָב איך געשיקט רופען דעם דאָקטאָר. ער איז געקומען, האָט מיך בעטראכט און זאָגט צו מיר:

„—וואָס טויג אייך כאָלעריע? איך וועל אייך בעסער פאָרלעזען מיין „סערקעלע“.*)

„ער האָט מיר פאָרגעלעזען און איך בין געזונד געוואָרען.

„דער דאָקטאָר עטינגער האָט מיר צוגעגעבען חשק און איך האָב אָנגעהויבען שרייבען אין זשארגאָן. אין 1838 האָב איך אָנגעשריבען א קאָמעדיע אין דריי אקטען: „דאָס דעקטוך“ אָדער

---

*) צינבערג גיט אָן אין „וואָסכאָד“, אָז „סערקעלע“ איז פערפאסט געוואָרען אין 1837. ער האָט ווארשיינליך דעם דאטום גענומען פון גאָטלאָבערס עראינערונגען. דאָ אָבער ווערט אָזאָ דאטום ניט אָנגעגעבען.

„צוויי חופות אין איין נאכט.“ שפעטער האט עם עמיצער אבגעדרוקט א ז ווארשא און פערגעסען אנצוגעבען מיין נאמען.“

אין זיינע עראינערונגען וועגען א. גאלדפאדען, אין דעם פנקס תרע"ג, וואס איז ערשיענען אין ווילנא, דערצעהלט אברהם יעקב פאפירנא, אז גאלדפאדען איז געווען גאטלאבערס א תלמיד און ער האט זיך ביי איהם ניט נאר אויסגעלערנט העברעאיש, נאר ביי איהם אין שטוב האט ער זיך בעקאנט מיט'ן איד־שען ליעד. גאלדפאדען איז געווען מוזיקאליש און האט געהאט א שעהנע שטים. אין דער ראבינער־שולע אין דער צייט פון רעקרעאציע פלעגט גאלדפאדען אפט אנציהען א גאטלאבערישע ליעדעל און די איבריגע שילער פלעגען אונטערהאלטען.

אין יאהר 1862 איז געשטארבען דער אינספעקטאר פון דער זשיטאמירער ראבינער שולע יעקב אייכענבוים, און אויף זיין שטעל איז אנגעקומען דער בעריהמטער אידישער געלעהרטער חיים זעליג סלאנימסקי. מאדאם סלאנימסקי, די טאכטער פון דעם בעוואוסטען מאטעמאטיקער אברהם שטערן פון ווארשא, איז געווען זעהר א הויך־געבילדעטע פרוי. *בטבע אן אסימילאטארין, האט זי אבער מיטגעבראכט פון ווארשא, ווי א קוריאז, די אידישע דראמע „שרה'קעלע“ (סערקעלע) פון דאקטאר עטינגער פון זאמאשץ. די דראמע איז איהר זעהר געפעלען געווען, פלעגט זי ליעב האבען זי פארצולעזען פאר בעקאנטע.* דעמזעלבען ווינטער איז איהר איינגעפאלען צו מאכען א ספעקטאקעל, וואו די דראמע זאל געשפיעלט ווערען דורך די שילער פון דער ראבינער שולע. זי האט פערנאנדערגעטהיילט די ראלען, ארגאניזירט, רעפעטירט, געזארגט פאר פאסענדע דעקאראציעס, און דער ספעקטאקעל איז צושטאנד געקומען אין געגענווארט פון די לעהרער פון דער ראבינער־שולע און פון דער איבריגער זשיטאמירער אינטעליגענץ. דער ספעקטאקעל האט געמאכט א פוראר. די שילער האבען זייערע ראלען גוט געשפיעלט. *נאר מעהר פאר אלעמען האט*

זיך אויסגעצייכענט גאלדפאדען, וואס האט געשפיעלט די שווערסטע ראלע — סערקעלע.

דערפון איז גרינג צו זעהן די גוואלדיגע ווירקונג, וואס „סער־קעלע" האט געהאט אויף דער אידישער אינטעליגענץ צעהנדליגע יאהרען נאכאנאנד, און די שייכות פון „סערקעלע" מיט דער ענט־וויקלונג פון דער אידישער דראמע און מיט דער גרינדונג פון דעם אידישען טהעאטער.

עס איז צו בעוואונדערען, ווי דר. עטינגער האט ניט נאר גוט געוואוסט די קאנסטרוקציע פון א דראמע, נאר ער האט אויך א נסטינקטיוו זיך אנגעשטויסען אויף ריין טעכנישע זאכען, וואס מען קאן ניט וויסען סיידען מען שרייבט א לאנגע צייט פאר א טהעאטער. אזוי, למשל, עפענען די ערשטע סצענע אין דעם ערשטען אקט דער משרת און די דיענסט־מיידעל. שפעטער איז דאס געווארען א שאבלאן און כמעט אין דריי פיערטעל פיעסען פון אי־דישען טהעאטער עפענט זיך אזוי די ערשטע סצענע. קיין שטערן וויל ניט עפענען קיין פארהאנג אויף דער אידישער ביהנע. ער האט אויך אינסטינקטיוו פערשטאנען צו ענדיגען אן עקזיט מיט אן עפעקט.

כמעט אלע פארשוינען אין „סערקעלע" האבען ווערטלאך. סער־קעלע אליין זאגט, „אוי מיינע כחות!" דער שדכן ר' יוחנן ברויכט א ווערטיל: „קומט מיין שמיעה אפער." און דאס איז אויך נאכ־דעם געווארען א שאבלאן פאר אלע דראמאטורגען אהן אויסנאהם.

איך האב שוין אויפמערקזאם געמאכט, אז „סערקעלע" איז גע־שריבען ניט נאר אין דעם ריינסטען אידיש, נאר דר. עטינגער האט אויך געזוכט צו בעשאפען ריינע אידישע טערמינען פאר א קונסט, וואס איז געווען נאך גאר פרעמד דער שפראך. אזוי ווי די מעשה קומט פאר אין לעמבערג, האט די שפראך א לאקאלען שטעמפעל, ווי, למשל, „עך", „מעך" און דאס גלייכען. דער ליטווישער איד וואס קומט אריין אין דער פיעסע רעדט מיט'ן סמך. נאר טריי צום רעצעפט, וואס וואלפסזאן האט געגעבען, רעדען די געבילדעטע

דייטש, ווי אין „לייכטזין און פרעמעליי." דאס איז געווארען א חוק ולא יעבור, אז די געבילדעטע זאלען רעדען דייטש.

נאך דר. ש. עטינגער פערנעהמט דעם וויכטיגסטען פלאץ אין דער אידישער דראמע אין דער פאר־גאלדפאדען עפאכע ישראל אקסענפעלד.

ישראל אקסענפעלד איז געווען עטוואס עלטער פון דר. עטינ־גער און האט זיין ערשטע דראמע אנגעשריעבען כמעט אין דער זעלביגער צייט, ווען עטינגער האט געשריבען זיין „סערקעלע".

ישראל אקסענפעלד איז געבארען געווארען סוף אכטצעהנטען יאהרהונדערט אין נעמעראוו און האט געשטאמט פון דער תבואת שור'ס משפחה. אין די יונגע יאהרען האט ער געלערנט גמרא מיט פוסקים, און איז געווען א פערברענטער בראסליווער חסיד, א גרויסער מקורב פון דעם רבי'ן, נחמן בראסליווער.

צו שוין דעמאלט ווען ער איז געזעסען איבער דער גמרא אדער געכאפט שיריים פון דעם רבי'ס טיש האט ער שוין פער־שטאנען פרעמדע שפראכען, אדער די השכלה איז צו איהם אריינ־געדרונגען שפעטער, נאר ווען ער איז געווארען א יונגערמאן און גענומען זיך צו געשעפט, האט ער שוין פערשטאנען רוסיש, פויליש און דייטש און צו יענער צייט איז דאס געווען א זעלטענהייט. דאס האט איהם געהאלפען אין זיין געשעפט. אזוי ווי דעמאלט זיינען געווען גרויסע מלחמות, האט ער זיך צוגעשלאגען צו גרוי־סע פאדריאדען, איז געווארען א חשוב ביי קאמאנדירס און איז גע־גאנגען מיט דער ארמעע קיין פוילען און דייטשלאנד.

דורך זיינע רייזען אין פערשיעדענע געגענדען האט ער זיך אנגעהערט און אנגעזעהן זעהר פיעל, און צוליעב זיין געשעפט איז ער געקומען אין פערבינדונג און בעריהרונג מיט א סך מענשען און ער האט געהאט די געלעגענהייט צו שטודירען די מענשליכע נאטור פון דער ערשטער האנד. דערצו האט ער געהאט א מערק־ו[illegible]יז און ער האט ניט נאר געדענקט אלץ וואס ער האט געזעהן און געהערט נאר אויך אלע איינצעלהייטען, און ער האט זיין גאנץ לעבען געהאט גענוג שטאף צו אונטערהאלטען גע־זעלשאפטען מיט אינטערעסאנטע מעשיות.

שפּעטער ווען די פּאדריאַדען האבען זיך געענדיגט האָט ער זיך בעזעצט אין אדעס און איז דאָרטען געוואָרען נאָטאַר, אדוואָקאַט און טראַנסלאַטאָר און דערפון האָט ער געהאַט זיין חיונה בכבוד.

אין אדעס איז זיין הויז געוואָרען א צענטער פאר אלערליי קלאַסען לייטישע מענשען. מיט זיין איבערגאנג צו דער השכלה האָט ער די בריקען הינטער זיך ניט פערברענט. אין זיין הויז פלעגען זיך צוזאַמענקומען לומדים, געלעהרטע, פרומע, געבילדעטע, רייכע און אָרימע און מען האָט זיך דאָרטען גוט אונטערהאַלטען.

הגם ער האָט געקאָנט גוט לשון קודש און דייטש, רוסיש און פּויליש האָט ער ניט געזוכט בעריהמט צו מאַכען זיך אין אַנדערע שפּראַכען און האָט געשריבען נאָר אין אידיש. ער האָט געוואוסט, אז ער האָט געזעהן פיעל און געהערט פיעל און פערשטעהט פיעל און קאָן דאַריבער א סך לערנען דאָס פאָלק, וואָס האָט קיין זאַך ניט געזעהן און קיין זאַך ניט פערשטאַנען, און אזוי ווי דאָס פאָלק פערשטעהט ניט קיין אַנדער זאַך, איז דער לאַגישער שלוס, אז רעדען דאַרף מען מיט איהם אויף אידיש.

ישראל אַקסענפעלד האָט געשריבען א סך, ער האָט געשריבען דראַמען, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, אַרטיקלען, און נאָך זיין טוידט (ער איז געשטאָרבען אין פּאַריז אין 1866) זיינען געבליבען מאַנוסקריפּטען, וואָס האָבען געדאַרפט פערנעהמען אַן ערך פון דריי הונדערט דרוק בויגען. עס איז געווען די איראָניע פון שיקזאַל, אז ער וועלכער האָט נאָר געשריבען צו זיין נוצליך זיין פאָלק און האָט געגאַרט צו לערנען איהם, האָט ניט זוכה געווען צו זעהן זיינע ווערק אין דרוק, און נאָר ביי זיין סוף לעבען, אין 1862, האָבען זיך אָבגעדרוקט זיינע דריי זאַכען.

אזוי ווי ער האָט געשריבען אין דעם משך פון עטליכע צעהנדליג יאָהר און געשילדערט דאָס לעבען פון זיין צייט, האָבען זיינע ווערק בשום אופן ניט געקאָנט דערגרייכען זייער געווינשטען צוועק, ווען זיי זיינען געדרוקט געוואָרען, נאָכדעם ווי יענער אָרט לעבען האָט זיך שוין אין גאַנצען געענדערט. אַלעקסאַנדער צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ“ און „קול מבשר“, ווען זיי זיי־

נען נאך ארויסגעגאנגען אין אדעס, איז געווען א פערזענליכער פריינד פון ישראל אקסענפעלד און אין זיין נעקראלאג אין „קול מבשר" איבער אקסענפעלד, שרייבט ער, אז „אלע זיינע ראמא־נען און טהעאטער (דאס הייסט דראמען) זיינען אמת'ע מעשיות און די קאראקטערע דרינען געשילדערט פון מענשען, וואס מען האט זיי געקענט, נאר נאטירליך אזוי אויסגעשטעלט, עס זאל פאס־סען, אז יעדער זאל דרינען געפינען א מוסר און דערקענען די פעה־לער פון גאנצע קלאסען עהנליכע מענשען."

די דאזיגע מעשיות און די דאזיגע כאראקטערע זיינען אין עטליכע צעהנדליגע יאהרען ארום געווארען ארכאאיש, און אויב זיי האבען א ווערטה פון דעם שטאנדפונקט פון קונסט, האט שוין זייער מוסר השכל קיין שום ווערטה ניט געהאט, ווען יענער סארט לעבען האט זיך אין גאנצען געענדערט. זייער הויפט צוועק אויפ־צוקלערען די פאלקסמאסען איז אין גאנצען פערלארען געגאנגען.

די אידישע אדעסער אינטעליגענץ, וואס האט געהאט די געלעגענהייט צו לייענען די מאנוסקריפטען האט פון זיי געהאט גרויס פערגעניגען און אין 1864, דאס הייסט צוויי יאהר פאר י. אקסענפעלד'ס טויט, האבען זיך פארשטעהער פון דעם געביל־דעטען קלאס געווענדט צו דער חברה מפיצי השכלה, אז זי זאל ביסלעכווייז ארויסגעבען די דאזיגע ווערק. און אזוי ווי פון דער דאזיגער אונטערהאנדלונג ווערען מיר פערביינעהענדיג געוואר וועגען די שטרעבונגען פון די משכילים אין יענער צייט און וועגען דעם צושטאנד פון דער דאמאלסדיגער אידישער ליטעראטור, גיב איך דא איבער צוליעב דעם היסטארישען ווערטה די בקשה פון די בארשטעהער פון דער אדעסער אינטעליגענץ און דעם ענט־פער פון דער חברה מפיצי השכלה.

די פארשטעהער פון דער אדעסער אינטעליגענץ זיינען געווען דר. שוואבאכער, יוסף ראבינאוויטש, דר. לעווענזאהן און דר. פינסקער. זיי האבען זיך געווענדט מיט א בריעף צום ועד פון דער חברה מפיצי השכלה אין פעטערבורג, און דער בעריכט וועגען דעם בריעף לויטעט אזוי:

„ה שוואבאכער, ראבינאוויץ, פינסקער מאדעסא מציעים לפני הועד לקנות מאת ה׳ אקסענפעלד שני מאמרים וספורים מחיי היהודים בארץ פולין ורוסיא, כי לדעתם יוכלו החבורים האלו להיות לתועלת רבה לפקוח את עיני המון העם על חסרונותיהם ומצבם הרוחני. ובהיות כי אקסענפעלד כבר בא בימים ואין ביכולתו להתעסק בהדפסתם, ע״כ נרצה הוא למכרם במחיר ארבע מאות רוב׳ כמו שהם כתובים מעט תחת הערכת אחד מחבריו.“

דאס הייסט, אז די דערמאנטע פארשטעהער פון דער אדע־סער אינטעליגענץ האבען פארגעשלאגען דעם ועד אבצוקויפען ביי ה׳ אקסענפעלד צוויי ארטיקלען און ערצעהלונגען פון דעם אידי־שען לעבען אין פוילען און רוסלאנד, ווייל נאך זייער מיינונג קא־נען די דאזיגע ווערק א סך ו רקען צו עפענען די אויגען פון דעם פאלק אויף זיינע פעהלערען און זיין גייסטיגען צושטאנד. און אזוי ווי אקסענפעלד איז שוין אן אלטער מאן און קאן זיך ניט בע־שעפטיגען מיט׳ן דרוקען זיינע ווערק, איז ער צופריעדען צו פער־קויפען זיי פאר דער סומע פון פ י ע ר ה ו נ ד ע ר ט ר ו־ב ע ל, ווי זיי שטעהען און געהען און דער ועד זאל זיי לאזען דרוקען ביסלעכווייז אונטער דער רעדאקציע פון זיינעם א מיט־גליעד.

דערויף האט דער ועד געענטפערט אזוי:

22טען אפריל, 1864.

„על מכתב חברי החברה באדעסא, הרב דר. שוואבא־כער, דר. לעווענזאהן, יוסף ראבינאוויטש ודר. פינסקער, המציעים לקנות מידי ה׳ אקסענפעלד את חבוריו בשפת יהודית המדוברת, מצא הועד כי עפ״י סעיף 1 של התקנות הזה ניתן הרשות להחברה להדפיס ספרים רק בשפת עבר ולשון רוסיא ולא בלשון יהודית המדוברת (זשארגאן) וע״כ

יחשוב הועד כי אין לו רשות לצאת מחוג פעולותיו הנגבל
ע"י התקנות ולהסכים על הצעת החברים באלה."*)

בקיצור איז דער ענטפער, אז לויט דער קאנסטיטוציע פון דער חברה האט זי נאר א רעכט צו דרוקען ביכער אין העברעא ש אדער רוסיש אבער ניט אין אידיש, און דאריבער קאן דער ועד ניט אננעהמען דעם פארשלאג.

אויב עס איז טרויריג צו זעהן, אז פאר וועלכע זאכען די אידישע אינטעלע־נומען א גאנץ לעבען צו שרייבען און וועלכע די אידישע אינטעלע־גענץ האט געפונען וויכטיג אין אלערליי היגזיכטען, האט זיך ניט געפונען קיין בעלן צו בעצאהלען אזא לעבערליכע סומע, ווי פיער הונדערט רובעל און דרוקען זיי, רעדט עס פון דער צווייטער זייט זעהר פיעל פאר אקסענפעלד'ם טריישאפט און איבערגעבענקייט צו דער אידישער ליטעראטור און צום פאלק, פאר וועלכען ער האט געשריעבען.

ישראל אקסענפעלד שטעהט אין זיינע דראמען גאנץ אליין. ער האט זיי געשריעבען, ווי ער וואלט געווען דער ערשטער אויף דעם פעלד, און האט קיין מאל קיין דראמע ניט געזעהן. די געזעצע פון דראמאטישער קונסט זיינען ניט פאר איהם געשריעבען גע־ווארען. עס איז אונמעגליך, אז אזא וועלטליכער מענש ווי ער איז געווען, האט קיין טהעאטער ניט בעזוכט אדער אז ער איז ניט גע־ווען בעקאנט מיט דער דראמאטישער ליטעראטור. ער האט אבער דערמיט זיך ניט בענוצט און זיינע דראמען זיינען ארויסגעקומען היימיש געשאפענע. ער האט זיך אליין ניט קלאר געמאכט דעם אונטערשייד פון א דראמע און א נאוועלע, פון האנדלונג און ער־צעהלונג. עס קאן זיין, אז דאס האט זיך גענומען דערפון, וואס איהם האט זיך אפילו ניט גע'חלומ'ט, אז אידישע שטיקער וועט מען שפיעלען אויף א ביהנע. אין א הקדמה געשריעבען אין גראַ־מען צו זיין מעלאדראמע „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער" שרייבט ער אזוי:

---

*) תולדות חברת מרבי השכלה בישראל בארץ רוסיא, חלק ראשון, 1885.

די אמת'ע מעשה קאן מען דאך ניט דערצעהלען איטליכען באזונדער.

דעריבער האב איך עס דא באשריבען, לאזען עס לייענען אידישע קינדער.

דערצו האב איך עס נאך ווי א טהעאטער געמאכט,
אף צו לייענען אין א קאמפאניע אין א ווינטער נאכט.

ער האט געשריעבען זיינע דראמען ניט צום שפיעלען, נאר צום לייענען, און האט געברויכט די פארמע פון דראמע, כדי מען זאל עס קאנען לייענען אין א קאמפאניע. פאר וואס די פארמע פון דראמע א ז מעהר צוגעפאסט צו לייענען אין א קאמפאניע, ווי די פארמע פון א ראמאן, איז ניט פערשטענדליך. נאר עס איז קלאר, אז ער האט אפילו ניט געזעהן דעם שאטען פון האפנונג, אז מען זאל די דראמען שפיעלען אויף א ביהנע, און ער האט זיך דאריבער ניט געקימערט וועגען דער פארמע. דער עיקר איז גע־ווען צו אונטערהאלטען דעם לעזער און אויפקלערען איהם, ווייזען איהם אזעלכע זייטען פון לעבען, וואס ער וויים ניט און פער־שטעהט ניט.

דערפאר אויב די קאנסטרוקציאן הינקט אין זיינע דראמען, בעזיצט ער אין א העכערער מאס ווי אלע אנדערע פון זיין צייט די קראפט צו צייכענען בילדער אין עטליכע שטריכען. זיינע כא־ראקטערע זיינען ניט אויסגעגאסען פון איין שטיק וואס מען רופט מענש, נאר יעדער בעזונדער אונטערשיידט זיך פון דעם צווייטען און מען זעהט פאר זיך ניט סתם א מענשען, נאר א בעשטימטען מענשען מיט א בעשטימטען פנים, מיט א בעשטימטען דבור, מיט א בעשטימטען הלוך.

דאס קאן מען זעהן אפילו פון אזא קליינינקייט, ווי פון דעם צעטיל פערזאנען אין דער שטיק „דער ערשטער אידישער רעקרוט“. אט איז דער צעטיל:

ר' אהרן קליגער, בעל מחשבות, געלערנטער אין אלערליי חכמות און לשונות.

שלמה פסייאכא, פרנס אין שטאדט, א קרעמער א גראבער יונג.

ברכה זיין ווייב, א טויבע, רעדט שיפיליאווע און איז זעהר א בייזע. זי איז א בריה אין קלייט.

הערש לייב, זייער בן יחיד, א גרויסער שטאדט־נאר.

ציביה'לע, דעם שטאדטנארס ווייב, א שען ווייבעלע זוּן איז ניט פרום.

וועלוועל גיליוואטע, אויך פרנס חודש, האנדעלט מיט פעל, אויך אן עם הארץ.

חאנצי, זיין ווייב, זייער (זעהר) קליג, א שדכנ'טע אין שטאדט.

גביאל שד, א גרויסער שכור, א לאוטשי (כאפער) צו די רעקרוטען.

ליפשה די מויד, א שענקערין, אן אלטע יודינע.

ישראל אקריינער, ער טו ג צום אקסען משא ומתן, א קלוגער איד און אהרנ'ם שותף.

מחלי, זיין ווייב, א בלינדע אהןביידע אויגען, זי איז א גרויסע מיוחסת.

נחמן דער גרויסער, מחלי'ס א זוהן פון ערשטען מאן, ער איז א מה־יעשה'ניק, א צרה, א שעהנער קליגער יונג, אפילו מיט מעלות, נאר ניט קיין לייט.

פנחס דער רויטער, קלוגער איד, האלט שטאדט ארענדע.

ציפרה, זיין ווייב, זעהר שען און קלוג און זעהר גוט.

פרימה אדער פרימעלע — פנחס מיט ציפרה'ס איינציג קינד, זעהר א שען קלוג מיידעל פון 16 אדער 17 יאהר.

די אלע פארשוינען קומען שוין פון דעם צעטיל אליין ארויס לעבעדיגע מענשען. יעדער מיט זיין אינדיווידועלען פנים, און די גאנצע צייט וואס דער שרייבער שילדערט זיי, האט ער זיי פאר די אויגען.

אויב די אלגעמיינע האנדלונג פון דער דראמע ריהרט זיך אפט זעהר לאנגזאם, בעוועגען זיך לעבעדיג די פערזאנען גופא. אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" ווערען אין ערשטען אקט

געשילדערט די סצענען, ווי אזוי אידען האבען צום ערשטען מאל בעגעגענט און אויפגענומען די גזרה וועגען רעקרוטען. די שילדערונג איז א מייסטערהאפטע. הגם דא טרעטען ארויס א סך פארשוינען, קומען אלע ארויס בולט. די ערשטע סצענע עפענט זיך אויף אין אונגעוואוינליכער אסיפה ביי פסאיאכע אין שטוב. מען רעדט ארום דעם אוקאז וואס צוויי סאלדאטען האבען געבראכט צום אוטערשרייבען. דער אוקאז איז וועגען דער צאהל רעקרוטען, וואס דאס שטעדטיל דארף געבען. עטליכע שטאדט חכמים דערווייזען מיט אלערליי ראיות, אז מען דארף דעם אוקאז ניט אונטערשרייבען, און אז מען וועט ניט אונטערשרייבען וועט מען ממילא פטור זיין פון געבען רעקרוטען. פסאיאכעס ווייב ברכה איז די אידישע בריה, וואס פערשטעהט א געשעפט. זי איז טויב, נאר ווען זי כאפט, וועגען וואס עס האנדעלט זיך, ווענדט זי אן איהר גאנצען מענה לשון געגען איהר מאן, אז ער זאל ניט וואגען אונטערשרייבען. איהר זעהט פאר זיך די אשת חיל, די פרנסה געבערקע, די דעה זאגערקע, און אלץ וואס זי טהוט איז מיט שטורם, מיט ברען, מיט רוגזה. אבער ווען די געשרייען און דער ליארעם ווערען אביסעל שטילער און פנחס דער רויטער ערקלערט, אז דאס איז טאקע א גרויסע צרה, נאר מען קען זיך ניט העלפען, און אז מען וועט זיך שטעלען אנטקעגען וועט נאך זיין א שטראף און די פרנסים גופא וועט מען אבגעבען פאר סאלדאטען, בעמערקט ברכה, אז עפעס אן ענדערונג איז געשעהן אין דער שטימונג, און ווען זי געפינט אויס, וואס די ערקלערונג איז געווען פאלט זי אן אויף איהר מאן מיט'ן זעלביגען שטורם, מיט'ן זעלביגען ברען, מיט דער זעלביגער רוגזה, אז ער זאל אונטערשרייבען.

איצט פאלט אן א שרעק אויף די פערזאמעלטע, טאמער וועלען די סאלדאטען זיך ניט דערווארטען און וועלען אוועקגעהן. מען שיקט נאך זיי, און אזוי ווי דאס פאלט אוים שבת און מען קאן ניט אונטערשרייבען ביז נאך הבדלה בעט מען זיי, אז זיי זאלעןווארטען ביז'ן אבענד. דערביי אבער שענקט מען זיי אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, אז אפילו די פראסטע ערלים שטויסען זיך אן.

אז זיי זיינען צוליעב עפּעס אן אורזאך א גאנצע מציאה און מ׳וויל זיי דא נויטיג האָבען, און אז מען וויל זיי אזוי נויטיג האָבען, ווילען זיי דוקא אוועקגעהן. די אשת חיל ברכה, די אידענע וואָס געהט אין ספּאדעק, ברוינט איצט אן אמת׳ן ווייבערשען מיטעל און הויבט זיך אן צו שלאָגען קאָפּ אן וואנד. דער מיטעל איז אפשר גוט פאר׳ן מאַן און פאר׳ן זוהן, אבער ניט פאר צוויי גראָבע ערלים.

די טרויריגע סצענע איז דורכגעדרונגען מיט א לייכטען הו־מאָר, אבער דער הומאָר איז ניט קיין אריינגעשטוקעוועטער. די סיטואציעס גופא זיינען אזעלכע, אין וועלכע דאָס טרויעריגע איז אויסגעמישט מיט׳ן קאָמישען.

דער גרעסטער פערדיענסט זיינער איז, וואָס ער האָט גענו־מען לעבעדיגע מענשען פאר זיינע דראמען. דאָס האָט איהם גע־געבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען זיך העכער פון אנגעבלאָזע־נער געקינצעלקייט. די פּערזאָנען זיינע ניט נאָר ריידען מיט א מענשליכען לשון, נאָר יעדער רעדט אזוי, ווי זיין כאראקטער פאָ־דערט. דאָס האָט איהם אויך אויסגעהיט פון געשטרויכעלט ווע־רען אין השכלה׳שע טענדענצען. דער גאנצער צוועק פון דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" איז צו ערקלערען די אידען, אז די גזירה צו נעהמען אידישע רעקרוטען איז גאָר א טובה פאר אידען. דאָס זעהט מען פון דעם דיאלאָג אין צווייטען בילד צווישען אהרן קליגער און זיין ווייב, פּערעלע.

פּערעלע. און דאָס וואָס מע זאָל נעמין יודין נעקריטין אָדער פאר סאָלדאטין, וויא דוא ריפּסטס, איז דאָך אויך ניט קיין גזירה? דאָס איז דעך אוודאי א ביטערע גזירה.

אהרן. ניין, פּערילע, דיא זאך מוז מען אנדערש פערשטעהן. אונזער קייזער יר״ה, וויא איך מיין, וויל אין זיין מדינה, אלע אומות, וואָס וואוינען אין זיין אימפּעריע, גלייך מאכין, אונ איט־ליכער זאָל גלייך א רעכט האָבען צו וואוינען אָדער צו האנדלין אימידים, ניט אזוי וויא ביז אהער איז גיוועזין, אז אין 15 גובער־ניעס נאָר האָבין יודין גמעגט וואוינין און האנדלין. פארשטעהסט זיך, אז דער וואָס וויל א גלייבען רעכט האָבען ווי יענער, מוז נושא

בעול המדינה זיין, גלייך ווי יענער, היינט גיבין אבער יודין נישט קיין רעקרוטין. דעריבער הייסט דער קייזער, אז יודין זאלען אויך געבין רעקרוטין, וועט שוין א רעכט זיין, אז זיי זאלין מעגען גלייך מיט יענע אימידים וואוינען און אימידים האנדלין. אז דיא קויפסט א שטאט אין שול, צאהלסט דיא פריהער געלט. דענצמאהל האסט דיא א רעכט צו זיצין אונ צו שטעהן אף דיין שטאט. מיר דארפין אונ מיזין גלייבין אונזער קייזער יר"ה, אז דורך דעם וואס יודין וועלען גיבין רעק־ריטין, וועט ער זיי גלייך מיט אלע גיבין א פראווע צו האנדלין אונ צו וואוינין אימידים. דאס דארף א מענש פארשטעהן אליין.

עס פערשטעהט זיך, אז אהרן דריקט אויס די מיינונג און האפנונג פון דעם פערפאסער. אהרן איז ביי דער אסיפה אין פסאיאכעם הויז ניטא. און דאס ווייזט וואס פאר א שעהנעם געפיהל פאר קונסט־ווארהייט אקסענפעלד איז בעזעסען. די זעל־ביגע ווערטער וואס אהרן ערקלערט זיין ווייב וואלטען געהאט א פנים פון חוזק ביי יענער אסיפה און וואלטען געקלונגען אנגעבלא־זען, פאלש. זיין אויג פאר ווארהייטליכקייט ווייזט ער ארויס דערמיט, וואס אויף דער אסיפה זיצט פנחס דער רויטער, סתם א קלוגער איד, און יענער ערקלערט אויף א פראקטישען אופן, אז דאס איז טאקע א צרה, נאר דינא דמלכותא דינא און מען קאן זיך ניט העלפען. א שרייבער מיט א וועניגערען געפיהל פאר קונסט ווארהייט וואלט קיין מאל ניט געקאנט דערלאזען פנחס דעם רויטען צו זאגען אזעלכע ווערטער, ווייל דאס שטימט ניט מיט דעם שרייבערס טענדענץ.

צוליעב דעם זעלביגען געפיהל פאר קונסט ווארהייט האט ער ווי ווייט עס איז געווען מעגליך אין זיין צייט ניט געלאזט זיינע פארשוינען צו ווערען דורכאויס מלאכים אדער דורכאויס מחבלים. די מייסטע זיינען אונטער אלע אומשטענדען מענשען, מיט מענש־ליכע מעלות און מיט מענשליכע חסרונות. אין דעם „ערשטע אידישען רעקרוט" איז דער העלד נחמן דער גרויסער. אזא פער זאן האט געדארפט ארויסקומען אדער א מלאך אדער א טייוועל. נאר דא קומט ער ארויס, ווי אקסענפעלד אליין כאראקטעריזירו

איהם אין קורצען, „א מה יעשה'ניק, א צרה, א שעהנער קלוגער יונג אפילו מיט מעלות, נאר ניט קיין לייט."

די האנדלונג פון דעם ערשטען אידישען רעקרוט ווערט גע־דיכט גאר צום סוף. דער מה־יעשה'ניק נחמן דער גרויסער איז פערליעבט אין פרימעלען, נאר חנצי שמועסט איהם איין, אז פרי־מעלע פערלאנגט, ער זאל געהן פאר א סאלדאט און ער טהוט, ווי ער דענקט, איהר רצון. ווען פרימעלע ווערט געוואהר דערפון איז דער קלאפ פאר איהר א צו שטארקער און זי שטארבט. נחמנ'ס בלינדע מוטער קומט און מאכט א שרעקליכע יללה, וואס מען האט ביי איהר אוועקגערויבט איהר איינציג קינד.

ווי עס איז לייכט צו זעהן, שטימט ניט די האנדלונג מיט דער טענדענץ. אהרן דער קלוגער מעג דערצעהלען זיין ווייב, אז די גזירה פון רעקרוטען איז גאר א טובה פאר אידען, נאר שוין דער ערשטער רעקרוט מאכט אזא חורבן אין צוויי הייזער און פאדערט עטליכע קרבנות.

אקסענפעלד האט געשריעבען אויף פראסטען מאמע לשון, נאר זיין שפראך איז ניט קיין פאלירטע, ווי מען קאן עס זעהן פון דעם אויסצוג, וואס איך האב אויבען געבראכט. די שפראך איז אויך שטארק לאקאל, מיט א גרויסען צומיש פון רוסישע ווער־טער, ווי מען רעדט אין זיד־רוסלאנד. און זיין אויסלעגען איז אזוי, ווי מען רעדט.

אין זיין צווייטער דראמע „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער" ווייזט זיך נאך שטארקער, נאך בולטער ארויס דער אויסמיש פון אן ערצעהלער און דראמען־שרייבער. דא זיינען די שילדערונגען א סך, א סך שוואכער, און די גאנצע קראפט ליגט אויף א פערפלאנטעטער שטוינענדער מעשה. פון דעם שער ווערען מיר געוואר, אז „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער" איז „אן אמת'ע מעשה בעארבייט אין א טהעאטערשטיק אין צוויי אקטען." אן אמת'ע מעשה אבער מאכט נאך ניט קיין דראמע.

דער סיוזשעט איז אזוי:

א מאן איז אנטלאפען פון א ווייב א פגע רע און האט איבערגע־לאזט איהר מיט צוויי קינדער, אן אינגעל און א מיידעל. די

מיידעל איז פערפאלען געווארען נאך אלס קינד, די מוטער האט איהר איבערגעלאזט אין וואלד, און דער א נגעל איז געבליבען אין זיין געבורטס־שטאדט און נאך דער מוטערס טויט האט ער זיך ערצויגען ביי אן ארימער שמש׳טע, אן אלמנה. דער אנטלאפענער מאן האט דערווייל אנגעשפארט אין ענגלאנד און איז דארטען גע־ווארען זעהר רייך. אין צוואנציג יאהר ארום האט ער זיך פערביינקט נאך די קינדער וואס ער האט איבערגעלאזט אין דער היים און ער האט זיך צוריקגעקעהרט זוכען זיי.

זיין אינגעל איז דערווייל געווארען א גרויסער בחור, ער האט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון שניידעריי, אבער פון זיין אר־בייט האט ער קוים וואסער אויף קאשע. אזוי ווי פאר איהם איז שוין צייט חתונה צו האבען און ער האט ניט מיט וואס, זארגט די שטאדט פאר איהם און זוכט איהם אב א כלה. זי איז א פרעמדע און מען רופט איהר די נכפה׳ניצע און האלט זיך אוף אין אן אכסניא. ווען מען געהט צונויפקלייבען הוצאות אויף דער חתונה, בעשליסט מען אז מען זאל מיטנעהמען דעם חתן און געהן נאך א נדבה צום רייבען ענגלענדער. עס געדויערט ניט לאנג און דער לעצטער דערקאנט זיין זוהן אין דעם ארימען שניידער־בחור. ער לאזט זיך אבער ניט דערקאנען, ווייל ער האט מורא, אז די פלעצ־ליכע עשירות וועט פון איהם מאכען א טויגעניכטס און א הולטאי. ער גיט זיין נדבה און לאזט אנגעהן מיט די הכנות צו דער חתונה. ער זאגט צו, אז ער וועט קומען צו דער חופה און וועט זיך משמח זיין מיט חתן־כלה. נאך דער חופה דערקענט ער אין דער כלה זיין טאכטער, און אויף אזא אופן האט דאס חתונה געהאט א ברודער מיט א שוועסטער. עס פערשטעהט זיך, אז ווייטער קאן ער עס ניט לאזען געהן און ער הויבט אן צו מאכען ספראוו־קעס. דערפון קומען ארויס נאך אנדערע דערקענונגען און איין איבערראשונג קומט נאך דער צווייטער.

כאראקטעריסטיש איז, וואס דער רב און רב׳׳ציז, וואס קו־מען אריין אין „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער“, ווערען געשילדערט זעהר סימפאטיש. דער קאמפף פון השכלה, ווי ער האט זיך ארויסגעוויזען אין דער ערשטער אידישער קאמעדיע פון

וואלפסזאהן און שפעטער אין גאלדפאדענס צייטען, איז אקסענ־פעלד'ן געווען גאנץ פרעמד. ווערליג מען זעהט פון זיינע דראמא־טישע ווערק, איז אקסענפעלד נ־ט ארויסגעטראטען אלס קעמפפער, נאר אלס לעהרער, אדער נאך ריכטיגער אלס עלטערער ברודער, וועלכער ווייסט מעהר און פערשטעהט מעהר. ער צייכענט זיך אויך אויס פון די אנדערע דראמען־שרייבער דערמיט, וואס זיינע העלדען ריידען נ־ט קיין דייטש, נאר פראסט אידיש.

די שטוינענדע מעשה פון „מאן און ווייב, שוועסטער און ברור־דער," האט אויך איהר טענדענץ, דער שרייבער וויל איינפרעסען אויפ'ן לעזער'ס געדאנקען, אז די גזירה פון מעטריקעס, איז נ־ט קיין גזירה נאר א טובה פאר אידען. דאס דריקט ער אויס אין גראמען אלס א הקדמה צו דעם טהעאטער־שפיעל:

דאס האט זיך געטראפען ביי יודישע קינדער
אין דער שטאדט ווימיסלע: דאס קען זיך אבער נ־ט
טרעפען אצינדער.
דערפאר אליין דארפען מיר בעטען פאר אונזער
קייסער'ס לעבען
וואס ער האט אונז דעם אוקאז געגעבען
אז פאטער און מוטער מוזען זעהן איטליכס מאל,
אז א קינד ווערט גיבארען זאל מען עס פערשרייבען
ביי קהל,
און אז ביי א חתונה טאר מען נ־ט שטעלען דיא
חופה אהן קהלס א קוויטעל
זיי דארפען דרוף אכטונג געבען, אויף זיי איז דאס מוטל.

אקסענפעלד'ס פיעסען האבען ליעדלאך און אזוי ווי אין די דראמען האבען זיי נ־ט קיין פלאץ, ציהט פראפעסאר וויענער אין זיין „אידיש ליטעראטשור און דהי נייצטינטה סענטשורי" דערפון א שלום, אז זיי זיינען געמיינט געווארען פאר א ביהנע. — אויבען איז שוין געווען ציטירט — וואס אקסענפעלד גופא האט געזאגט וועגען זיינע טהעאטער־שטיק, אז זיי זיינען געשריעבען אין א דראמאטישע פארם, כדי מען זאל זיי קאנען לייענען אין א קאמ־

פאניע, און דאס ווייזט, אז ער האט אפילו ניט געהאפט, אז מען וועט די דראמען שפּיעלען אויף א אידישער ביהנע.

א חוץ די צוויי דערמאנטע שטיקער האבען זיך געדרוקט נאך צוויי: „דער אוצר אדער די גנארטע וועלט“, און „קבצן עושר־שפיעל“. דער ערשטער אידישער רעקרוט האט זיך געדרוקט פאר'ן אויטאר'ס לעבען אין 1862 אין לייפּציג, דרוק פון ק. א. פאללראט, די אנדערע צוויי זיינען ערשיענען נאך זיין טויט. אקסענפעלד האט זיינע כתבים איבערגעלאזט ל. מארענעס און דער לעצטער צוזאמען מיט מ. ביילים האבען אין 1867 אבגעדרוקט „מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער“ און די איבריגע צוויי אין עטליכע יאהר ארום.

עס איז מערקווירדיג, ישראל אקסענפעלד איז געווען ארומגע־רינגעלט מיט דער העכסטער אינטעליגענץ אין אדעס און זיינע פריינד האבען זיך שטארק משתדל געווען, אז זיינע ווערק זאלען זיך דרוקען, און ווי ווייט מיר איז בעקאנט, האט זיך צווישען זיי ניט געפונען קיין איינציגער, וואס זאל געבען די כראנאלאגיע פון זיינע ווערק.

עס איז אונבעוואוסט, ווען יעדע ווערק איז געשריעבען גע־ווארען. אויפ'ן שער פון „ערשטען אידישען רעקרוט“ איז אנגע־שריעבען אזוי:

דער ערשטער אידישער רעקרוט

בשנת התקפז, דענצמאל איז דער אוקאז אנגענומען

אדער א מעשה פון

קלאמערשט חתן־כלה.

דאס יאהר תקפז איז 1827 און איך נעהם דערפון, אז דעמאלט איז די פּיעסע געשריעבען געווארען, הגם עס איז אויך מעגליך, אז דער דאטום תקפז געהט אויפ'ן ערשטען אידישען רעקרוט. מיין שלום, אז די פּיעסע איז געשריעבען געווארען אין 1827, שטיצט זיך אויך אויף דעם דיאלאג צווישען אהרן קלוגער און זיין ווייב. עס וואלט געווען אונמעגליך אין 1862 צו שרייבען אין אזא טאן וועגען אידישע רעקרוטען. מען וואלט אויך געקאנט רעכטען וועגען דער צייט, ווען דאס ווערק איז געשריעבען געווא־

דען, פון דער שפראך און פון אויסלעגען. דאס אויסלעגען אין דעם „ערשטען אידישען רעקרוט" שיידט זיך ראדיקאל אונטער פון דעם אויסלעגען אין „מאן און ווייב," עס איז אבער זעהר מעגליך, אז דער זעצער פון לייפציג, וואו עס האט זיך געדרוקט דער „ערש־טער אידישער רעקרוט" האט זיך ניט געהאלטען ביים אריגינאל. און ווידער איז מעגליך, אז די ארויסגעבער פון די אנדערע דראַ־מען האבען מאדיפיצירט דאס אויסלעגען. עס דארף אבער קיין שום פראגע ניט זיין, אז אקסענפעלד'ס פיעסען זיינען געשריעבען געווארען א סך פריהער ווי זיי זיינען געדרוקט געווארען.

אקסענפעלד פערנעהמט נאר א בעזונדער פלאץ צווישען די אידישע דראמען־שרייבער.

נאך עטינגער און אקסענפעלד פערדיענט די גרעסטע אויפ־מערקזאמקייט אברהם בער גאטלאבער.

א. ב. גאטלאבער איז גוט בעקאנט דעם אידישען לעזער פון דער השכלה צייט אלס העברעאישער משורר און רעדאקטאר פון „הבוקר אור". זיין וויכטיגסטע טהעטיגקייט איז געווען אויף דעם העברעאישען פעלד, נאר ווי די מייסטע משכילים אין רוס־לאנד האט ער אויך ליעב געהאט דעם מאמע לשון, און ווען ער האט נאר געהאט א געלעגנהייט האט ער געשריעבען אידיש.

אין זיינע „זכרונות" דערצעהלט גאטלאבער, אז אונטער דעם איינפלוס פון „סערקעלע„ וואס דר. עטינגער האט איהם פערזענ־ליך איבערגעלייענט, האט ער אנגעשריבען א קאמעדיע אונטער'ן נאמען „דער דעקטוך" אדער „צוויי חופות אין איין נאכט." דער־פון דארף מען בשום אופן ניט דרינגען, אז „דער דעקטוך" האט אויף וועלכען עס איז אופן עפעס א שייכות מיט „סערקעלע". ער האט קיין זאך פון עטינגער ניט גענומען, און דער „דעקטוך" איז געשריבען נאר אויף אן אנדער אופן, האט גאר אן אנדער קאנס־טרוקציע און נאר אנדערע מאטיווען. דער איינפלוס פון עטינגער איז נאר בעשטאנען דעריז, וואס ער האט ביי איהם ארויסגערו־פען א חשק צו נעהמען זיך צו דראמע.

דער „דעקטוך" איז זעהר א וויכטיגער רינג אין דער קייט פון דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראמע. די וויכטיגקייט

נעהמט זיך ניט פון א ליטעראַרישען אָדער דראַמאַטישען ווערטה נאָר דערפון, וואָס די דאָזיגע קאָמעדיע האָט געוויזען גאָלדפאַדענען דעם וועג, מיט וועלכען ער זאָל צוטרעטען צו א פּראַקטישען אידישען טהעאַטער.

גאָטלאָבער האָט דעם „דעקטוך" אָנגעשריבען אין דעם יאָהר 1838, און זיין מזל איז ניט געווען בעסער, ווי פון די אַנדערע אידישע דראַמענשרייבער אין רוסלאַנד און די קאָמעדיע איז ערשט געדרוקט געוואָרען אין װאַרשאַ אין 1876, דאָס הייסט כמעט מיט פיערציג יאָהר שפּעטער. ער איז אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָהר, ווען ער האָט דאָס שטיק געשאַפען און זיין איינציגער נחת איז געווען, וואָס עס איז ארומגעגאַנגען אין כתב יד פון האַנד צו האַנד, און עס איז זעהר מעגליך, אַז ווען דער ארויסגעבער ווערבלינסקי האָט די קאָמעדיע אָבגעדרוקט, האָט ער אפילו ניט געוואוסט ווער איז איהר טאַטע און זי איז ערשיענען אָהן דעם נאָמען פון דעם שרייבער.

גאָטלאָבער איז געווען דער היפך פון עטינגער און אקסענפעלד. די לעצטע צוויי האָבען ניט געהאַט צו שאַרפען קיין מעסערס געגען וועלכער עס איז פּאַרטיע און האָבען געלעבט בשלום מיט פרומע און מיט די געבילדעטע. זיי האָבען זיך גע'חבר'ט מיט אַלעמען און זיינען געווען אויסגעמישט מיט אַלעמען. זיי האָבען ניט געהאַט מיט קיינעם קיין שום חשבונות און ניט געהאַט קיין שום פערביטערטקייט געגען קיינעם, און אויב זיי האָבען ארום זיך פערשפּרייט השכלה, איז דאָס געטהאָן געוואָרען אויף א רוהיגען אופן.

אַנדערס איז אָבער געווען דער פאַל מיט א. ב. גאָטלאָבער. ער איז קוים אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָהר, ווען ער האָט אָנגעשריבען דעם „דעקטוך" און ער איז ערשט ארויס פון דעם חסיד'ישען קרייז און איז געווען נאָך גאָר פריש אין דער השכלה.

דער שאַרפער איבערגאַנג פון חבד'ער שטיבעל צו די בערלינטשיקעס האָט איהם מעהר געטריבען ווי די אַנדערע צום קאַמפּ מיט די אַלטע מנהגים און דערצו האָט ער נאָך געהאַט פּערזענליכע חשבונות מיט די פאַרשטעהער פון חסידיזמוס. דער זשיטאָמירער

צדיק האט זיך ארייננעמישט אין זיין פאמיליען-לעבען און האט מיט גוואלד אבגעריסען פון איהם זיין יונגע ווייבעל און זיין קינד, וועלכע ער האט ליעב געהאט. דער צדיק האט זיך דערוואוסט, אז דער יונגער גאטלאבער בעשעפטיגט זיך מיט טריף פסול'ען און אז ער איז אראב פון דעם גלייכען דרך, און ער האט גוזר געווען אויף גאטלאבער'ס שווער, אז ער זאל איהם פערטרייבען פון שטוב, און אויף גאטלאבער'ן, אז ער זאל זיין ווייב געבען א גט. דער ווילען פון דעם צדיק איז אויסגעפיהרט געווארען און דאס האט אנגעפילט דאס הארץ פון דעם יונגען משכיל מיט א גרויסער שנאה צו די חסידים און צו די רביים, און ער האט זיך ארייגגע־ווארפען אין קאמפ מיט א גרעסערען ברען, מיט א גרעסערען פייער ווי ער וואלט עס געטהאן אונטער אנדערע אומשטענדען.

מיר האבען שוין געזעהן, ווי אין דער ערשטער מאדערנער אידישער דראמע איז וואלפסזאהן ארויסגעטראטען אלס פערביסע־נער געגנער געגען די פרומע, נאר ער האט זיין גאנצע פערביסענ־קייט אויסגעגאסען אויף א צבוע'אק, ווי ער וואלט דערמיט וועלען ווייזען אז די השכלה קעמפט נאר מיט אזעלכע אידען, געגען וועל־כע ינאי המלך האט געווארענט אבער זי האט גאר ניט געגען אמת'ע פרומע.

גאטלאבער איז אין זיין „דעקטוך" אוועק א סך ווייטער. ער האט אין זיין קאמעדיע ארייגגעשלעפט א רב און א גוטען אידען און געוויזען, אז דער רב איז אן עהרליכער איד נאר א שוטה, און דער גוטער איד איז פשוט א שווינדלער. די גאנצע קאמעדיע איז געבויט אויף דעם נארעשען גלויבען אין לצנים. טייוואלים און גוטע אידען.

פאר גאטלאבער'ן איז געווען ווייניג צו קעמפען מיט א צבוע'אק. ער האט געזוכט צו אטאקירען דעם גאנצען בנין פון חסידיזמוס און ער האט דערפאר אנגענומען די הויפט זיילען און אנגעווענדט זיין גאנצע גבורה איינצואווארפען זיי. ער האט דער־צו געברויכט אלע מיטלען אפילו שאנסאנעטקעס, וועלכע האבען אין יענער צייט קיין שום זין ניט געהאט, ווייל שאנסאנעטקעס זיינען געמיינט צום זינגען, און אין יענער צייט האט א אידישער

דראמאטורג אפילו ניט גע'חלומ'ט צו זעהן זיינע א שטיק געשפיעלט. דאָס העכסטע וואָס א אידישער דראמענשרייבער האָט געקאָנט האָפען איז געווען צו זעהן זיין ווערק געדרוקט.

דער העלד פון דער קאָמעדיע איז ניט קיין קעמפער פאר השכלה, פרעדיגט ניט און פראפאגאנדירט ניט, ווי וואָלפסזאָהן'ס העלד. ער איז א פרעהליכער בחור'ל, א לץ און קלייבט נחת, ווען ער קאָן אָבטהאָן עפּעס א שפּיצעל. ער האָט אין זיך קיין זאך ניט פון דעם קעמפער, די ערשטע שטראהלען פון דער השכלה האָבען ביי איהם נאָר ארויסגערופען א פרייד צום לעבען. ער קלייבט אליין נחת פון זייער שיין און וואָרעמקייט און ער הויבט זיך ניט אָן צו קימערן, וואָס זיינע מיטמענשען זיינען פערשטיקט אין פינסטערע לעכער און קאָנען דערפון קיין הנאה ניט האָבען. און אפילו ווען זיינע מיטמענשען זוכען צוצושטערען זיין גליק צוליעב זייער פינסטערקייט, פאלט איהם אויך ניט איין אריינצוברענגען א שטראהל פון ליכט צו זיי, נאָר ער זוכט שפּאס אין זייערע פינסטערע לעכער.

דער אינהאלט פון דעם „רעקטוף“ אָדער צוויי חופּות אין איין נאכט איז אזא:

יאָסעלע רב חזקל דעם נאמנ'ס זוהן איז פערליעבט אין דער זעכצעהניעהריגער פריידעלען, צלאל דעם רענדארס טאָכטער. נאָר חזקל האָט פאר זיין זוהן אָבגעזוכט אן אנדער כלה, און צלאל האָט פאר זיין טאָכטער געפונען אן אנדער חתן. יאָסעלע'ס כלה איז א בלינדע מיידעל, נאָר זי איז א רב'ס א טאָכטער, און פריידעלעס חתן איז א בעזנאָסע, נאָר דערפאר איז ער א מורה הוראה'ס א זוהן. זייערע חתונות זיינען בעשטימט אויף איינער און דער זעלביגער נאכט.

יאָסעלע ווערט זיך ניט געגען זיינע עלטערן און קעמפט אויך ניט מיט פריידעלעס עלטערן, און ער נעהמט זיך אויך ניט צום הארצען, וואָס מען שטערט איהם חתונה צו האָבען מיט זיין געליעבטער פריידעלען. אין דעם טאָג, ווען די חתונות דארפען זיין, איז ער גאנץ לצנות'דיג אויפגעראַמט און פערברענגט גאנץ פרעהליך מיט זיינע מחותנים, צווישען וועלכע עס איז אויך פאר־

האָז א גוטער איד און וועלכער דערצעהלט נסים ונפלאות, וואָס ער האָט אליין דערוויזען. פארנאכט, ווען די מחותנים שטעלען זיך דאווענען מנחה, גנב'עט יאסעלע צו דעם גוטען אידענס קאפעליוש און ליולקע ציב:ק און דער מחותנת'טעס א רויטע דאמאַשקענע יופע און כאפט זיך ארוים פון שטוב אַנגעטהאָן אין קיטעל און שטריימעל.

פריידעלעס חתן דארף אַנקומען מיט די מחותנים פון אן אנ־דער שטעדטיל. אזוי ווי ער איז א בעזנאָסע, איז בעשלאָסען גע־וואָרען פריהער, אז ער זאָל טראָגען א דעקטוך אויפ'ן פנים, כדי די כלה זאָל נ:ט זעהן ביי דער חופה זיין מום. יאָסעלע האָט שוין פריהער אבגעמאכט מיט עזריאל דעם רענדארס משרת, אז ווען ער וועט ארויספאָהרען בעגעגענען דעם חתן, זאָל ער זיי ארומפיהרען אין וועלדעל פאר'ן שטעדטיל ביז עס וועט טונקעל ווערען.

יאָסעלע טהוט אָן די רויטע יופע און דעם קאפעליוש און לאָזט זיך אוועק די מחותנים אנטקעגען. אין וועלדיל ווארט ער אב א ווייל, ביז ער זעהט, ווי דער חתן איז ארונטער פון וואָגען צו דאווענען מנחה. איידער די מחותנים דערוויי זען ארויסצושטייגען פון וואָגען, בעווייזט זיך יאָסעלע מיט דער לאנגער ליולקע ציביק. ער טהוט א פליעסק מיט די הענד, גיט א פייף און שרייט מיט א משונה'דיג קול:

„אהאַ! מיינע לייט זיינען דאָ! מיין מחותנ'דיל!"
און גיט ווידער א פליעסק און ווידער א פייף.
דער משרת עזריאל דערשרעקט זיך צום טוידט און שרייט אוים:

„געוואלד, א טשאָרט! א שליכמאַץ אין זאָקען! שמע ישראל."
און מיט די ווערטער אנטלויפט ער רייטענדיג.
דער אָרימער בעל העגלה וואָס האָט געפיהרט די מחותנים דערהערט דעם געשריי און לאָזט זיך לויפען מיט די פאסאזשי־רען, און דער חתן בלייבט אליין.

יאָסעלע פיהרט אוועק דעם חתן צו דער בלינדער כלה און לאָזט איהם איבער פאר'ן שטוב, און אליין מיט'ן דעקטוך אוי־

בער'ן פנים איילט ער זיך צו זיין פריידעלען, מיט וועלכער ער געהט צו דער חופה, און דאס זעלבע קומט פאר מיט דעם צווייטען חתן־כלה. דארטען ווערט די חופה מעגליך דורך די נסים פון דעם גוטען אידען.

דער פערפאסער האט זיך געדארפט אומהאן א גרויסען כח צו מאכען די צוויי חופות מעגליך אין איין נאכט. דערצו האבען זיך געפאדערט אזוי פיעל נסים, וואס קאנען זעהר זעלטען פאסי־רען. עס האט זיך געפאדערט, אז איין חתן זאל זיין א בעזנאסע און זאל ניט אנדערס טראגען א דעקטוך איבער'ן פנים; עס האט זיך אויך געפאדערט, אז ווען דער שליכמאץ ווייזט זיך, זאלען די מחותנים אנטלויפען און איבערלאזען דעם חתן אליין; עס האט זיך אויך געפאדערט, אז דער חתן זאל יאסעלען נאכגעהן ווי א קוה נאך א קאלב און טהאן פונקט וואס ער הייסט א הם, און נאך און נאך דאס גלייכען. נאר אין יענע צייטען האט מען זיך וועגען אזעלכע זאכען ניט געקימערט און מען האט קיין גרויסע פאדערונ־גען פון קיין קאמעדיע ניט געקאנט האבען.

די פערזאנען פון דער קאמעדיע זיינען געשילדערט מעהר אדער וועניגער מיט בעזונדערע פנימ'ער. זיי זיינען ניט סתם מענשען, נאר יעדער האט לייכטער אדער בולט'ער זיין אינדיווידואליטעט. עזריאל דעם רענדארס משרת רעדט מיט א גראבען דארפישען לשון, דער מורה הוראה רעדט ווי א תלמודיסט. פריידעלע איז צייטענווייז א סענטימענטאלע מיידעל און צייטענווייז שפרינגט אין איהר ארויס די דארפס מיידעל. יאסעלע איז א פרעהליכער לעבעדיגער בחור'ל.

אין דער קאמעדיע האט גאטלאבער געוויזען, אז ער האט דאס אויג צו בעמערקען וואס ארום איהם טהוט זיך און דעם אויער צו הערען וואס ארום ווערט גערעדט. כמעט אלע זיינע פארשוינען רעדען ניט נאר מיט א מענשליכען לשון, נאר זיי ברויכען די ריכ־טיגע ווערטער, וואס זיי דארפען זאגען. נאר אין דער זעלביגער צייט איז ער שטארק געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער דע־מאלסדיגער סענטימענטאלער ליטעראטור, און דאס רופט זיך אב אויף דער שילדערונג פון זיינע פאזיטיווע פערזאנען.

אזוי זעהען מיר, למשל, אז דעם רענדאר'ס טאָכטער, פריידעלע, זינגט גאָר אין אָנהויב פון דעם ערשטען אקט א נאָכאהמונג נאָך שילער'ס „אן דער קוועלע זאָס דער קנאָבע."

בײ דער קוואל זיצט א אינגעל
פלעכט פון צאצקעס זיך א קרענציל.
ער זעהט זיא שווימען אויפן וואסער
די כוואליעס טאנצען זייער טענצעל.

גאָטלאָבער פערשטעהט, אז פריידעלע איז צו ווייט פון שילער'ן און ער איילט זיך באלד צו בעווארענען אין א מאָנאָלאָג, וואָס ער גיט איהר אריין אין מויל, אז דאָס איז א ליעד וואָס יאסעלע האָט איהר געזונגען.

> פריידעלע. מיט וועלכען חן, מיט וואָס פאר איין געפיהל האָט ער מיר דאָס שיינע לידעל געזונגען, אקעגין אים וועלדיל באם טייכעל. טרערען זיינען א הם אין דיא אויגען געשטאַנען, און מיר זיינען דיא טרערען ניט געשטאַנען אין דיא אויגען. ניין, זיי האָבען זיך ריקעס וויים געגאָסען, און מ טען וואסער האָט עס זיי ווייט אוועקגעטראָגען. און איך האָב געטראכט בײ מיר: אזוי וויא דיא טרערען וועלין זיך שוין ניט אום קעהרען, אזוי קעהרען זיך אויך דיא יאהרען ניט אום. בײ דעם געדאנקען האָב איך אָנגעהויבען צו ציטערען, א דראָסטש איז מיך בעפאלען, און יאסעלע האָט מיך בײ דער האנד געכאפּט און האָט מיר דעם ערשטען קוש געטהאָן. גאָט, ווי האָט מיך דער קוש דורך און דורך גינומען! ניין, גאָט אין הימעל, דוא קענסט אויף אזא קוש ניט בייז זיין. אזוי קושען זיך דיא מלאכים אין הימעל. אזוי קושט דיא זון דיא רויזען און דיא בלומען אין א שיינעם זומער מאָרגען, אז דיא ראָסע ציטערט אויף דיא בלעטלאך, אזוי וויא דיא טרערען האָבען אויף מיינע באקען געציטערט, אזוי האָט אדם הראשון חוה'ן דעם ערשטען קוש געגעבען, אז גאָט אליין,

ניט דער רב, האָט זיי מסדר קידושין געווען. מיין הארץ האָט געפיהלט און פיהלט נאָך, נאָר דאָס מויל מוז שווייגען וויא א שעפּעלע, אז מען שעכט עס.

די דאָזיגע סענטימענטאַלע מיידעל, וואָס רעדט מיט אזא שעהנער מליצה, געפינט גאָר אן אנדער דבור, ווען יאָסעלע קומט אריין און זאָגט איהר, אז זיי וועלען מן הסתם ביידע חתונה האָבען, און פריידעלע מיינט, אז ער וועט חתונה האָבען מיט דער בלינדער כלה.

פריידעלע. וואָס, מיט דער בלינדער קוה, מיט דער יאַסטשערקע, מיט דער מומעס טעכטערל, מיט דעם רב'ס זאָ־בערע, נו, און דוא וועסט געהן צו דער פּאָכערע?

פריידעלע וואָס שילדערט דעם ערשטען קוש און פריידעלע פון דער „זאָכערע מיט דער פּאָכערע" זיינען צוויי גאַנץ בעזונדער־רע מיידלאך, דיא ערשטע איז פון די סענטימענטאַלע ראָמאַנען און די צווייטע איז די, וואָס ער האָט געקאָנט אין לעבען.

עס איז שוין פריהער געווען דערמאָנט, אז גאָטלאָבער האָט בשום אופן ניט געקאָנט האָבען קיין שום האָפנונג אין יענער צייט צו זעהן זיין קאָמעדיע געשפּיעלט אויף א בּהנע, און דאך האָט ער אריינגעשטעלט אין דעם „דעקטוך" ליעדלאך און קופּלעטען, וואָס האָבען קיין שום שייכות ניט מיט דעם שטיק און וואָס מען האָקט אריין אין די היינטיגע פּיעסען מיט דעם איינציגען צוועק צו נעפּעלען ווערען דער גאַלאָרקע.

אויבען איז שוין געווען ערקלערט, אז אין דעם גרויסען קאַמפּלוסט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אן יעדען מיטעל, וואָס האָט נאָר געקאָנט העלפען איהם בייצוקומען די חסידישע רביים און גוטע אידען. עס איז דאריבער גאַנץ פערשטענדליך דאָס ליעדעל, אין וועלכער ער מאַכט חוזק פון רבנים, רביים, מיוחסים. נאָר ניט אזוי ערקלערבאר איז דער פאָלגענדער קופּלעט:

דאָרט פּליעסקעט איינער מיט דיא הענט
און שאָקעלט זיך אהין און אהער:
רייסט זיך אויף דיא גלייכע ווענט
און ריטשעט וויא א בער.

ער בויגט זיך מודים ביז צו דער ערד,
שפּרינגט קדוש ביז צום הימעל,
שלאָפט ביז חצות אויף דער הויליער ערד
און טוט שוין נאָך חצות ניט א דרעמעל.

ער קומט אהיים נאָר פרייטאג צו נאכט
און היינטיגס יאָהר צוויי ברית'ן געמאכט.
ער האָט מקיים געווען זעהר שיין
אף לאמתך תעשה בן.

און אויב אפילו מען זאָל זיך וועלען אנשטרענגען און אויס־פּשט'לען, אז דאָס האָט אויף א שייכות מיט דעם בנין, וואָס ער האָט געוואָלט אומוואַרפען, קאָנען מיר ניט געפינען קיין שום ער־קלערונג אויף אזא מין קופּלעט:

און יענץ ווייבעל דאָרט
שווערט זיך אויף איהר וואָרט
אז זיא האָט ניט אין זינען קיינעם
נאָר איהם אליין, נאָר איינעם.

דער וויץ און דער הומאָר אין דער קאָמעדיע איז א גראבלי־בער. דער בעל העגלה ווען ער דערזעהט דעם שליכמאַץ שרייט אויס: „שמאם ישראל." דער „שמאם" דאַרף כאראקטעריזירען דעם אָנשמייסער, דעם בעל העגלה. ווען דער בדחן בעזעצט דעם חתן און בלייבט שטעהן אויף א רגע ביים וואָרט שמארצען, ווייל ער קאָן אזוי גרינג ניט געפינען קיין גראם, זאָגט איהם יאָסעלע אונטער אזעלכען. וואָס לאָזט זיך ניט דרוקען. דער חתן לעמעל איז

א פּאַנפּאַטש, דער רב איז א זאהיקע. דאָס איז אַלץ א ביליגער קאַמיזם, נאָר דערפאַר איז ער זעהר נאָהענט און פערשטענדליך דעם פּראָסטען פאָלק, און ד׳זס ווייזט, אז גאָטלאָבער האָט מעהר ווי די אנדערע דראַמאַטורגען פאר איהם געהאט א חוש פאר דער פּראַקטישער זייט פון א טהעאטער, א חוש וואָס איז מעהר ווי אַלץ נויטיג געווען צו דערגרייכען יענעם פּראָסטען פּובּליקום, פון וועלכען א סטאַבּילער אידישער טהעאטער האָט געדאַרפט זיין אבּהענגיג. עס איז קיין שום צווייפעל ניט, אז אונטער אנדערע אומשטענדען וואָלט גאָטלאָבער געקענט ווערען דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער. ער האָט געהאט יענע מעלות, וואָס האָבען זיך מיט עטליכע יאהר שפּעטער אזוי בּריליאַנט ארויסגעוויזען אין אברהם גאָלדפאַדען.

די שפּראַך אין דעם „דעקטוף" איז א ריינער אידיש און די פּאָזיטיווע פערזאָנען, ווען אפילו זיי לאָזען זיך אוועק אין מליצה, רעדען אויך דעם זעלביגען ריינעם אידיש.

אברהם בער גאָטלאָבער איז געבּאָרען געוואָרען אין תקע"ח, אין אַלט קאָנסטאַנטין. זיין פאָטער איז דאָרטען געווען חזן און האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין איבּריגער פרומקייט. אברהם בער האָט זיך אין די יונגע יאָהרען אָנגעהערט, ווי דער פאָטער האָט חוזק געמאַכט פון גאָטס סטראַפּציעס און פון צבוע׳קעס און באַלד האָט ער זיך בּעקאַנט מיט א שטאָדטישען משכיל, וועלכער האָט איהם געבּאָרגט עטליכע השכלה ביכער און אויך דערצעהלט די גאַנצע גרו׳סקייט פון משה מענדעלסזאָהן און פון זיין פריינד לעסינג. ער האָט איהם אויך איבּערגעגעבּען דעם אינהאַלט פון „נאַטהאַן דער ווייזע" און ערקלערט איהם, וואָס איז דראַמא און וואָס איז טהעאטער.

ווען עס איז ארויס די גזרה צו נעהמען אידישע רעקרוטען, איז דער יונגער גאָטלאָבער אוועק קיין אויסלאַנד, און אין גאַליציען האָט ער זיך בּעקאַנט מיט די בּעוואוסטע משכילים פון יענער צייט און זיי האָבען אין איהם ערוועקט א נייען גייסט.

עס איז שוין געווען דערמאָנט, ווי דער בּעוואוסטער העבּרעאישער דיכטער אברהם גאָטלאָבער, אז ער

נער צייט נאך גאר אן אנפאנגער, איז אזוי שטארק בעאיינפלוסט געווארען פון „סערקעלע“, וואס דר. עטינגער האט פאר איהם געלייענט, אז ער האט אויך בעשלאסען צו פרובען זיינע כחות אויפ׳ן אידישען דראמאטישען פעלד און האט אנגעשריבען אין 1838 א קאמעדיע אין דריי אקטען אונטער׳ן נאמען : “דאס דעקטוך אדער צוויי חופות אין איין נאכט.“ אלע אזעלכע פיעסען פון בעקאנטע משכילים זיינען ארומגעגאנגען אין כתב יד פון האנד צו האנד. מענשען וואס האבען זיך ניט געפוילט האבען פון זיי געמאכט קאפיעס און מיט די יאהרען זיינען פון די קאפיעס געמאכט געווארען אנדערע קאפיעס און ביים איבערשרייבען האט מען אפט פערגעסען אנצוגעבען דעם נאמען פון דעם פערפאסער. און ווען אין אנהויב פון די זעכציגער יאהרען האט זיך אנגעהויבען צו ווייזען א פאדערונג אויף געדרוקטע דראמען, האט א דרוקער געכאפט וועלכע קאפיע ער האט געקראגען און „דאס דעקטוך אדער צוויי חופות אין איין נאכט“ האט זיך אבגעדרוקט אהן גאטלאבער׳ס נאמען.

אויפ׳ן אידישען דראמאטישען פעלד איז דאס געווען גאטלאבער׳ס איינציגער פערזוך, מעהר קיין אידישע דראמען האט ער ניט געשריבען. שפעטער אין די זעכציגער יאהרען האט ער געשאפען אין העברעאיש זיין אלעגארישע דראמע „תפארת לבני בינה.“

א חוץ עטינגער, אקסענפעלד, גאטלאבער האבען נאך אנדערע געשריבען טהעאטער שטיקער, איידער גאלדפאדען האט געלעגט דעם ווינקעל־שטיין צום בנין פון דעם אידישען טהעאטער. אין די זעכציגער און אין אנהויב זיבעציגער יאהרען פון דעם לעצטען יאהרהונדערט האבען זיך געדרוקט נאך אנדערע אידישע שטיקער. עס ווייזט אוים אז אין יענער צייט האט זיך אויף זיי בעוויזען א פאדערונג. מיר האבען געזעהן אין א פריהערדיגען ארטיקעל ווי שווער עס איז געווען פאר די ערשטע אידישע דראמאטורגען אין רוסלאנד צו דערווייזען, אז זייערע דראמען זאלען געדרוקט ווערען, און צעהנדליגע יאהרען האבען זיי זיך אבגעהאלטען מיט זייערע פיעסען און עס האט זיך ניט געפונען קיין בעלן ארויסצוגעבען זיי. און ווען „סערקעלע“ און דער „ערשטער אידישער רעק

רוט" זיינען ענדליך ארויסגעגעבען געווארען אין סאמע אנהויב פון די זעכציגער יאהרען, האבען זיי זיך אלץ ניט געדרוקט אין רוסלאנד. „סערקעלע" איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1861 אין וואלמאנען, אז ער זאל איהר לאזען דרוקען, און יענער האט שוין דרוקט אין 1862 אין לייפציג. נור ווי עס ווייזט אוים האט זיך דאמאלס געוויעזען א גרויסע פאדערונג אויף א געדרוקטע דראמא־טישע ליטעראטור, ווייל באלד הויבען זיך אן צו ווייזען ניט נאר אריגינעלע נאר אויך בעארבייטע. אזוי האט זיך אין 1866 אבגע־דרוקט „ר' חיימל דער קצין", איין טהעאטער אין 4 אקטען, בע־ארבייטעט נאך ק... און אין 1868 „רחל'ע די זינגערין" איין טהע־אטער אין 4 אקטען, בעארבייטעט נאך ס. און ר. ק.

ביידע שטיקער זיינען איבערגעמאכט פון גוי'אישע נארישע פיעסען און האבען קיין שום ווערטה ניט, קיין דראמאטישען און ניט קיין ליטעראַרישען. דער בעארבייטער איז געווען י. ב. פאל־קאוויטש, און וואס האט איהם געטריבען צו אזא ארבייט, ווען עס איז ניט געווען קיין האפנונג צו שטעלען זיי אויף א ביהנע, איז אונפערשטענדליך.

אין 1874 האט זיך אין ווילנא אבגעדרוקט א שטיק מיט'ן נאמען „די ווייבערשע קניפלאך", איין טהעאטער שפיעל אין 5 אקטען. דער נאמען פון דעם שרייבער איז אנגעגעבען י. מ. וואל־מאן, נאר ווי עס ווייזט זיך ארויס איז דער פערפאסער פון דער דאזיגען שטיק לודוויג לעווינזאן, וועלכער האט איהר געגעבען וואלמאנען, אז ער זאל איהר געבען צום דרוק, און יענער האט שוין פאר איין גאנג ארויפגעשטעלט אויף איהר זיין אייגענעם נאמען.

די „ווייבערשע קניפלאך„ איז א קאמעדיע, וואס רופט ארויס א געזונטען געלעכטער. דער סיוזשעט צייכענט זיך אויס מיט א זעלטענער פשטות און די האנדלונג ענטוויקעלט זיך פון זיך אליין. אלץ וואס דא קומט פאר איז אזוי נאטירליך, לעבעדיג, אהן א שום אנשטרענגונג, אהן נסים. די פאנטאזיע פערשלעפט ניט דער שריי־בער אן א זייט, הגם דער גאנצער יסוד פון דער קאמעדיע איז א שעהנער פייערווערק.

יעקיל איז א חסיד און ער האט מעהר הנאה צו פערברענגען

דעם אבענד מיט אנדערע חסידים אין שטיבעל, ווי אין דער היים מיט'ן ווייב, וועלכע האט א מויל אויף רעדער און א צונג או ף שרויפען. עס איז שוין שפעט ביינאכט און ער איז נאך ניטא. די ווייב ליגט אין בעט, נאר עס הויבט איהר אזוי, אז זי קען זיך ניט איינהאלטען צו לייענען איהם א תוכחה, הגם ער א ז דערביי ניטא. זי רופט איהם מיט די ערגסטע נעמען, און אז די דיענסט דערמאהנט איהר, אז יעקעל איז אין דער היים ניטא, כאפט זי א גוטע פארציע.

איהר תוכחה ווערט נאך שטארקער ווען יעקיל קומט אריין, נאר ער ענטפערט קיין ווארט ניט. ער זיצט ווי א בעגראבענער און האלט אין איין זיפצען. ער עפענט ניט דאס מויל, ווען אפילו די ווייב הייסט דער דיענסט זי זאל איהם געבען זיין וועטשערע. אהא! מסתמא האט ער זיך שוין דער קארטעווניק אנגעפרעסען ביי די קארטען. נאר אז זי זעהט, ווי ער זיצט נאך אלץ מיט אן אראבגע־לאזטען קאפ און האלט אין איין זיפצען, פרעגט זי איהם שוין מיט א געענדערטען קול, וואס מיט איהם איז דערמעהר? און ער פער־טרויט איהר א סוד און זאגט א'הר אן, אז למ"הש און למ"הש זי זאל זיך פאר קיינעם מיט קיין ווארט ניט ארויסכאפען. און דער סוד איז, אז קהל איז אין א גרויסער צרה. מען האט שוין א צייט לאנג ניט געצאהלט קיין צינזען דעם אלטען פריץ און איצט איז געקומען דער יונגער פריץ און פאדערט די גאנצע סומע פאר די אלע יאהרען. און אזוי ווי די שטאדט האט קיין געלד ניט און אלע תושבים זיינען אין א סכנה, איז בעשלאסען געווארען, אז מען זאל אבשאפען דעם חרם פון רבנו גרשם און יעדער תושב זאל נעהמען צו עטליכע ווייבער. אזוי ווי יעדע נייע ווייב וועט געבען א נדן, וועט מען פון דעם געלד אבצאהלען דעם יונגען פריץ.

די ווייב א'ז אן אנגעצונדענע געווארען דערפון און האט איהם אוועקגעגעבען א גאב, און די דיענסט האט בשעת מעשה געמאכט א חשבון פון דעם ביסעל געלד, וואס זי האט אנגעקליבען און אויסגערעכענט, אז זי וועט גאר אין גיכען ווערען דא א בעל הבית'טע אין שטוב.

פאר טאג איז די ווייב אוועקגעלאפען אין בית המדרש אין

עזרת נשים און האט מגלה געווען דעם סוד דער רבי'צין און באלד האט שוין יעדע ווייבעל און יעדע אידענע אין שטעדטעל געוואוסט פון דער צרה, וואס עס קלייבט זיך אויף זיי. מען האט זיך גענומען עצה'ן און מאכען פלענער, ווי אבציאוועהרען דעם גרו סען אונגליק און צום סוף איז בעשלאסען געווארען, אז אלע ווייבער זאלען ארויסשלעפען זייערע קניפלאך און שאפען די נויטיגע סומע צו בע־צאהלען דעם יונגען פריץ, אויף אזא אופן ניט צו דערלאזען, אז די מאנסב ל זאלען אבשאפען דעם חרם פון רבנו גרשם.

— און וואס זאל א שטייגער טהאן אזא איינע ווי איך? האט געפרעגט וויינענדיג א יונגע ווייבעל, וואס האט ערשט ניט לאנג חתונה געהאט. — איך האב נאך קיין צייט ניט געהאט אנצוקלייבען א קניפעל!

— אזעלכע ווי איהר דארפען פילעווען דעם מאן, מאכען פאר איהם אזעלכע פאטראוועס, אז ער זאל פון זיי לעקען די פינגער, נאכגעבען איהם אלץ און ניט מרגז זיין איהם. דעמאלט וועט ער ניט וועלען נעהמען קיין אנדער ווייב.

און כל זמן די קניפלאך האבען געדויערט, האבען די חסידים געלעבט א גוטען טאג.

מיט איהר איינפאכקייט, מיט איהר נאטירליכען דיאלאג, מיט איהר נאהענטקייט צום לעבען, איז די קאמעדיע „ווייבערשע קניפלאך" איינע פון די בעסטע פון דעם אידישען רעפערטואר.

די קאמעדיע „ווייבערשע קנ פלאך" האט אין א קורצער צייט אויסגעהאלטען עטליכע אויסגאבען און אין דער געדרוקטער פארם איז זי זעהרווארעם אויפגענומען געווארען פון דעם לעזענדען פובליקום.

פון די אלע וואס האבען געשריעבען דראמען אין די זעכציגער יאהרען, פערדיענט ספעציעל דערמאנט צו ווערען אונזער זיידע ש. י. אבראמאוויטש. אין 1869 איז ערשיענען זיין „טאקסע". זי איז איינגעטהיילט אין פינף אקטען, און יעדער אקט אין סצענען, נאר דאס איז ניט קיין דראמע. דא איז נאר גענומען די דראמאטישע פארם, אבער דער אינהאלט איז ניט קיין דראמאטישער. דא זיינען פארהאנען מאנאלאגען און דיאלאגען און וויטער גאר ניט. די

שארפע סאטירע וואס שפריצט פון אבראמאוויטשעס פעדער האט זיך געפאסט פאר א קאמעדיע. דער ענין פון דער „טאקסע" איז געווען אזא וואס האט זיך ממש געבעטען פאר סאטירע אדער הומאר. דערפון האט געקאנט ארויסקומען א אידישער „רעוויזאר". אבער ש. י. אבראמאוויטש האט אויפגעפאסט דעם עניין פון זעהר א טראגישען שטאנדפונקט, און דער ענין איז צו וואכעדיג פאר טראגעדיע.

דער אינהאלט פון דער „טאקסע" איז, ווי אזוי בעל־טובות פיהרען א שטאדט פאר דער נאז, שינדען די הויט פון די ארימע מיט דער טאקסע אויף פלייש און ליכט און לעגען דאס געלד צו זיך אין קעשענע. און די פאר שרייער וואס קאנען ניט צוזעהן די גרויסע עולות מוזען אנשווינגען ווערען. איינעם זעצט מען אריין אין תפיסה, און דער צווייטער גיט א מאך מיט דער האנד און פערלאזט די שטאדט.

די געשטאלטען פון די פארשוינען זיינען ניט ארויסגעבראכט בולט. אלע בעלי־טובות, אויסער איינעם, האבען איין פנים, און אלע קבצנים האבען איין פנים. די ערשטע זיינען וועלף, שינדער, און די צווייטע זיינען שאף.

דער גרויסער טאלאנט פון אבראמאוויטשען זעהט זיך לחלוטין ניט אן אין דער „טאקסע", נאר זעלטען, זעלטען גיט א בליץ א פונק, אבער די פונקען זיינען אזוי ווייניג — אז זיי ווייזען זיך כמעט ניט ארויס.

אינטערעסאנטע טיפען האבען געקאנט ארויסקומען ר' אהרן קנעכטבארג און רבי אייזיק זאאיקע. דער ערשטער איז א ניט־געראטענער קאבלעפעל, און דער צווייטער איז אן עהרליכער איד, וואס קאן קיין עולה ניט פערשווייגען. אבער זייערע געשטאלטען זיינען נאר אנגעווארפען און ניט אויסגעארבייט.

די פאזיטיווע פארשוינען פון דער „טאקסע" זיינען שלמה וועקער און גדליה פיקהאלץ. זיי זיינען די פארשוינען וואס די השכלה האט ארויסגעשטעלט צו בעקעמפפען די אלטע ארדנונג אין דעם אידישען תחום און אוועקשטעלען דאס אידישע לעבען אויף נייע געזונטע יסודות. שלמה וועקער איז א דיכטער וועלכער נעהמט זיך אזוי צום הארצען דעם טרויעריגען אידישען גורל, אז

ער צורייסט זיינע שירים, ווייל ווען די אידען זיינען אין א צרה דארף מען קיין שירים ניט זינגען. גדליה פיקהאַלץ איז א רב, דאָס הייסט א קאַזיאָנער רב. זיי ביידע טרעטען ארויס אין קאמפף מיט די אלע וועלף און שינדער, נאָר איידער דער קאמפף דערוואַרעמט זיך, אנטלויפט פיקהאָלץ קיין פעטערבורג און שטודירט אויס דאָקטאָר און מאכט זיך א פיינע קאריערע. שלמה וועקער ענדיגט אויך דערמיט, וואָס ער פערלאָזט די שטאָדט, וואו ער האָט געקעמפפט מיט די בעלי־טובות.

לויט שלמה וועקער ווערט געשילדערט אין דער „טאקסע“, איז ער דער העלד, און הגם ער איז א העלד וואָס אנטלויפט פון שלאַכטפעלד, דארף דאָס איהם צו קיין גנאי ניט גערעכענט ווערען. ער אנטלויפט ניט דערפאר, וואָס ער האָט מורא, נאָר דערפאר וואָס ער זעהט איין, אז זיין קאמפף איז אן אומזיסטער. אלע יענע פאר וועמען ער אָפּפערט זיינע כחות, זיין ענערגיע, זיינע בעסטע יאָהרען, זיינען גרייט די ערשטע אויף איהם צו ווארפען מיט שטיינער.

דאָס איז דער גרימצאָרן פון דעם משכיל, וועלכער איז געקומען מיט א ברייטען הארצען, מיט גוטע מחשבות, מיט א ווארעמען וואונש צו העלפען זיינע פינסטערע אָרימע ברידער און יענע, אנשטאט א דאנק, האָבען זיך געשטעלט קוממיות. שפּעטער אין דער „קליאטשע“ האָט זיך ביי אבראמאָוויטש'ען געעפענט א סך א וויי־טערער בליק און ער האָט פיעל טיעפער אריינגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אידישער מאסע.

די העלדישקייט פון שלמה וועקער איז געווען דער אמת'ער אויסדרוק פון דער השכלה אין יענער צייט, נאָר אבראמאָוויטש האָט זיך אפילו דאמאָלט אויפגעהויבען א סך העכער פון זיינע חברים די משכילים, ווייל אויב עמיצער איז דאָרטען העלדיש, איז דאָס זיכער קיין אנדערער, ווי דער פרומער איד, ר' אייזיק זאאיקע. עס איז אמת, אז זיין קאמפף איז א גראָשענער, ער פיהרט א מלחמה מיט די שטאָדט בעלי־טובות, וואָס האָבען די טאקסע און מיט'ן רב, וואָס פסק'עט דינים לויט דעם וואונש פון די דאָזיגע בעלי טובות, און דער קאמפף איז פאר גאלגאנסקע היהנער. די בעלי־טובות

זיינען געגען גאלגאנסקע היהנער, און דער רב האט זיך געמאטערט ארויסצו־פלפול'ען, אז גאלגאנסקע עופות זיינען פון דעם מין אד־לער און דעריבער טרפה, און אייזיק זאאיקע האט פערזעצט זיין שבת'דיגען בגד און איז אביסעל געפאהרען און אביסעל געגאנגען צופוס, ביז ער האט דערקראכען נאך לעמבערג און געקראגען דעם „מפרשי הים" און דארטען שווארץ אויף וויים געפונען, אז גאל־גאנסקע היהנער זיינען כשר'ע עופות. און ווען די בעלי טובות קא־נען לעננער פון איהם נים אויסהאלטען און מען פאקט איהם אריין אין תפיסה און מען באט איהם אן געלד, ער זאל האלטען זיין מויל פערמאכט, שיקט ער דורך זיין ווייב זאגען זיי:

„אייזיק גערישט אייך פון אסטראג! אייזיק דאנקט אייך פאר אייער ברויט און זאלץ! אייזיק וויל זיך נים פערקויפען! אייזיק וויל שטארבען מיט דעם אמת! אייזיק וויל זיין די כפרה פאר די אונגליקליכע נעבאך און קומען אויף יענער וועלט ריין! אייזיק וועט דארטען זוכען א סוד, א ספראווע, אויב עס וועט איהם נים געראטען צו געפינען עס אויף דער וועלט"...

אייזיק האט שטארקע איבערצייגונגען און ער איז גרייט מקריב צו זיין זיין לעבען פאר זיי, און דערין בעשטעהט די אמת'ע העלדישקייט.

וועגען אבראמאוויטש'עס שפראך פערשפארט מען צו רעדען: אין דער „טאקסע" ווערט געברויכט די זעלביגע שפראך ווי אין זיינע אנדערע ווערק. שלמה וועקער און גדליה פיקהאלץ רעדען דעם אמת'ן אידישען אידיש.

עס איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז אבראמאוויטש רופט נים די „טאקסע" דראמע, אדער שוישפיעל, אדער טהעאטער שפיעל. ער רעדט וועגען דער „טאקסע" — ווי וועגען אן אמת'ע „מעשה", וואס איז פערלאפען אין גלופסק.

שפעטער האט אבראמאוויטש געשאפען אן אנדער דראמע, נאר וועגען דעם וועלען מיר רעדען ווען מיר וועלען קומען צו גאלד־פאדען'ס עפאכע.

מיר זעהען אויף אזא אופן, אז א דראמאטישע ליטעראטור איז שוין געווען, איידער גאָלדפאדען האָט געעפענט א טהעאטער, און ווען גאָלדפאדען האָט זיך בעוויזען, איז שוין געווען פארטיג א גאנצער אידישער רעפערטואר.

זיבעטער קאפיטעל.

די ערשטע טהעאטער פארשטעלונגען.

מען דארף אבער ניט מיינען, אז ביי אלע משכילים אין רוס־לאנד זיינען טהעאטער פארשטעלונגען אין אידיש געווען כשר וישר. די גע'ירש'עטע שנאה צו אידיש איז געבליעבען ביי א גע־וויסען טהייל משכילים, איבערהויפט אזעלכע, וואס האבען געהאט קאזיאנע שטעלען, און ווי ווייט עס איז געווען אין זייער קראפט האבען זיי געשטערט די אויפפיהרונג פון אידישע פיעסען.

אין די דרייסיגסטע יאהרען האט מען זיך שטארק משתדל געווען אין ווארשא צו קריגען אן ערלויבניס אויף געבען אידישע פארשטעלונגען. עס ווערט ניט דערמאנט, וואס פאר א מין פיע־סען מען האט געוואלט אויפפיהרען, און מיר וויסען ניט צו דאס האט געזאלט זיין א פארטזעצונג פון די אלטע פורים שפיעלס אדער דער ערשטער פערזוך צו שפיעלען די מאדערנע אידישע פיעסען, וואס זיינען דעמאלט ארומגעגאנגען פון האנד אין האנד. אלץ וואס מיר וויסען וועגען דעם איז, אז אין 1837 איז די שתדלנות געווען צו געבען א סצעניש שוישפיעל אין דער אידיש־דייטשער שפראך אויף פורים, און אין דריי יאהר ארום האט זיך א געוויסער דוד העלין משתדל געווען צו געבען פופצעהן פארשטעלונגען אין אי־דיש. נארביידע מאל איז דערפון גאר ניט געווארען צוליעב א מסירה פון דעם ווארשעווער דאזאר בוזשניטשי. ווען ניט די דאזי־גע מסירות וואלט מען דערפון גאר ניט געוואוסט, נאר זיי זיינען געבליבען אין ארכיוו און ווייזען מיט וואס פאר אן עקשנות ביידע צדדים האבען געקעמפפט. צוליעב זייער היסטארישען ווערטה גי־בען מיר דא איבער די מסירה און דעם ענטפער.

דער דאזאר צום ווארשעווער פאליציימייסטער, 8טען מערץ, 1837.

„צום דאזאר איז צוגעגאנגען א ידיעה, אז עטליכע אידען זיי־נען זיך משתדל, מען זאל זיי ערלויבען דעם קומעדיגען פורים פאר־צושטעלען א סצעניש שוישפיעל אין דער איד־ש־דייטשער שפראך. דער אנגעזעהענער רב און א סך אנדערע מיטגליעדער פון דער הי־זיגער קהלה האבען זיך געווענדעט מכח דעם צום דאזאר בוזשני־טשי, און דער לעצטער האט די עהרע צו בעטען דעם געשעצטען גענעראל, ער זאל זיך רעבענען דערמיט, דאס אזא פארשטעלונג ניט נור וואס זי האט ניט קיין שום מאראלישען איינפלוס אויף די געמיטער פון די צושויער, נאר, פערקעהרט, זי איז אן אונאנ־שטענדיגע אבשפעטעניס, וואס פיהרט צו דעמאראליזאציע, און דאס איז לויט די רעליגיעזע דינים שטרענג פערבאטען — און זאל בעווילינען ניט צו דערלאזען אזעלכע פארשטעלונגען זאלען פאר־קומען, ווי אויך אזוי גוט זיין, אויב עס וועט נויטיג זיין פארצו־שטעלען וואו מען דארף, אז אויך אן אנדער מאכט זאל ניט ארויס־געבען דערויף קיין ערלויבניס.

מיטגליעדער פון דאזאר,

א. פאפראצקי.“

אין דער מסירה ווערט אנגעגעבען, אז עטליכע אידען האבען געזוכט צו קריגען די ערלויבניס צו געבען א אידישע פארשטעלונג און צי זי האט געווירקט ווערט ניט דערצעהלט.

אין 1839 האט דער ווארשעווער דאזאר ארייננגעגעבען א צוויי־טע מסירה צום וויצע־פרעזידענט, און זי פאלט ווידער אויס אין חודש מערץ, דאס הייסט פאר פורים.

נאר די שתדלנות צו געבען אידישע פארשטעלונגען הערט ניט אויף, וויל א ן א יאהר ארום הערט מען ווידער וועגען דעם, און דאס מאל פון דעם אבערפאליצמייסטער.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז די רעגירונג זעהט ניט קיין שום טרפות אין אידיש, און ווען דער דאזאר זאל ניט אויסברע־כען געגען אזעלכע פארשטעלונגען, איז פון איהר זייט קיין שום מניעה ניטא.

ע נ ט פ ע ר פ ו ן אַ ב ע ר פּ אָ ל י צ מ י י ס ט ע ר.

וואַרשאווער אָבערפּאָליצמייסטער צום דאַזאָר בוזשניטשי,
12טען אפּריל, 1840.

„אלס ענטפער אויף דער פאַרלעגונג פון דאַזאַר בוזשניטשי פון 10טען (22) פון דיזען מאָנאַט, לויט נומער 155, גיט צו וויסען: היות די מיינונג פון דעם דאַזיגען דאַזאַר, וואָס ער האָט אויפגעשריעבען אויף דער ביטע פון איד דוד העלין, וועלכע יענער האָט דערלאַנגט דעם 13טען (25טען) פעברואר פון דיעזען יאָהר וועגען אַן ערלויבנים צו געבען 15 דראַמאַטישע פאַרשטעלונגען אין דער אידישער שפּראַך, איז געוועזן ניט גינסטיג, ווייל דער דאַזיגער דאַזאַר האָט אָנגעשריעבען, אַז די שפּיעל, וואָס ווערט געגעבען אין דער א ו מ ר י י נ ע ר שפּראַך, מאַכט ניט קיין מאָראַלישען איינדרוק אויף'ן געמיט פון די צוהערער, נאַר, פערקעהרט, ווערט אַן אונאַנשטענדיג געשפּאַט וואָס פיהרט צו דעמאָראַליזאַציע. דאַריבער האָט דער הויכגעבאָרענער ה' גענעראַל אַדיוטאַנט שיפּאָוו, וואָס דערפילט די פליכטען פון מיליטערישען גוּבערנאַטאָר פון דער שטאָדט וואַרשע, פאַרשטעלענדיג דעם דאַזיגען אומשטאַנד זיין דורכלויכט, דעם פירסט פעלדמאַרשאַל, אין נאָמען פון זיין פירסטליכער מאַכט בעפוילען צו וויסען צו געבען דעם איד דוד העלין, דורך דער קאַנצעלאַריע פון דער וואַרשעווער פּאָליציי, אַז אויב אַזעלכע פאַרשטעלונגען קאָנען, ווירקליך, אַרויסרופען עפּעס אַן אונצופרידענהייט ביים דאַזאַר בוזשניטשי, אָדער זיינען געגען דער אידישער רעליגיע, איז בעסער אָבצוזאָגען העלינ'ס ביטע, ביז ער וועט ניט אויס'פּועל'ן אַן ערלויבנים ביי דעם דאַזיגען דאַזאַר.“

די דאַזיגע צוויי דאָקומענטען זיינען ערשיענען אין דעם פּוילישען פיערטעל-יעהריגען זשורנאַל „קוואַרטאַלניק“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון אידען אין וואַרשאַ. דער רעדאַקטאָר פון דעם דאַזיגען זשורנאַל מאַכט דערצו אַזאַ פּירוש:

„פון דער דאַזיגער קאָרעספּאָנדענץ וואָלט מען געקענט דריננען, אַז דאָ איז נעגאַנגען אויסשליסליך וועגען דער טראַדיציע און וועגען דער אידישער רעליגיע. פון אַנדערע קוועלען איז אָבער בעוואוסט, אַז אין וואַרשאַ, אין עטליכע פּריוואַטע הייזער, וואָס האָבען בעלאַנגט צו דער אידישער אינטעליגענץ, זיינען דעמאָלט

פארגעקומען פארשטעלונגען אויף ריין לשון קודש און צווישען די צושויער זיינען אויך געווען מיטגליעדער פון דאזאר.

עס איז זיך אויך צו חדוש'ען, אז מיט'ן פראטעסט איז ארויס־געטראטען דער מיטגליעד פון דאזאר, אברהם פאפראצקי, א לעה־רער פון דער ראבינער שול*), א מענש א ליטיגער, א געבילדע־טער. זיין שווער איז געווען אנטאן אייזענבוים, דער דירעקטאר פון דער זעלביגער שול. דא האבען געמוזט זיין אנדערע טיע־פערע מאטיווען אויסער ריין רעליגיעזע."

קיין טיפע סודות שטעקען דערין געוויס ניט, און עס דארף ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אז פאפראצקי האט זיך ניט גע־רעכענט מיט'ן אלטען איסר פון די חכמים אויפ'ן טהעאטער, און אין זיין מסירה האט ער עס אפילו ניט דערמאנט. דער שם פון דער ווארשעווער ראבינער שול צו יענער צייט איז ניט געווען אזא, אז א לעהרער פון דארטען זאל אנגעבען אזא מאטיוו. ער האט גאר ניט געהאט געגען פארשטעלונגען אין העברעאיש און ער האט גע־קעמפפט געגען אידישע פארשטעלונגען, ווייל ער פערזענליך האט געקאנט האבען א שנאה צו אידיש א־לא־דייטשער משכיל. אויב ער האט אנגעגעבען אין זיין מסירה א רעליגיעזען מאטיוו, איז דאס נאר געווען דערפאר כדי ארויסצוקריגען דעם פערבאט פון נאטשאלסטווא.

אבער ניט קוקענדיג וואס געוויסע משכילים מיט קאזיאנע שטעלען האבען זיך מיט אזא שנאה פערטראגען צו אידישע פאר־שטעלונגען, איז די גאנצע זריעה פון אידישען טהעאטער דוקא

---

*) די ראבינער שול, וואס ווערט דא דערמאהנט, איז ניט די בע־קאנטע זשיטאמירער און ווילנער. די דאזיגע ראבינער שול איז גע־גרינדעט געווארען מיט פיעלע יאהרען פריהער, ווי די אנדערע צוויי, אין ווארשוי און האט ארויסגעגעבען א היבשע צאהל משומדים. איי־נער פון די לעהרער אין דער דאזיגער שול איז געווען א. בוכנער, דער פערפאסער פון דעם ווערק „די ניכטיגקייט דעם טאלמודס." א צווייטער לעהרער איז געווען יעקב צענטנערשווער, א בעוואוסטער פריידענקער אין רעליגיעזע פראגען.

אויסגעוואקסען און צייטיג געוואָרען אין דעם סאמע אנשטאלט, וואו די דאָזיגע משכילים האָבען געהאט די דעה. איך מיין דערמיט די ראבינער שול.

דער צוועק פון דער ראבינער שול איז געווען צו ערציהען א נייעם דור רבנים, וואָס זאָלען ניט נאָר קענען פסק'ענען שאלות, נאָר אויך האָבען א וועלטליכע בילדונג. זיי האָבען ניט נאָר גע־דארפט זיין בעהאוועגט אין תלמוד, נאָר אויך האָבען א סיסטעמאַ־טישע אונטערריכטונג אין וועלטליכע חכמות. פון דער ראבינער שול האָבען זיי זיך געדארפט צוריקקעהרען אין אלע תפוצות ישראל אין אז איצטלא דרבנן מיט א סמיכה אין איין האנד און מיט א דיפּלאָם פון א מיטעל־שול און מיט א פּאַקעל פון בילדונג איז דער צווייטער און זעהן פערשפּרייטען ליכט אין דער גהעטא. אלס רבנים, אלס גייסטיגע פּאסטוכער האָבען זיי געדארפט האָבען אויפ'ן פּאָלק די גוטע ווירקונג, וואָס מען האָט פון זיי ערוואַרט.

עס פערשטעהט זיך, אז אלס אזעלכע האָבען זיי קיין שייכות ניט געקאָנט האָבען מיט טהעאטראַלע פאָרשטעלונגען. אפילו גע־בילדעטע רבנים האָבען ניט געקאָנט זיין די פּיאָנערען אויף א פעלד פון קונסט, וואָס איז שטארק פערבאָטען פון דער אידישער אמונה. נאָר אויב דער צוועק פון דער ראבינער שול איז געווען צו שאפען א נייען דור רבנים, איז אבער דער צוועק פון די מייסטע צוקינפטיגע רבנים ניט געווען צוריקצוקעהרען זיך אין דער גהע־טאָ און סקראַבען דעם שימעל, וואָס איז אָנגעוואַקסען אויף די אל־טע אידישע ספרים, נאָר צו אנטלויפען פון דער גהעטאָ אזוי ווייט ווי מעגליך און ניט אָנצורירען אן אלטען אידישען ספר אפילו מיט א הענדשקע.

די ראבינער שול האָט געדיענט אלס א זאמעל פּלאַץ, וואו אלץ וואָס האָט געטרוימט, געשווערמט, פאַנטאַזירט, געהאָפט, געזוכט, געפאָרשט איז זיך צוזאַמענגעקומען. פון אלע ווינקעלאך פון דער גהעטאָ, וואו נאָר א פונק פון דער השכלה איז ארייגעפאלען, איז מען געלאָפען אהין. פערשיידען זיינען געווען די טרוימען, די פּלענער פון די השכלה־זוכער, נאָר די גאנצע אטמאָספער פון דער ראבינער שול איז געווען מסוגל פאר דער ענטוויקלונג פון טהעאטער

קונסט. א גרויסער טהייל פון די צוקינפטיגע רבנים, וועלכע האבען אפילו אין זינען ניט געהאט צו סקראבען דעם שימעל פון די אלטע אידישע ספרים, זיינען געווען קאמפפס־לוסטיג, און טהאטער פאר־שטעלונגען זיינען געווען דער בעסטער מיטעל פאר דעם השכלה־קאמפף. און נאך א גרעסערען רייץ האט דראמע געהאט שוין דערפאר אליין, וואס די אלטע אידישקייט האט איהר ניט גערול־דעט. און דער עיקר איז, וואס די שאפונג פון א אידישע דראמע איז געווען א פאזיטיווע ארבייט. די קרעפטען וואס האבען גע־זוכט אויפצוטהאן עפעס פאר'ן אידישען פאלק, האבען אין דער פראגע געפונען א גרויסע דאנקבארע פעלד.

אין א פריהערדיגען קאפיטעל איז דערמאנט געווען די בע־שרייבונג פון דעם בעוואוסטען העברעאישען שרייבער און קריטי־קער פאפערנא, אז די תלמידים פון ראבינער שול האבען אין 1862 געגעבען א פארשטעלונג פון „סערקעלע“, און גאלדפאדען האט דארטען געשפיעלט די הויפט ראלע. פאפערנא רופט עס דער ערש־טער אידישער ספעקטאקעל און מאכט אויפמערקזאם, אז דאס האט גאלדפאדען געגעבען דעם ערשטען שטוים צום אידישען טהעאטער.

עס איז ניט אין גאנצען ריכטיג, אז די פארשטעלונג פון „סער־קעלע“ אין זשיטאמיר אין 1862 איז געווען דער ערשטער אידישער ספעקטאקעל. פאפערנא איז אין ראבינער שול אנגעקומען אין 1862 און אין יענעם יאהר האבען די תלמידים פון ראבינער שול אויפגעפיהרט „סערקעלע“. ווי עס ווייזט אויס, איז איהם ניט בעקאנט, וואס עס האט זיך פריהער געטהאן אין דער ראבינער שול. די שייכות פון דער דאזיגער שול מיט'ן גרינדונג פון א אידישען טהעאטער האט זיך אנגעהויבען א סך פריהער.

אין די פופציגער יאהרען האבען צוויי תלמידים פון דער ראַ־בינער שול צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון זייערע חברים. אין די למודים פון שול האבען זיי זיך ביידע ווענינ אויס־געצייכענט, נאר ביידע האבען זיך אבגעגעבען מיט איין צווייג פון ליטעראַרישער טהעטיגקייט, וואס איז גאר ניט געגאנגען צו זייער בערוף אלס לעהרער און רבנים.

איינער פון די צוויי, א—, איז געווען א הויכער מיט א פער־

וואקסענעם שטערען, אויסגעבויגענער נאָז, וואָס איז געווען געדיכט בעוואקסען מיט האָהר, וועלכע האָבען געמאכט זעהר אַן אונאַנגע־נעהמען איינדרוק. זיינע הענד זיינען געווען ברייטע און די קלע־נערע תלמידים האָבען אָפט פון זיי געליטען. זיינע אויגען נע־בעלדיגע, בלאַנדזשענדע, ווי זיי וואָלטען אייביג עפּעס געזוכט. די תלמידים פון שול האָבען וועגען איהם געזאָגט, אַז ער געהט ארום אין עולם התהו. ער איז שטענדיג געווען פערטראַכט און ווען עמיצער האָט מיט איהם געוואָלט ריידען, האָט ער איהם אָנ־געכאַפּט פאַרביידע הענד און גענומען טרייסלען. ערשט דאַן איז ער געקומען צו זיך און האָט אויסגעשריען: „הא! הא!“ נאָך דעם אויסגעשריי האָט מען שוין מיט איהם געקאָנט אָנהויבען צו רעדען. אין שול האָט מען איהם גערופען דולקאָפּ. אויסגעצייכענט האָט ער זיך מיט א האָס צו ליטוואקעס. א ליטוואק האָט ביי איהם געהייסען דאָס זעלבע וואָס זשוליק.

און או ב אויפ׳ן וואָהר איז שווער געווען צו ברענגען איהם צו זיך, איז נאָך שווערער געווען אויפצואוועקען איהם פון שלאָף. איינ־מאָל האָבען די חברים געמאכט מיט איהם אזא מין ספּעקטאַקעל. ווען ער איז איינגעשלאָפען, האָבען די חברים אָנגעקלעבט וועק־סענע ליכט ארום זיין בעט און איהם אליין איינגעדעקט מיט א ווייסען לייליך, און איינער פון די חברים האָט אָנגעטהאָן א קי־טעל, גענומען אין האַנד א ליכט, די איבריגע האָבען אויך גענומען ליכט אין די הענד און עס האָט זיך אָנגעהויבען די לויה. דער ערשטער האָט געזונגען אל מלא רחמים און דער כאָר האָט איהם געהאָלפען. דאָס בעטעל האָט מען ארויסגעטראָגען פון דעם שלאָף־צימער אין גרויסען זאַל. די פּראָצעסיאָן און דער גאַנצער גערויש האָבען אויפ׳ן שלאָפענדען קיין ווירקונג נ׳ט געמאכט און ער האָט :עכראָפּעט די גאַנצע צייט. דאַן האָט איינער געבראַכט א גלאָז קאַלטע וואסער און האָט אויף איהם אויסגעגאָסען. פון דעם קאַל־טען וואסער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און מיט מוטנע אויגען גענומען קוקען ארום זיך. ער האָט דערזעהן, אַז דאָס איז א לויה און האָט גענומען שרייען: „הא! הא!“ אָנפאַנגס איז ער געווען צומישט, נאָר ווען ער האָט דערזעהן,

ווי מען לעשט אוים די ליכט און דערהערט א גלעלעכטער, האט ער פערשטאנען, וואס דא איז פארגעקומען און האט זיך גענומען שטארק זידלען.

ער האט געהאט א חבר ב. און יענער איז געווען א נידריגער, מיט א שפיציגען קאפ. דער חבר האט זיך אויסגעצייכענט מיט אן אונבעוועגליכקייט. ער האט געהאט א לאנגע און דיקע נאז, וואס האט ערטערווייז געבליהט. זיינע קליינע אויגען זיינען געווען אזוי אונבעוועגליך, ווי ער אליין. איהם האט ניט אנגעהויבען צו הא־רען, ווי די אנדערע תלמידים קוקען אויף איהם. אין קענטנים איז ער געשטאנען אויף איין שטופע, ווי זיין חבר, נאר ער איז ניט געווען אזוי אריגינעל, ווי יענער. ער האט זיך וועניג געקימערט וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. די איינציגע זאך וואס איהם האט אינטערעסירט און וואס ער האט הויך געשעצט איז געווען דראמע, און דאס האט איהם ענג פערבונדען מיט א. ער האט אין שול געהאט א ברודער, נאר מיט איהם האט ער וועניגער פערקעהרט, ווי מיט א. די אכילה האט ביי איהם פערנומען זעהר א גרויסען פלאץ און צוליעב דעם איז ער געווען פריינדליך מיט'ן בופעטשיק, מיט'ן עקאנאמס טאכטער, מיט דער אידענע וואס האט צוגעשטעלט מילך אין שול און מיט די קליינע תלמידים, וואס פלע־גען קריגען פון דער היים צוגעשיקט גוטע זאכען. אין שול האט ער זיך ניט געקאנט אויסצייכענען און ער האט דאריבער געזוכט אן אנדער פעלד פאר רוהם.

ביידענס ספעציאליטעט איז געווען די ביהנע. מען האט זיי דאריבער גערופען דראמאטורגען. ווען אלע תלמידים פלעגען שוין לאנג שלאפען, האבען זיי נאך געארבייט. צייטענווייז פלעגט מען הערען, ווי זיי האבען געזונגען מעלאדיען פון פערשיידענע אפערעס, דאס רוב פון „נארמא". איינער פלעגט פאר'ן צווייטען לייענען עפעס פון א מאנוסקריפט, נאר דאס איז אלץ געטהאן געווארען בסוד סודות. די אנדערע תלמידים האבען זיך בשום אופן ניט געקאנט אנשטויסען וואס זיי לייענען און וואס זיי טהוען. מען האט זיך נאר אנגעשטויסען, אז זיי קלייבען זיך צו טהאן עפעס אן אונגעוואוינליכע זאך, עפעס אן אונגעהערטע אונטערנעהמונג.

אלע האבען פערשטאנען, אז דאס וועט ניט זיין קיין חקירה אין תלמוד און אויך ניט קיין פארשונג אין דער אידישער געשיכטע, נאר עפּעס א וועלטליכע זאך. די נייגיערדע ביי די אנדערע תלמידים איז געוואקסען און אז מען האט ניט געקאנט אויסגע־פינען אויף א גלייכען וועג האט מען זיך גענומען אויף א קרומען. מען האט זיך פערקליבען צו זייער שאפע, האט מען דארטען אויפ'ן ערשטען פלאץ געפונען ווירגיל'ס ענעאידא, איבערזעצט אין מא־לאראסיש, שילערס דראמאטישע ווערק און געטהעס און דאס גלייכען, ווי אויך מאנוסקריפּטען אין א י ד יש און מאלאראסיש, פערשיידענע ליעדער און דאס גלייכען. עס איז געווארען קלאר פאר אלעמען, אז מען גרייט זיך אויפפיהרען עפּעס פאר דער ביהנע. די פראגע איז נאר געווען, ווי אזוי וועלען דאס צוקינפטיגע רבנים און מוסר זאגער ארויפטרעטען אויף א ביהנע. מען האט פון די דאזיגע צוויי אנטרעפּעניארען געלאכט, מען האט זיי גע־רופען שמעון און לוי, ברידער פון איין פּראפעסיאן. עס האט זיך אויך פערענטפערט די פראגע, צו וואס האט אזא דרעה־קאפּ, ווי ב—צוזאמענגעבונדען זיך מיט אזא פערשלאפענע נשמה ווי א—. דער לעצטער איז געווען א מוזיקער און האט געקאנט מאלאראסיש.

לאנג האבען דאך די צוויי ניט בעהאלטען זייער סוד. איינמאל אין קאניקעל צייט האבען זיך ביידע אוועקגעלאזט קיין בערדי־טשעוו, וואו עס זיינען געווען א סך תלמידים פון ראבינער שול, גרויסע און קליינע. דארטען האבען זיי אין דער גיך צוזאמגעשטעלט א טרופּע פון חברים. עס פערשטעהט זיך, אז קיין פרויען האבען זיך דערין ניט בעטהייליגט. די שעהנערע תלמידים האבען זיך אונטערגענומען צו שפּיעלען פרויען ראלען. כדי עס זאל ניט זיין קיין מניעה צו קריגען אן ערלויבנים אויף די פארשטעלונגען, האט מען בעשלאסען צו געבען א גאנצע רייהע ספּעקטאקלען און די הכנסה זאל געהן אויף די פערוואונדעטע סאלדאטען אין סעוואס־טאפּאל. די סעוואסטאפּאלער מלחמה האט זיך ערשט דעמאלט צופלאקערט. אין בערדיטשעוו זיינען דעמאלט געווען א סך חיל, און די גענעראלען האבען זיך אנגעכאפּט אן דער אידעע, זיי האבען גענומען דעם שטאדטישען טהעאטער און איבערגעגעבען איהם

די צוקינפטיגע רבנים. אין יענער צייט האט מען אין דעם זויד וועסטערנעם ראיאן, וואו נאר עס איז געווען א טהעאטער, גע־שפיעלט אויסשליסליך פוילישע פיעסען, וועלכע די רוסישע האבען ניט בעזוכט. די אונטערנעהמונג פון די צוקינפטיגע רבנים האט דאריבער געמאכט א גרויסען רושם, ווען מודעות זיינען ארויסגע־לאזט געווארען, אז מען וועט שטעלען רוסישע, מאלאראסישע און אידישע פיעסען. די ערשטע פיעסע איז געווען א אידישע, אויפ־געפיהרט אין אידיש. די טעמא איז געווען פון אידישען קהל, נאר וואס די האנדלונג איז געווען ווערט ניט אנגעגעבען. די פיעסע ווערט נאר פערצייכענט אלס א מעלאדראמע מיט ליעדער. אלס פערפאסער זיינען אנגעגעבען געווארען די נעמען פון ביידע דראַ־מאטורגען, א. און ב. די ראלע פון ראש הקהל האט געשפיעלט ב. און ער האט דערביי ארויסגעוויזען טאלאנט פאר דער ביהנע. דער ראבינער וואס האט געשפיעלט די פרויען ראלע האט פשוט אויסגע־לעגט דאס טהעאטער. דאס פובליקום איז בעשטאנען פון אפיציע־רען, סאלדאטען און אידען.

די אפיציערען האבען שטארק געליבט די בראווע צוקינפ־טיגע ראבינער פאר דעם מוטה ארויסצושטעלען אפען די מעשים תעתועים פון קהל. נאר די אידען האבען דערפון ווייניג נחת גע־האט.

אין יענער צייט האט נאך דער בעוואוסטער בערדיטשעווער האלפערין געהאט א גרויסע מאכט. ער האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען ניט צו דערלאזען די דאזיגע פארשטעלונגען. ער איז ארויס פון דעם רעליגיעזען שטאנדפונקט, אז די צוקינפטיגע רבנים, וואס װעלען דארפען דאס פאלק לערנען אידישע דינים, טרעטען איבער בפרהסיא א בפירוש'ען איסר פון דער תורה, וואו עס ווערט פערבאטען א מאנסביל צו טראגען ווייבערשע קליידער.

די שטאדט איז געגאנגען כאדאראם. אומעדום האט מען נאר גערעדט וועגען די דאזיגע פארשטעלונגען.

ניט קוקענדיג, וואס האלפערין האט פראטעסטירט, האבען די אפיציערען געפאדערט, מען זאל ווידער אויפפיהרען די זעלביגע אידישע פיעסע. וועלכע איז זיי שטארק געפעלען געווארען. הגם

זיי האָבען קיין אידיש ניט פערשטאַנען האָבען זיי אבער גוט פער־שטאַנען די האנדלונג. דערביי האָבען די תלמידים גוט פאַרגע־שטעלט בעקאנטע לאָקאלע טיפּען, וועלכע זיינען געווען ניט פרעמד די אַפּיצערען אין לעבען.

דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די אידען. זיי האָבען דע־רין געזעהן א חוזק־מאכעריי פון אידען. און ווער טרייבט דעם שפּאס? זייערע אייגענע ברידער! און מיט מעהר אייפער האָ־בען זיי געזוכט צו שטערען די דאָזיגע פאָרשטעלונגען.

דער קאמפף איז אָנגעפיהרט געוואָרען ביים גאראדניטשי, וועלכער האָט דאָס געדאָרפט געבען די ערלויבנים. ביידע צדדים האָבען געקעמפפט מיט אלע כחות, די אידישע פאָרשטע־הער — אז מען זאָל קיין אידישע פאָרשטעלונגען ניט געבען, און רוסישע אָפיצערען — אז מען זאָל שטעלען אידישע פיעסען. און דער סוף איז געווען, אז געזיעגט האָבען די אָפיצע־רען: דער פּאטריאָטישער מאָטיוו פון די פאָרשטעלונגען האָט פערשלאָגען אלץ.

די פּיעסען זיינען ניט געווען צענזורירט, ווייל זיי זיינען נאָר ניט לאנג צוריק פערפאסט געוואָרען, נאָר די אידען האָבען וועגען דעם ניט געוואוסט.

די אידישע פּיעסע איז געשטעלט געוואָרען עטליכע מאָל און יעדעס מאל איז זי אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג. נאָכדעם האָט מען געשטעלט א מאַלאָראסישע פּיעסע און נאָכדעם א רוסישע. אין דער לעצטער האָט געמאכט א פוראָר א יונגער ראָ־וויניסט, וואָס האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א יונגע מיידעל. דער פוראָר איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט איהם געשלעפּט פון איין לאָזשע אין דער צווייטער און מען האָט פון איהם נחת גע־קליעבען.

ווען די קאניקולען האָבען זיך געענדיגט איז געוואָרען אויס טרופּע, אויס טהעאטער און אלע האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין שול. שפּעטער איז אָנגעקומען אן אלערהעכסטער דאנק פאר די נדבה, וואָס די פאָרשטעלונגען האָבען איינגעבראכט פאר די פער־

וואונדעטע. בעדאנקט זיינען געווארען אלע, וואס האבען אנטהייל גענומען אין די דאזיגע פארשטעלונגען.

ווי לאנג א. און ב. זיינען נאך געבליעבען אין זשיטאמירער ראבינער שול איז ניט בעוואוסט און עס איז אויך ניט נויטיג צו וויסען. נאר זייערע אידישע פארשטעלונגען אין בערדיטשעוו מיט'ן אנטהייל פון פיעלע ראוויניסטען, פארשטעלונגען וואס האבען פון איין זייט ארויסגערופען אזא ביטערען קאמפף פון די פרומע אידען און פון דער צווייטער זייט פערדיענט אן אלערהעכסטען דאנק, האבען לאנג־לאנג געדארפט לעבען אין די מוחות פון די תלמידים און שטענדיג האלטען פאר זייערע אויגען די מעגליכקייט פון א אידישען טהעאטער.

אויף אזא אופן זיינען די תלמידים פון דער ראבינער שול געווארען פאר דער מאדערנער אידישער דראמע דאס, וואס מיט אנדערהאלבען הונדערט יאהר פריהער זיינען די תלמידים פון די ישיבות געוועזען פאר'ן פורים־שפיעל.

עס איז געוועזען ניט קיין בלינדער צופאל, וואס דער פעסטער גרונדשטיין פון דעם אידישען טהעאטער איז שפעטער געלעגט געווארען דורך א תלמיד פון דער ראבינער שול.

אין די פופציגער יאהרען האט זיך בעוויזען א נייער מין אונטערהאלטונג צווישען אידען, אן אונטערהאלטונג וואס האט נאר געקאנט געמאלט זיין, ווען די שול און דער בית־המדרש און די קלויז האבען אויפגעהערט צו פערשפרייטען זייער גייסטיגע השפעה אויף א געוויסען טהייל אידען. עס האבען זיך בעוויזען, די אזוי גערופענע, „בראדער זינגער". מיט'ן נאמען „בראדער זינגער" ווערט ניט געמיינט א בעשטימטע פערזאן אדער א בעשטימטע קאמפאניע, דאס איז א כלל־נאמען פאר די זינגער, וואס האבען אונטערהאלטען אידען מיט זייערע ליעדער און פרימיטיווע פארשטעלונגען אין די פופציגער, זעכציגער און זיבעציגער יאהרען, ביז גאלדפאדען האט זיך בעוויזען, און וואס האבען געשטאמט פון בראד.

דאס זיינען געוועזען פראפעסיאנעלע זינגער, וואס האבען מיט חזנות גאר ניט געהאט צו טהאן. זיי פלעגען זינגען אין לאקאלען,

וואו דער עולם איז געזעסען פאר א גלאָז וויין און משמח געווען זיך. זיי האָבען געזונגען פערשיעדענע ליעדלעך, וואָס האָבען געהאט א קאפע־שאַנטאָן כאראקטער, מיט דער מימיק און תנועות, ווי אזעל־כע ליעדלאך ווערען געוועהנליך בעגלייט אין א קאפע שאנטאָן.

דער ערשטער פון די „בראָדער זינגער" איז געווען יאקאווקע מיט א קאָמפּאניע פון דריי אָדער פיער פערזאָן. ער איז געווען א בעקער יונג און ווען מען האָט איהם אָבגעגעבען פאר א סאָלדאט, האָט ער געדיענט אין וויען. דאָרטען האָט ער געזעהן דייטשע קאפע שאַנטאָנען און איהם איז איינגעפאלען, אז דערפון קען מען מאכען א פרנסה ביי אידען. א שטימע האָט ער געהאט א גוטע, ער האָט אויך געקאָנט אליין פערפאסען ליעדלאך, און ווען ער האָט זיך צו־ריקגעקעהרט פון דיענסט, האָט ער צוזאמענגעשטעלט א קליינע קאָמפאניע און זיי האָבען געזונגען אין לאָקאלען.

שפעטער האָט זיך בעוויעזען אפרים בראָדער, ער איז געווען מעהר אינטעליגענט. ער א ז פריהער געווען א בעל תפילה און האָט געהאט א גוטע שטימע. ער האָט צוזאמענגעשטעלט א קליינע קאָמ־פּאניע און האָט אונטערגעהאלטען דעם עולם מיט ליעדלאך, וואָס האָבען געדארפט שילדערן דאָס חסידישע לעבען. עס פערשטעהט זיך, אז די ליעדער זיינען בעגלייט געוואָרען מיט חסידישע האַ־וואַיעס און תנועות.

נאָך שפעטער, ביים סוף זעכציגער יאָהרען, האָט זיך בעווי־זען משה קאָפּ, וועלכער האָט געהאט מעהר ערפאָלג ווי אלע. ער פלעגט זיך אקאָמפּאנירען אויף א הארמאָניק. אין זיין קאָמפּאניע איז געווען משה טייך, וועלכער איז שפעטער געווען איינער פון די ערשטע אקטיאָרען.

וואָס נעהענטער צו די זיבעציגער יאָהרען אלץ גרעסער איז געוואָרען די צאָהל פון אזעלכע זינגער קאָמפּאניעס און זיי האָבען זיך פערשפּרייט אין גאליציען, רומעניען און פון דאָרט קיין רוס־לאנד. וואָס ווייטער בעקומט די דאָזיגע אונטערהאלטונג מעהר א פּנים פון א פאָרשטעלונג. עס איז שוין ניט גענוג צו בעגלייטען די ליעדלאך מיט תנועות און האוואַיעס. מען דארף שוין די ליעדלאך

איינפלעכטען אין פראזע און עס זאל אויסקומען עפעס א היתר צום ליעדעל. די זינגער טרעטען ניט ארויס פאר'ן עולם ווי זיי שטעהען און געהען, און האבען בעזונדערע מלבושים וואס זאלען פאסען צום כאראקטער פון דעם ליעדעל. האט דאס ליעדעל צו טהאן מיט חסידים, טהוט זיך אן דער זינגער ווי א חסיד, אין א לאנגער אטלעסענע קאפאטע מיט א גארטעל, מיט א טלית קטן, מיט שיכעלאך און לאנגע זאקען. דערצו פאדערט זיך אויך א שטריימעל מיט א געוויסען סארט פאות, וואס מען קען זעהן נאר אויף דער ביהנע, מסתמא דערפאר וואס אזוי געהען די חסידים אין גאליציען און וואס די אבי־אבות פון די זינגער זיינען געווען בראדער. האט א ליעדעל געהאט צו טהאן מיט א דייטש, האט זיך דער זינגער ארייגעווארפען אין א לאנגע פאר הויזען, קורצען רעקיל און געפוצטע שיך. דערצו האט מען שוין אויך געדארפט אבי־סעל גרימירען זיך, אלץ אויף א פרימיטיווען אופן. עס פערשטעהט זיך, אז די זינגער זיינען נאך ניט דערוואקסען צו אזא הרחבה, אז זיי זאלען האבען אונטער דער האנד שמינקע און א פענזיל און פודרע און א פארוקמאכער. אן אבגעברענטע שוועבעלע איז געווען איבערגענוג צו מאכען שווארצע פאסען אויפ'ן פנים, און א רויט שטיקעל פאפיער, אין וועלכען מען וויקעלט איין צוקערקעס, איז געווען די והותר אנצופארבען א פנים רויט.

ווי שוין געזאגט, איז פאר די ערשטע זינגער געווען גענוג צו בעגלייטען זייערע ליעדלאך מיט תנועות און האוואיעס און שפעטער איז שוין געווען נויטהיג צו געבען די זינגער א פתחון־פה ארויסצוטרעטען מיט א ליעד, כדי עס זאל ניט אויסקומען, אז מען שטעלט זיך אוועק זינגען סתם אין דער וועלט אריין. דאס האט מען דערווזען דערמיט, וואס די זינגער האבען גערעדט אדער פארגעשטעלט עפעס אזוינס וואס האט געהאט צו טהאן מיט דעם ענין פון דעם ליעדעל, און נאכדעם אז מען האט דערצו צוגעפיהרט ווי נעהעריג איז, איז מען ארויס מיט'ן ליעד.

אט זיינען א פאר ביישפיעלע פון די פרימיטיווע פארשטעלונגען, וואס זיינען געגעבען געווארען אין די וויין־קעלערען אין רומע־

ניען און אין רוסלאנד איידער גאלדפאדען האט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע.

„דער גנב“ איז א ליעד, וואס איז געשריעבען געווארען פון דעם בעוואוסטען פאלקס־דיכטער וועלוועל זבארזשער (עהרענ־קראנץ). א קאמפאניע זינגער האבען גענומען דאס ליעד און צו־געגעבען דערצו א סצענקע. א איד זיצט אויפ'ן בעט און לייענט קריאת־שמע און ווען ער לעגט זיך שלאפען, קומט אריין א גנב דורכ'ן פענסטער און פאקט איין די זאכען. דער איד כאפט זיך אויף פון דעם גערויש און מאכט א גוואלד. דער גנב אנטלויפט, נאר מען כאפט איהם און ווען דער פאליסמאן פיהרט איהם אריין צוריק אין שטוב, שטעלט זיך דער גנב זינגען דאס ליעד: „דער גנב“.

„דער וכוח צווישען חסיד און דייטש“ איז איינע פון יענע ליעדער, וואס זיינען געשאפען געווארען אין א גרויסער צאהל אין דער צייט פון השכלה. די זעלביגע קאמפאניע, וואס האט „פער־זינגערט“ דעם „גנב“ האט דאס זעלביגע געטהאן מיט'ן וכוח. עס ווערט פארגעשטעלט, ווי א מלמד לערענט מיט א אינגעל אין חדר און כאפט זיך אז עס איז שוין צייט צו געהן דאווענען. ער געהט ארויס פון שטוב און ער קעהרט זיך באלד צוריק אלס דייטש. פון דעם שמועס מיט'ן אינגעל ווייזט זיך ארויס, אז דער דייטש איז דעם מלמד'ס א ברודער. ער איז מיט יאהרען צוריק אוועקגעפאה־רען שטודירען און האט זיך יעצט צוריקגעקעהרט אהיים. ער ער־קלערט דעם אינגעל די גרונדלאגען פון השכלה און לעגט חסידות אין דר'ערד אריין. עס פערשטעהט זיך, אז ער רעדט דייטש, און דער אינגעל פערשטעהט נים א ווארט, און אז ער איז פארטיג מיט'ן רעדען הויבט ער אן צו זינגען א ליעד און דער אינגעל ענט־פערט איהם, און עס קומט ארויס א מין דועט.

די „פראזע“, אדער די ווערטער וואס די זינגער האבען גע־רעדט, איידער זיי זיינען צוגעקומען צום ליעד, איז נים געווען קיין געשריבענע, דאס האבען די זינגער אליין פערפאסט און האבען עס גערעדט בעל פה. זיי האבען געקאנט בייטען די ווערטער, צוגעבען המצאות און טהאן וואס זיי האבען געוואלט.

דער עיקר ביי אזא מין פארשטעלונג זיינען געווען די ליע־דער, און עס איז מערקווירדיג, הגם זייער מקור איז געווען א קאפע שאנטאן, זיינען זיי אין יענע צייטען ווייט ניט געווען קיין קאפע שאנטאנישע. די דאזיגע לידער האבען מ ט זייער כאראקטער, מיט זייער גייסט, מיט זייער אינהאלט אין גאנצען זיך אונטערשיידעט פון די ליעדלאך, וואס זיינען שפעטער איינגעפיהרט געווארען אין טהעאטער אין אמעריקא. דאס רוב ליעדער זיינען געווען פון א העברעען סארט. זיי זיינען געווען געשריעבען פון וועלוועלע זבאר־זשער, אליקום צונזער און אין אנהויב פון די זיבעציגער יאהרען אויך פון גאלדפאדען און לינעצקי. גאלפאדענ'ס ליעדער זיינען גע־זונגען געווארען אין רוסלאנד, רומעניען און גאליציען א סך פריי־הער, ווי ער האט עפעס געהאט צו טהאן מיט טהעאטער, און דער עולם האט פון זיי געלעקט די פינגער. קאפע שאנטאניש זיינען מייסטענס געווען די דועטען.

פון די זינגער זיינען ניט נאר די „בראדער" געווען מפורסמים. יעדע געגענד האט געהאט איהרע גדולים. אין רוסלאנד זיינען אין אנהויב פון די זיבעציגער יאהרען געווען די מפורסמים גראדנער און פינקעל. זייער הויפט מקום מנוחה איז געווען אין אדעס און זיי האבען געזונגען דארטען אין די וויין־קעהלערען.

אין אדעס האט שטארק אויסגענומען דאס ליעד „דאס אדע־סער ווייבעל." ווי אלע ליעדער פון דעם סארט אין יענער צייט, איז דאס „אדעסער ווייבעל" געווען פערזעהן מיט פראזע, וואס האט געדארפט רעכט מאכען דאס זינגען. אין דער „אדעסער ווייבעל" קומען אריין דריי פערזאן. א חסיד, א לעהרער און א פרוי. עס איז פערשפארט צו זאגען, אז קיין פרויען האבען דאמאלט ניט געזונגען און ניט געשפיעלט אין די לאקאלען. גראדנער האט זיך אנגע־טהאן ווי א חסיד'ל, און פינקעל האט זיך פערקליידט פאר א ווייבעל.

דער אינהאלט פון „אדעסער ווייבעל" איז אזא:

א ווייבעל האט געהאט א מאן א חסיד. ער איז געזעסען אין בית־המדרש און האט גע'שכור'ט. א לעהרער איז אריינגעקומען. זי קלאגט זיך פאר איהם, אז איהר מאן איז א לא יוצלח, א באנק־

קוועטשער. דער מאן קומט און עס הויבט זיך אן א קריעג צווישען איהם און איהר אין דער פארם פון א דועט:

ע ר. זאג מיר, דו ווייבעל, דו שעהנע, דו פיינע,
וואס זיינען דיר פערוויינט די אויגען דיינע?
ז י. וואס זאל איך ניט וויינען, אין דר'ערד ניט אריין,
איך האב אזא חסיד, א פליאסקע א מאן.

אזוי זיינען געווען געבויעט אלע ליעדער, וואס די זינגער האבען געזונגען אין אנהויב פון די זיעבעציגער יאהרען, סיי אין רוסלאנד, סיי אין רומעניען און סיי אין גאליציען. שטימען אליין זיינען ניט געווען געגוג פאר די דאזיגע ליעדער, די זינגער האבען געדארפט קאנען געבען א מין פארשטעלונג. וואס לעבעדיגער איינער האט זיך ארויסגעוויעזען אין אזא פארשטעלונג, אלץ גרעסער איז געוואקסען זיין נאמען צווישען די בעזוכער פון די ויין-קעהלערען.

ווי פרימיטיוו אזעלכע פארשטעלונגען זיינען ניט געווען, זיינען די זינגער אין א קליינעם פארמאט געווען אקטיארען, און הגם זיי האבען נאר געהאט געצעהלטע ראלען — א חסיד'ל, א „דאטש", א ווייבעל — האבען זיי אבער געוואוסט, ווי א קעהר צו טהאן זיך אויף א ביהנע און ווי פארצושטעלען א לעבעדיגען מענשען.

די פערשיעדענע קאמפאניעס, וואס האבען ארומגעוואגעלט איבער די גרעסערע שטעדט אין רוסלאנד, רומעניען האבען געוויזען, אז עס האט זיך שוין פארמירט א היבש פובליקום, וואס לעקט די פינגער פון אזא מין אונטערהאלטונג וואס האט א שייכות מיט א טהעאטער-פארשטעלונג, און צו טהעאטער איז געווען אין אידישען גייסט צו ניט. דער עולם האט זיך שוין איבער אזעלכע פראגען ניט פערטראכט און איז מיט א גרינגען הארצען געגאנגען זעהן און הערען די זינגער אין די וויין-לאקאלען.

אויף אזא אופן זעהען מיר, אז די נויטהיגע שטיינער פאר א בנין פון א טהעאטער זיינען שוין געווען אנגעגרייט און עס האט זיך נאר געפאדערט דער בוימייסטער, וואס זאל פערשטעהן, וואס מען קאן אויסבויען פון דעם גרייטען מאטעריאל.

אכטער קאפיטעל.

דער גרינדער פון אידישען טהעאטער.

אין אנהויב פון די זיבעציגער יאהרען זיינען שוין אלע דריי נויטיגע עלעמענטען פאר א אידישען טהעאטער געווען פארטיג. עס זיינען געווען די דיכטער וואס האבען פערשטאנען צו שאפען דראמאטישע זאכען פאר דער ביהנע; עס זיינען געווען די פאלקס־זינגער, וואס האבען געגעבען אין וויין־קעהלערען מיניאטורע פאר־שטעלונגען און עס איז שוין געווען א היבשע פובליקום וואס האט זיך לחלוטין ניט געקימערט וועגען „מושב לצים„ און וואס האט געפאדערט אזא אונטערהאלטונג, וואס מען געפינט אין א טהעא־טער.

אין דער צייט האט זיך בעוויזען אברהם גאלדפאדען. נאך זייענדיג א תלמיד פון דער זשיטאמירער ראבינער־שול האט ער ארויסגעוויזען א תשוקה צו טהעאטער. אין די זעכציגער יאהרען האבען די תלמידים מיט דער צוזאמטהיגונג פון די א דישע לעהרער געגעבען א פארשטעלונג פון „סערקעלע", און גאלדפאדען האט גע־שפיעלט די הויפט־ראלע אין דער דאזיגער פיעסע. אט דער פאקט דארף אויסגעטייטשט ווערען, אז די היסטריאנישע קונסט איז איהם געווען נאהענט צום הארצען און זיינע חברים האבען געוואוסט, וואס ער קאן דער נען אויפטהאן.

די אטמאספער פון דער זשיטאמירער ראבינער־שול צו דער צייט וואס גאלדפאדען האט דארטען געלערענט איז געווען אזא, וואס האט געוועקט די תשוקה פון די תלמידים צו דער דראמאטי־שער קונסט. דער גרויסער ערפאלג פון די תלמידים, וועלכע האבען אין די פופציגער יאהרען געגעבען עטליכע אידישע פארשטעלונגען אין בערדיטשעוו און דער אפיציעלער דאנק וואס זיי האבען גע־קריגען פון דער רעגיערונג פאר זייער גוטער ארבייט, האט ממש

אנגעצונדען די פאנטאזיע פון די אנדערע תלמידים און די ווענד אליין פון דער ראבינער־שול האבען גערעדט וועגען טהעאטער.

אברהם גאלדפאדען איז געווען דורכגעדרונגען מ ט דער דאַ־זיגער אטמאספערע און דערצו האט אויף איהם געמאכט אזא שטארקען איינדרוק דר. עטינגער׳ס דראמע אז נאך מיט עטליכע יאהר פריהער, ווי ער האט זיך גענומען צו א אידישען טהעאטער, האט ער אנגעשריבען א קאמעדיע אדער א פארס, וואס ווייזט דייט־ליך און בולט דעם איינפלוס פון „סערקעלע.“

די קאמעד ע הייסט „די מוהמע סאסיע“ און איז גאנץ לעבע־דיג געשילדערט. דער סיוזשעט איז א ביסעל א פערפלאנטערטער, גאר ניט ווי אין די אנדערע שפעטערדיגע פארסען. סאסיע ווי סערקעלע איז די עקרת הבית און געהט אין ספאדעק. זי וויל זעהר אויסגעבען א הר שוועסטער און געפינט א שניידער א ליטוואק, וועלכער איז פיקס און פארטיג צו געהן צו דער חופה. נאר אין דעם טאג פון דער חתונה קומט אן דעם ליטוואק׳ס ווייב און דער־לאזט ניט איהר מאן עובר זיין אויפ׳ן חרם דרבנו גרשם. אין דער שטיק איז נאך איינגעוויקעלט א צווייטער סיוזשעט. סאסיע האט א פלימעניצע און טהוט איהר אן געבראטענע צרות. דער מאן וואלט זיך וועלען אנגעהמען פאר איהר, האט ער אבער מורא פאר זיין פלונית׳טע (גראד ווי אין סערקעלע). זיין פריינד איספאנסקי קומט צו הילף און דורך א רמאות געלינגט זיי התונה צו מאכען די ארימע פל מעניצע. די בילדער זיינען אזוי לעבעדיג, אז דער דאזיגער פארס איז א סך בעסער פון די אלע אנדערע פון דעם מין, וואס גאלדפאדען האט נאכדעם געשריבען.

אין 1872 האט גאלדפאדען אויף געדרוקט א דיאלאג. אונ־טער׳ן נאמען „צוויי שכנות“. דאס איז א שמועס צווישען צוויי ווייבער, ווענעם קינדער, אלטערוניו און זיידוניו, שפיעלען זיך אן א זייט. שיינדעלע און גנעסיע מאכען איינע די צווייטע אמת׳ע ווייבערשע קאמפלימענטען און געפינען ניט גענוג ווערטער אויס־צודריקען זייערע הייסע ווינשעוואניעס איינע פאר דער צווייטער:

שיינדעלע. און איך וועל טאנצען ביי אייער זוהן אויף דער חופה!

גנעסי. און איך וועל אייערען צוטראגען די גילדערנע יויך!

שיינדעלע. און איך וועל טאנצען א קאזאטשאק מיט'ן מחותן.

גנעסי. און איך וועל טאנצען מיט די מאנסבילען אין מיטען.

שיינדעלע. א פאר לייכטער דרשה־געשאנק אייער אלטע־רוניון!

גנעסי. און איך א פאר פריאלען אייער זיידוניון!

שיינדעלע. און איך וועל אייער פאר־פאלק אונטערבעטען דאס קישען.

גנעסי. אוי, דאס איז א גוטער פריינד, לאמיר זיך צוקושען.

און בשעת די דאזיגע הייסע ווינשעוואניעס פליהען פון איינער צו דער צווייטער און די הערצער פון די יונגע מאמעס זיינען אזוי דערוואַרעמט, אז די שכנות כאפען זיך אזש קושען, קאנען זיך די קינדער צווישען זיך מיט עפעס ניט צוטהיילען און הויבען זיך אן צו שלאגען.

די הייסע פריינדשאפט צווישען די שכנות ווערט תיכף איבערגעריסען. יעדע גיט זיך א ווארף צו איהר קינד און איינע הויבט אן אויסצו'בטל'ען אלע איהרע חלומות אויף דער צווייטער און איינע אויף דער אנדערער לייענט אוים א צעטיל פון כל דבר אסור.

אברהם גאלדפאדען איז געבארען געווארען דעם 20טען יולי, 1840, אין אלט קאנסטאנטין, וואלינער גובערניע, רוסלאנד. זיין פאטער איז געווען א זייגער־מאכער, וועלכער איז געווארען אנגעשטעקט פון דער השכלה. דעמאלט איז געווען די צייט פון פאַרמאניקעס און געוועהנליך האט מען פאר רעקרוטען געכאפט די קינדער פון בעלי מלאכה'ס. די קינדער פון רייכערע בעלי בתים האט מען ניט אנגעריהרט, נאר בעלי מלאכה'ס האבען אויך געהאט א מיטעל ווי אזוי צו בעווארענען זייערע קינדער פון די כאפערס. און דער מיטעל איז געווען צו שיקען זיי, די קינדער הייסט עס, אין שקאלעס. אברהם גאלדפאדען איז געווען צווישען די ערשטע קינדער אין דער קאזיאנער שקאלע. ער האט ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און צו צעהן יאהר האט ער אנגעשריבען א לשון־

קודש'דיגען שיר. דער בעוואוסטער שרייבער אברהם בער גאָט־לאָבער איז דעמאָלט געווען לעהרער אין דער דאָזיגער קאַזיאַנער שול און האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם געראָטענעם אינגעל און האָט זיך בעזונדערס אָבגעגעבען מיט איהם, געלערענט איהם העברעאיש און געוועקט אין איהם דעם פּאָעטישען געפיהל.

גאָטלאָבער איז אבער ניט נאָר געווען א העברעאישער שריי־בער און דיכטער, ער האָט אויך געשריבען אידישע ליעדער. פון זיין טאַטען דעם חזן האָט ער גע'ירש'עט א גוטע שטים און א ליעבע צו נגינה. ער פלעגט אליין שאפען די נגונים צו זיינע ליעדער. די דאָזיגע ליעדער מיט די נגונים האָט גאָלדפאדען איבערגענומען און פלעגט זיי שפּעטער מיט חשק זינגען אין דער ראבינער שול.

ביי גאָטלאָבער'ן האָט ער זיך אויך באקאנט מיט דער אידישער דראמע, און אויב גאָלדפאדען האָט אין דער „מוהמע סאָסיע" ארויסגעוויזען דעם שטארקען איינפלוס פון „סערקעלע", האָט ער אין די שפּעטערדיגע פארסען געוויזען דעם איינפלוס פון גאָטלאָבער'ס „דעקטוך".

די אידישע לעהרער און ראבינער־שול האָבען געהאלטען אַז עולם ומלאה פון דעם יונגען דיכטער גאָלדפאדען און געלעגט אויף איהם גרויסע האָפנונגען און נביאות געזאָגט, אַז ער וועט אמאָל זיין א ציערונג פאר דער העברעאישער ליטעראטור, און דאָס האָט איהם געהאָלפען ארויסצוקומען פון די עקזאמענס מיט גאנצע ביי־נער. ווי די מייסטע פּאָעטען האָט ער ניט ליעב געהאט קיין מאַ־טעמאטיק און די טרוקענע חשבונות זיינען איהם געווען דערווידער. ער וואָלט קיין מאָל ניט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אין דער דאָ־זיגער חכמה, נאָר א דאנק זיין וואקסענדען, פערשפּרעכענדען טאַ־לאנט, איז ער נצול געוואָרען פון דעם גזלן דעם לעהרער פון מאַ־טעמאטיק.

נאָכ'ן ענדיגען די ראביענר־שול איז ער געוואָרען א לעהרער פון קאַזיאַנער שול, פריהער אין סימפעראָפּאָל און נאָכדעם אין אדעס, וואו ער האָט חתונה געהאט מיט ווערבעלס טאָכטער.

גאָלדפאדען איז געווען צו לעבענס־לוסטיג פאר אזא טרוקענע פּראָפעסיע און א חוץ דעם איז דער געהאלט פון א לעהרער דע־

מאַלט געווען נאָך צרה'דיגער ווי איצט. „18 רובעל מיט קאָפּי־קעס האָט א לעהרער דעמאָלט בעקומען געהאלט!" האָט גאָלדפאַ־דען שפּעטער געמאכט חוזק דערפון. און דאָס קומט אויס א פיער רובעל א וואָך, כמעט אזוי פיעל, וואָס אן אָרימער מלמד האָט גע־קריגען אין א קליין שטעדטעל. ער האָט אוועקגעוואָרפען חרפּה אָן א זייט און איז אריין אלס קאסיר אין א מאַגאַזין פון דאמען־היט.

די שכירות פון א קאסיר אין אזא געשעפט זיינען אויך ניט געווען אזעלכע, וואָס האָבען איהם געקאָנט צופריעדען שטעלען. נאָר ווי עס שיינט האָט ער דערביי געהאט אן אנדער כונה. ער האָט זיך געוואָלט בעקאָנען מיט'ן דאָזיגען געשעפט, כדי ער זאָל שפּע־טער קענען אליין עפענען אזא מאגאזין. און טאקע אזוי איז גע־ווען. ס'האָט לאנג ניט געדויערט און אויף איינער פון אדעסער גאַ־סען האָט זיך געעפענט א מאגאזין פאר פרויען־היט מיט א שילד, פון וואנען עס האָט ארונטערגעקוקט דער נאָמען גאָלדפאדען.*) דאָס געשעפט איז אָנגעגאנגען גאנץ לעבעדיג כל זמן מען האָט גע־געבען סחורה אויף קרעדיט. נאָר ווען די קרעדיטאָרען האָבען גענו־מען פאָדערען געלד, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עס איז ניטאָ מיט וואָס צו בעצאָהלען זיי, און איידער ער האָט זיך נאָך רעכט צוגע־

---

*) ווען ער איז אריינגעטראָטען אין ראבינער־שול האָט ער געהייסען גאָלדענפאָדים און האָט נאָך דעם דאָזיגען נאָמען געברויכט, ווען ער האָט געלאָזט דרוקען זיין זאמלונג פון אידישע ליעדער „אידעלע" (1866). דאָס לעצטע ליעד אין דער דאָזיגער זאמלונג ענדיגט זיך מיט'ן פערז:

„מיר נעהמען ניט ביידע מיט פון דאנען,
מיר זיינען ביידע גלייכע צדדים;
מיך וועט מען כאָטש א צייט דערמאנען:
דאָס האָט געשריבען א. גאָלדענפאָדים.

נאָר אויף דער עצה פון א לעהרער אין ראבינער־שול האָט ער פער־ענדערט דעם נאָמען אויף גאָלדענפאדען, כדי אָבצוזרייבען פון איהם דעם פּראָסט־אידישען קלאנג און נאָך שפּעטער האָט ער שוין אליין פער־קירצט אויף גאָלדפאדען.

וואוינט צום נאָמען „געשעפטסמאן," איז ער געצוואונגען געווען צו ערקלערען זיך באנקראָט. און שוין גאָר ניט ווי א געשעפטסמאן איז ער אוועק ניט נאָ פון אדעס נאָר אויך פון רוסלאנד.

ער איז אָנגעקומען אין מינכען און דאָרטען געוואָלט שטודירען מעדיצין. אלס געענדיגטער פון ראבינער־שול, זיינען פאר איהם געווען אָפען די אוניווערזיטעטען אין רוסלאנד, נאָר מסתמא צוליעב דעם באנקראָט האָט ער דאָרטען שטודירען ניט געקענט. נאָר אין מינכען האָט ער געטראָפען א געוועזענעם לעהרער פון אלט קאָנסטאנטין, וועלכער האָט דאָרטען אויסגעשטודירט אויף דאָקטאָר מעדיצין. יענער האָט איהם קלאָר געמאכט, אז מיט זיינע פאָדערונגען פון לעבען וועט ער לאנג קיין סטודענט ניט בלייבען און ער וועט גאָר אומזיסט זיך פלאָגען און ער האָט די עצה געפאָלגט און אָבגעזאָגט זיך פון דעם געדאנק צו שטודירען ווייטער.

אין דער צייט איז שוין זיין נאָמען געווען פּאָפּולער צווישען די העברעאישע און אידישע לעזער און מעהר צווישען די אידישע, ווייל דערצו האָבען געהאָלפען זיינע ליעדער, וואָס מען האָט צו דער צייט געזונגען אין א סך, א סך אידישע הייזער.

ער האָט זיך מיישב געווען, אז נאָך אלעמען איז זיין פאך ליטעראטור און ער האָט אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען א אידישע צייטונג. אין רוסלאנד האָט ער קיין צייטונג ניט געקאָנט ארויסגעבען — דערצו האָט זיך געפאָדערט א ספּעציעלע ערלויבניס פון דער רעגיערונג און דאָס איז געווען שווער אָדער גאָר אונמעגליך צו קריגען. נאָר דערפאר האָט א צייטונג, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אויסלאנד, געמעגט אריין אין רוסלאנד. ער איז אוועק אין לעמבערג און צוזאמען מיט יואל לינעצקי צוגעטראָטען צו א וועכענטליכער הומאָריסטישער צייטונג אונטער'ן נאָמען „ישראליק." דאָס איז געווען אין 1875. נאָר די צייטונג האָט לאנג זיך ניט געהאַלטען, און אין א יאָהר ארום, אין 1876, גיט ער שוין ארויס אין בוקאָווינא אן אנדער צייטונג אונטער'ן נאָמען „דאָס בוקאָווינער איזראַעליטישע פאָלקס בלאט." די צווייטע צייטונג האט געהאט נאָך אן ערגערען מזל און נאָר א קליינע צאָהל נומערען זיינען פון איהר ארויס. אין דער צייט איז איהם אנגעקומען א בריעף פון

זיינעם אן אבאנענט, מיט'ן נאמען יצחק ליברעסקו, וועלכער איז געוועזן איינער פון די משכילים אין יאסי, רומעניען, און וועלכער האט איהם געמאכט דעם פארשלאג, אז ער זאל די רעדאקציע פון דעם בלאט איבערטראגען אהין. א. גאלדפאדען האט זיך אן דעם פארשלאג אנגעכאפט און איז אנגעקומען קיין יאסי, צווישען די ימים טובים אין 1876.

אין יאסי איז דעמאלט געוועזן דער ליעדער־זינגער גראדנער, וועלכער האט יעדען שבת צו נאכט אבגעגעבען „זמירות" אין א קליין גערטענדעל ביי שמעון מארק.

גראדנער איז געוועזן יאקאווקע'ס א תלמיד און זיין רעפוטאציע האט צו יענער צייט דערגרייכט אין דריי מדינות: רוסלאנד, עסטרייך און רומעניען. ער איז געוועזן א פרעמדער פלאנץ אויף דעם דאזיגען פעלד. ער איז אפשר געוועזן דער איינציגער ליטוואק צווישען די ליעדער־זינגער און דאך האט ער פערנומען צווישען זיי דעם אויבען־אן.

עס איז שוין געוועזן דערמאנט וואס די ארבייט פון א ליעדער־זינגער איז געווען. פאר א ליעדער־זינגער איז ניט געוועזן גענוג צו זינגען א ליעד; ער האט דאס זינגען געדארפט בעגלייטען מיט תנועות און העויות און מיט טענץ. איז דאס ליעד געוועזן וועגען א חסיד, האט ער זיך אנגעטהאן ווי א חסיד'ל, און אויפ'ן לשון פון די בעזוכער האט עס געהייסען „פערשטעלען" זיך. איז דאס ליעדעל געוועזן וועגען א בעל־העגלה, האט ער זיך אנגעטהאן ווי א בעל־העגלה. איז דאס ליעדעל געוועזן וועגען א מלמד, האט ער זיך אנגעטהאן ווי א מלמד, און דאס גלייכען. דערביי האט ער געמאכט די מימיק פון די פארשוינען וואס ער האט פארגעשטעלט. אויפ'ן לשון פון די בעזוכער האט די מימיק געהייסען „מאכען אנשטעלען."

ווען א ליעד האט געפאדערט א צווייטע פערזאן האט דער זינגער גענומען א מיטהעלפער, וועלכער האט אויך געמאכט די זעלביגע קונצען. און אזוי ווי די ליעדער צו דער צייט געהאט דעם כאראקטער פון מיניאטורע פארשטעלונגען האבען זיך געווענליך געפאדערט דערצו לכל הפחות צוויי פערזאן.

גראדנער האָט זיך אויסגעצייכענט פון אנדערע ליעדער־זינגער סיי מיט זיין טאלאנט, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אין א רוי־העז, ווילדען צושטאנד, און סיי מיט זיין מוטה, ענערגיע און אונ־טערנעהמונגס־גייסט. ער איז געווען געבענשט מיט א געבאָרענעם טאלאנט, וואָס האָט נאָר געפאָדערט ענטוויקלונג און שולונג. ביי די ערשטע ווארימע שטראהלען פון א ביהנע האָט זיך זיין טאַ־לאנט צובליהט און ער האָט זיך אויסגעצייכענט סיי אין קאָמישע ראָלען און סיי אין טראגישע, און ער איז געוואָרען דער גרעס־טער אקטיאָר פון זיין צייט.

גאָלדפאדען האָט איהם כאראקטעריזירט אין די ווערטער:

„גראדנער האָט שעהנע פעהיגקייטען: ער בעזיצט א געזונ־טע אנגענעהמע נאָר נישט נאָך אויסגעארבייטע באריטאָן־שטימע. זיינע בעוועגונגען און מימיק איז בעפריעדיגענד נאָר ווילד. ער פאָדערט איינע רעגעלמעסיגע ענטוויקלונג און מעלאָדיע.“

דאָס איז די כאראקטעריסטיק פון גראדנער, ווען גאָלדפאדען האָט איהם ערשט דערקאָנט.

מען ווייסט זעהר וועניג וועגען דעם ערשטען בעדייטענדסטען אקטיאָר. אלץ וואָס מען ווייסט וועגען איהם איז, אז ער איז גע־בארען געוואָרען אין דער ליטא און דאָרטען האָט ער זיך אויסגע־האָדעוועט. אלס יונגער בחור׳ל האָט ער געהאט די מלאכה פון א פאפיראָסענמאכער און האָט געארבייט אין ווילנא ביי שישמאן און דורונטש אין פאבריק. נאָר די דאָזיגע ארבייט איז איהם ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער וועלט פרובען זיין מזל. ווי אזוי ער איז געוואָרען א ליעדער זינגער איז ניט בעקאנט, נאָר ווען גאָלדפאדען האָט איהם בעגעגענט אין יאסי, האָט ער ארויסגעוויזען מעהר אנטרעפּעניאָרישען גייסט ווי די אנ־דערע.

גראדנער האָט זיך ניט בענוגענט ווי די אנדערע ליעדער־זינ־גער צו געבען א „פאָרשטעלונג“ ערגעץ אין א שטוב ביי א בעל־הבית אָדער אין א שיינק. ער האָט געשטרעבט נאָך גרעסערעס און האָט אויסגעקליבען די גרויסע שטעדט פאר זיין טהעטיגקייט. ווען ער איז אנגעקומען אין א גרויסער שטאָדט האָט ער גענומען א

גרויסען לאָקאַל, געמאכט דאָרטען א פּלאטפאָרם, געלאָזט נומערי־
רען די ביינקלעך און אָבדרוקען קליינע אפישען מיט דער מעלדונג,
אז ער זינגט די בעסטע ליעדער פון די בעליעבטע פאָלקס־דיכטער:
אליקום צונזער, וועלוויל זבאַרזשער, יואל לינעצקי און אברהם גאָלד־
פאַדען.

ווען גאָלדפאַדען איז אָנגעקומען קיין יאסי, מיט'ן צוועק אי־
בערצוטראָגען אהער זיין רעדאקציע, האָט גראָדנער געגעבען זיינע
זמירות אָדער קאָנצערטען אין א קליינעם גאָרטען און זיין מיט־
העלפער איז געווען שכר גאָלדשטיין.

גראָדנער איז געווען פון די ערשטע צו קומען אבגעבען איהם
א ווארימען שלום עליכם. זיי האָבען ביידע ניט פערשטאַנען די
בעדייטונג פון דער דאָזיגער היסטאָרישער בעגעגענים. גראָדנער
האָט זיך פשוט דערפרעהט מיט'ן דיכטער, וועמעס ליעדער ער האָט
געזונגען און וועלכער איז פאר איהם געווען א קוואל פון פרנסה.
ליעדער קאָן מען ניט זינגען שטענדיג די זעלביגע און מען דאַרף
האָבען פון צייט צו צייט נייע. גאָלדפאַדען האָט אין איהם געזעהן
א קונד, וועמען ער וועט קאָנען פערקויפען עטליכע נייע ליעדער,
און אין זיין דאַמאָלסדיגען צושטאַנד וואָלט איהם דאָס ביסעל געלד
זעהר צוניץ געקומען. עס איז אבער געווען פון ביידע זייטען א
מקח טעות. גאָלדפאַדען דערצעהלט מיט א ווייכען הומאָר, ווי
גראָדנער האָט איהם ערקלעהרט, אז דעם שכר פאר זיינע ליעדער
בעקומט ער אין פּאָפּולאַריטעט. אָט איז ער, גאָלדפאַדען, ערשט גע־
קומען אין א פרעמדער שטאָדט, און זיין נאָמען איז שוין דאָ בע־
קאַנט פון איין עק ביז'ן צווייטען, און דאָס איז דערפאר וואָס ער
גיט אָן דעם נאָמען פון דעם דיכטער פון יעדען ליעד וואָס ער זינגט.
קיין אנדער שכר קאָן מען פון קיין ליעדער זינגער ניט ערוואַר־
טען, ווייל קיין גרויסע גליקען מאכט ער דאָך אליין ניט.

גאָלדפאַדענס פערעהרער האָבען איידער וואָס ווען געזוכט צו
מאכען פאר איהם אביסעל געלד, וואָס ער האָט געדאַרפט זעהר
נויטיג. זיי האָבען דערוויזען מיט אלע ראיות דעם אייגענטהי־
מער פון דעם גערטעל, וואו גראָדנער האָט געזונגען, וואָס פאר א
פוראָר עס וועט מאכען גאָלדפאַדען, ווען עס וועט אָנאָנסירט ווע־

רען — אז ער אליין וועט ערשיינען פאר'ן פובליקום און דעקלא־מירען זיינע אייגענע ליעדער. דער בעל הבית פון דעם גערטעל האט זיך אנגעכאפט אן דעם און איז מרוצה געווארען צו געבען גאלדפאדען הונדערט פראנק פאר דעם אבענד און די איינטריט פרייזען זיינען פאר דעם אבענד געהעכערט געווארען.

די ראל פון א דעקלאמאטאר איז פאר גאלדפאדען ניט געווען ניי. מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער געגעבען אזא אבענד אין אדעס פאר דער אינטעליגענץ און דער אבענד איז געקרוינט געווא־רען מיט גרויס ערפאלג.

גאלדפאדען דערצעהלט וועגען דעם אבענד אין יאסי אזוי:

דער גערטעל איז געווען געפאקט, ווען גאלדפאדען איז ער־שיענען אויף דער עסטראדע אין א פראק, אין ווייסע גלאסעע האנד־שוה, און האט ארונטערגענומען זיין צילינדער און פערנייגט זיך פאר'ן פובליקום. ער האט ערווארט דונערענדע אפלאדיסמענטען, נאר א חוץ עטליכע פערעהרער האט קיינער קיין האנד ניט אויפגע־הויבען און דאס פובליקום איז געבליבען ווי פערשטיינערט.

ער האט אבער בשעת מעשה ניט פערשטאנען די ריכטיגע בע־דייטונג דערפון און האט זיך גענארט מיט'ן געדאנק, אז דאס האט ער מיט זיין ערשיינונג אזוי איבערראשט די פערזאמעלטע, אז זיי האבען זיך אין גאנצען פערלארען און ניט געוואוסט וואס צו טהאן. ער האט קיין שהיות ניט געמאכט און דעקלאמירט „דאס פינטעלע איד.“ ווען ער האט דאס ליעד געענדיגט, האט ער זיך גראציעז פערנייגט צום צייכען, אז מען קאן שוין אפלאדירען, נאר צו זיין טרויעריגער איבערראשונג, האבען זיך נאר אויפגעהויבען די עט־ליכע הענד פון די פערעהרער און דער גאנצער עולם איז געבליבען שטיל.

„דאס פינטעלע איד“ איז אן ערנסטע ליעד און גאלדפאדען האט א טראכט געטהאן, אז אפשר איז דאס צו ערנסט פאר'ן פובליקום און ער האט אנגעהויבען צו דעקלאמירען א הומאריסטיש־סאטירישע געדיכט „דער מלאך“, וואס בעשטעהט פון צוויי אב־טהיילונגען: די יונגע נשמה און די אלטע נשמה. ער האט אבגע־רעקלאמירט „די יונגע נשמה.“

דער עולם שווייגט.
דעקלאמירט „די אלטע נשמה."
דער עולם שווייגט.

ער האט זיך געלאזט געהן פון דער ביהנע, איז געווארען נאך ערגער. דער עולם האט פערלארען די געדולד און האט אנגעהויבען צו פייפען, וואס האט בעדייט: אי טייער געצאהלט אי פערפוילטע פיש געגעסען.

די פיאסקא איז געווען די גרעסטע, וואס מען האט זיך אפילו ניט געקאנט פארשטעלען.

גראדנער א ז די גאנצע צייט געשטאנען אן א זייט און האט דערפון גרויסען צער געהאט. ער איז ארויף אויף דער פלאטפארם און האט אויסגעזידעלט דאס „ווערטהע פובליקום" מיט די ערגסטע ווערטער. דער עולם איז גאר לעבעדיגער געווארען און האט איהם אפלאדירט.

פארטיג געווארען מיט'ן גאב, איז גראדנער ארונטערגעלאפען פון דער פלאטפארם, צוגעגאנגען צו גאלדפאדען און געטרייסט איהם און אין קורצע ווערטער ערקלערט איהם די אורזאך פון דער פיאסקא. דער עולם וואס האט געזעהן גראדנער'ן, וועלכער האט נאר געזונגען גאלדפאדען'ס ליעדער, פלעגט ז ך ווייזען אין לאנגע פאות'ן און אין א שטריימעל און געמאכט האפקעס, האט ערווארט, אז דער מאן וואס מאכט אליין די ליעדער וועט מסתמא ערשיינען און וועט ווייזען אזעלכע האפקעס, וואס מען האט דאס נאך ניט געזעהן, און ווער ווייסט, אפשר וועט ער אויך ציהען רויטע שטעננעס פון נאז. ענטטוישט אין זיין ערווארטונג איז דער עולם, נאטירליך, געווען בייז און אויפגעבראכט.

גראדנער האט זיך דערמיט ניט בענוגענט און געסטארעט זיך צו פערגלעטען דעם שלעכטען איינדרוק. ער האט זיך ג ך ארייגעווארפען אין א כאלאטעל, ארויפגעכאפט א פאר פאות און א שטריימעל און איז ארויפגעשפרונגען אויף דער פלאטפארם. פון גרוים איילענים האט ער פערגעסען אנצוטהאן א בארד, נאר דאס האט נאר ניט געשטערט. ער האט אנגעהויבען צו זינגען „דאס

פרעהליכע הסיד'ל" פון גאָלדפאדען און דערביי געקרימט זיך און געטאַנצט און דער עולם האָט איהם דערפאר בעלוינט מיט דונערענ־דע אפלאָדיסמענטען.

גראָדנער האָט געראַטעוועט דעם אָבענד און פערמידען א מיאוס'ען סקאַנדאַל.

דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע לעקציע אין דעם געשמאק פון יענעם עולם, וואָס האָט פערלאַנגט אזא אונטערהאלטונג, וואָס האָט דערמאַנט טהעאטער. אויב גאָלדפאדען האָט פריהער געהאט טהעאָריעס וועגען א ביהנע, זיינען זיי נאָך דעם דאָזיגען אָבענד צושפרונגען געוואָרען, ווי א זייפענבלאָז. דאָ האָט ער זיך בעגעגענט פנים אל פנים מיט יענעם עלעמענט, וואָס וועט בעזוכען א אידישען טהעאטער און ער האָט בעשייניפערליך געזעהן, וואָס דער דאָז גער עלעמענט פערלאַנגט, און ווי אזוי מען קאָן צו איהם צור־קומען.

דאָס אלץ ערקלערט גאָלדפאדען אליין.

די נאָהענטע שייכות פון גאָלדפאדען'ס ערשטער ערשיינונג אויף א ביהנע אלס דעקלאַמאַטאָר אין יאסי מיט דעם ווינקעל־שטיין פון דעם אידישען טהעאטער, און די וויכטיגקייט פון דעם דאָזיגען מאָמענט פאר דער אידישער ביהנע פון א היסטאָרישען שטאַנדפונקט איז אזוי גרויס, אז דאָס פערדיענט א גענויערע בע־טראַכטונג און עס איז כדאי לענגער דערויף אָבצושטעלען זיך.

מען דארף קיינעם קיין פינגער ניט לעגען אין מויל, פאר וואָס גאָלדפאדען האָט איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען פון דעם דאָ־זיגען דעביוט זיינעם אין יאסי. ער האָט געשילדערט יענעם אָוועַנד ביי שמעון מאַרק אין גערטעל מיט יאָהרען און יאָהרען שפעטער, ווען ער איז שוין געווען מעהר א זייטיגער צושויער און האָט גע־קוקט אויפ'ן אידישען טהעאטער מיט די אויגען פון א היסטאָרי־קער. עס איז פאר איהם ניט געווען קיין סוד, אז מען בעטראַכט איהם אלס פאָטער פון איד שען טהעאטער און ער האָט גוט געדענקט ווי מען האָט איהם אויפגעוואָרפען פאר וואָס זיינע ערשטע שטי־קער זיינען געווען אזעלכע נארישע בורלעסקעס. ער האָט דאריבער געוואָלט ווייזען, אז דער פאָטער פון אידישען טהעאטער האָט קיין

אנדער בריה נים געהאט און ער האט געמוזט געהן מיט'ן וועג, מיט וועלכען ער איז געגאנגען.

דאס איז אזוי ריכטיג, אז קיין צוויי מיינונגען קאנען גאר ניט זיין דערין.

דער טעות אבער שטעקט אין די מאטיווען. גאלדפאדען האט געגלויבט, אז דער דעביוט זיינער אין יאסי איז געווען דער פינגער פון גאט, וואס האט איהם געוויעזען דעם ריכטיגען וועג צו ער־פילען זיין גרויסע מיסיאן צו ווערען דער פאטער פון איצטיגען טהעאטער, און אין יענעם אווענד, ווען ער איז געשטאנען פאר א גרויסען פובליקום און דעקלאמירט זיינע ליעדער, איז איהם אנט־פלעקט געווארען ווי און וואס ער זאל שאפען. דאס איז ניט ריכ־טיג שוין דערפאר אליין, ווייל ווען ער וואלט צוגעטראטען צו זיין מיסיאן מיט אן אויסגערעכענטקייט, וואלט ער קיין מאל ניט גע־ווארען דער גרינדער פון דער אידישער ב הנע.

דער בעגעהר צו ווייזען, ווי אויסגערעכענט עם זיינען געווען די ערשטע טריט פון דעם אידישען טהעאטער האט איהם געטריבען איבערצוגעבען די איינצעלהייטען פון זיין דעביוט אין יאסי אין א ראטושירטער פארם. גאלדפאדען האט פערפעהלט צו דערצעהלען נאך א פאר איינצעלהייטען, וועלכע בעלייכטען בעסער זיין ריכטיגע פיזיאנאמיע און ערקלערען בעסער פיעלע פונקטען, וואס זיינען אונפערשטענדליך פאר דעם וואס שטודירט יענע צייט. ער האט די דאזיגע אנדערע איינצעלהייטען דורכגעלאזט, ווייל זיי האבען ניט הארמאנירט מיט דער קאנצעפציע, וואס ער האט געמאכט פון זיך גופא.

דער ערשטער אונפערשטענדליכער פונקט איז, ווי קומט איי־נער, וואס האט זיך יאהרען־לאנג מכין געווען צו רבנות, זאל זיין אפילו קאזיאנע רבנות, אנשליסען זיך אן די פאלקס־זינגער און ארומפאהרען מיט זיי און געבען נארישע פארשטעלונגען. מען דארף זיך דאך ניט נארען, די מחיצה צווישען א ראבינער און א פאלקס־זינגער איז געווען אזוי הויך, אז זיי האבען ניט געקענט האבען קיין שום מגע ומשא איינער מיט'ן צווייטען; דאס וואס מען האט דע־מאלט גערופען טהעאטער איז געווען ניט מעהר ווי א שמוציגער

שענקעל, און די ערשטע שטיקער זיינען געווען די נארישסטע, ווילדסטע, אומגעלומפערטסטע זאכען, וואס מען קען זיך נאר פאר־שטעלען, און ביי אן אינטעליגענטען מענשען האט דאס פנים גע־דארפט פלאמען פאר בושה, אז עפעס אזוינס זאל טראגען זיין נאמען.

גאלדפאדען גופא האט עס ניט געקענט פערשטעהן. ערגעץ שרייבט ער אזוי:

„איך האב ניט געקענט בעגרייפען וויפיעל מאל אין מיין יו־גענד, ביי אזא ענערגיע, ווילען און פעהיגקייטען, וואס איך האב דעמאלט געהאט און האב מיך בעשטרעבט גלייך מיט אלע מיינע שול־קאמעראדען, מיר מאכען א דעפיניטיווע קאריערע און גלייך ווי זיי ענדיגען איינע האהע־שולע אלס יוריסט אדער מעדיצ נער, און ווי אויף צו להכעיס, נאר איבער א קליינע אורזאך איז דאס מיר איבערגעשלאגען געווארען. ענדליך אין דער קריעגס־צייט האב איך געהאט די געלעגענהייט גלייך ווי אנדערע פאדריאטשיקעס פער־דיענען ממון קרח און ווערען א גביר, נאר עפעס איבער א נארי־שער קלייניגקייט האט זיך דאס דריידעל א קעהר געטהאן קאפויר...“

און די קאריערע פון זיין לעבען האט ער אנגעהויבען, ווי ער דריקט זיך אויס, פון שמוציגסטען שענקעל.

ער האט פערגעסען אדער געררעכענט פאר איבעריג אנצוגע־בען די קליינע אורזאך, וואס האט איהם געשטערט צו מאכען א „דעפיניטיווע קאריערע“, נאר דאס איז פאר אונז ניט נויטיג. דאס שטודירען אין ראבינער־שול האט ארויסגערופען ניט נאר גרויסע האפנונגען אויף עולם־הזה, נאר אויך געשאפען גרויסע פאדערונ־גען פון לעבען. א גוטער יוריסט, א גוטער דאקטאר האט געלעבט אין גרוים רחבות און דער דאזיגער וועג איז געווען אפען פאר די תלמידים פון ראבינער־שול. ווען אבער א געענדיגטער ראבינער האט צוליעב וועלכער עס איז אורזאך ווייטער ניט שטודירט, האט ער זיך געמוזט בענוגענען מיט א קאזיאנער קרוין פון רבנות אדער נאר ווערען א לעהרער. גאלדפאדען איז געווען צופיעל הומאריסט פאר א מ״ן רבנות וואס איז בעשטאנען אין שרייבען מעטריקעס און האלטען א סטערעאטיפישע דרשה אין טאבעלנע טעג. ער האט דע־

ריבער קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו נעהמען זיך צו לעה־רעריי. נאר ווי שוין געזאגט אין דעם פאריגען ארטיקעל, איז ער געווען צו לעבענסלוסטיג פאר אזא ארימער און טרוקענער פראפע־סיע. און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האט ער די לעהרעריי א שליידער געטהאן און אריינגעווארפען זיך אין מסחור.

ווען מסחור געלינגט, גיט ער א סך מעהר רחבות ווי די בעסטע פראפעסיע. און גאלדפאדען האט ניט סתם געוואלט זיין א סוחר'על. ער האט חשק געהאט צו לעבען גאר אויפ'ן ברייטען פוס און האט זיין מסחור געפיהרט פון דער גרויסער האנד. ווערליג בעקאנטע זיינע זאגען, האט דער באנקראט זיינער אין אדעס בעטראפען א סומע פון אכציג טויזענד רובעל, ווען ער האט געמוזט אויפגעבען זיין מאגאזין פון דאמען־היט.

נאכדעם זיינען שוין פאר איהם אבגעהאקט געווארען אלע וועגען פון א לעבען און ער איז געבליבען נאר מיט די גרויסע פאר־דערונגען און אהן שום מ טלען.

אבער דער בייטש פון לעבען האט איהם געטריבען צו געפי־נען עפעס א וועג פאר זיך. פאר איהם איז נאך געווען אפען איין וועג, וואס האט געהאט א שייכות מיט זיינע פריהערדיגע פארבע־רייטונגען און מיט זיין טאלאנט און דאס איז געווען דאס פעלד פון זשורנאליסטיק. ער האט אין גאר א קורצען משך געגרינדעט איין צייטונג נאך דער אנדערער און זיי האבען זיינע האפנונגען ניט פערווירקליכט.

אין יאסי איז ער פערוואגעלט געווארען צוליעב די אינטערע־סען פון א נייער צייטונג, וואס ער האט געהאפט דארטען צו גרינ־דען נאר ער האט זיך אן דעם אנגעכאפט ווי איינער וואס טרינקט זיך אן א שטרוי. ער האט שוין געוואוסט, אז דאס זשורנאליסטי־שע פעלד פערמאגט זעהר ווייניג פאר איהם. ער האט נאר געקענט האפען אויף א חיי שעה, און ערגער דערפון האט שוין קיין זאך ניט געקאנט זיין. ער איז איצט געווען גרייט צו ווארפען זיך אויף אלץ, און אין דעם מאמענט פון זיין לעבען האט זיך פאר איהם געוויעזען דער פאלקס־זינגער גראדנער.

א דינער פעדימעל, וואס גאלדפאדען וואלט אונטער אנדערע אומשטענדען קיין מאל ניט בעמערקט, האט געמאכט א פערביג־דונג צווישען דעם פאלקס־זינגער און דעם פאלקס־דיכטער. גראדנער האט געזונגען גאלדפאדען'ס ליעדער און דאס האט איצט צווישען זיי געמאכט א מין שייכות ווי פון א תלמיד און א רבי'ן. גראדנער האט ניט נאר גערעכענט פאר זיין הייליגסטען חוב צו קומען אב־געבען כבוד זיין רבי'ן, נאר דאס איז ביי איהם אויך געווען א פראגע פון פרנסה. גאלדפאדען, וועמען די צורה פון א מטבעה איז שוין באלד געווארען פרעמד, האט איצט געדארפט דענקען זעהר פלינק און ער האט אויך גלייך אבגעלערענט א קל וחומר פון גראדנער'ען, אז דאס עפענט זיך פאר איהם א ברייטע פעלד פון פערשיעדענע מעגליכקייטען. וואס ניעדריגער ער האט ארונטער־געקוקט אויף די פאלקס־זינגער, אלץ מעהר אפטימיסטיש איז ער געווארען וועגען זיך אליין און אלץ מעהר האפנונגען האט ער גע־לעגט אויף זיין געבילדעטקייט און קענטנים פון דער וועלט. ער האט זיך איצט ניט געקימערט, וואס ער וועט טהאן אויף דעם דאז־זיגען פעלד: ער איז געווען גרייט אויף אלץ.

אין זיין שילדערונג וועגען זיין דעביוט אין יאסי האט גאלד־פאדען פערגעסען צו דערמאנען איין קלייניגקייט, וועלכע ווייזט אונז, וואס ער איז געווען גרייט צו טהאן אין יענער צייט. ער האט ניט דערמאנט, אז ווען ער איז ארויס אויף דער עסטראדא האט ער זיין ליעד ניט דעקלאמירט, נאר געזונגען. גאלדפאדען האט געהאט א גוטען קול און האט ליעב געהאט נגינה. די חברים אין ראבי־נער־שול האבען געלעקט די פינגער פון זיין זינגען און פון זיינע אידישע ליעדער. נאר ער האט ניט פערשטאנען, אז דאס וואס איז געווען גוט פאר חברים, האט ניט געטויגט פאר א פובליקום, וואס איז געקומען אבגעבען כבוד דעם גרויסען דיכטער. דעם אווענד האבען פאר איהם געמאכט זיינע פערעהרער און עס פערשטעהט זיך, אז זיי זיינען געקומען פארטיג צו אפלאדירען איהם, און ווען ער וואלט טאקע דעקלאמירט קען זיין, אז דער פראסטער עולם וואלט געבליבען זיצען שטיל, אבער די פערעהרער וואלטען געפאטשט בראווא מיט אלע כחות. ווען אבער דער גרויסער פאלקס־דיכטער

איז ארויסגעטראָטען אלס א פאָלקס־זינגער, האבען זיי דערפיהלט א פאטש אין פנים און ביי זיי האָט זיך קיין האנד ניט געקענט הויבען. און דער פראָסטער עולם האָט פון זיין זינגען קיין התפעלות ניט געקענט כאפען און דער אָווענד האָט זיך געמוזט ענדיגען מיט א פיאסקא.

נאָך גאָלדפאַדען׳ס ארויסטרעטען אלס זינגער ווייזט ווי אזוי דער שיקזאל האָט איהם פערבונדען מיט די ערשטע אידישע אקטיאָרען און ווי אזוי אויך זיין גורל איז אויסגעפאלען צו ווערען דער גרינדער פון אידישען טעהאטער.

גאָלדפאדען האָט אין דעם מאָמענט פון זיין ערשטער פיאסקא גלייך איינגעזעהן, אז אלס זינגער וועט ער זיך קיין רעפוטאציע ניט שאפען און עס איז געווען לאָגיש פאר איהם צו קומען צום שלום, אז ער קען א סך מעהר אויפטהאָן, ווען ער שטעלט זיך בראש פון די זינגער און ווערט זייער וועג־ווייזער. אויב זיי האָבען דעם טאלאנט צו זינגען און צו טאנצען און צו מאכען די נויטיגע תנועות און האוואַיעס, בעזיצט ער דעם טאלאנט ארייִנצובלאָזען דעם גייסט פון לעבען אין זייער אונטערהאלטונג און ער האָט דעם פיינערען געשמאק צו פערוואנדלען די ווילדע תנועות און האוואַיעס אין א גוטער מימיק. מיט איין וואָרט, ער קען ווערען דער דירעקטאָר, דער דראמאטורג, דער רעזשיסער און אלץ וואָס איז נויטיג פאר א טהעאטער.

ניינטער קאפיטעל.

דער ווינקעלשטיין געלעגט.

די פיאסקא פון גאָלדפאדען'ס דעביוט אין יאסי און די דאנקבארקייט צו גראָדנער'ן פאר זיין קומען איהם צו הילף אין אזא קריטישען מאָמענט, האָט זיי נאָך דעם דאָזיגען אָווענד געמאכט א סך נעהענטער איינער צום צווייטען און פון דעם דינעם פעדימעל איז צווישען זיי געוואָרען א שטארקער באנד, און ווען אויף מאָרגען נאָכ'ן דעביוט איז גראָדנער געקומען בעטען ביי גאָלדפאדען עטליכע נייע ליעדער, איז שוין אין גאָלדפאדען'ס קאָפּ פארטיג געוואָרען דער גאנצער פּלאן.

גאָלדפאדען האָט מיט'ן אויג פון א קענער ריכטיג אָבגעשאצט גראָדנער'ס פעהיגקייטען און האָט תיכף איינגעזעהן, אז פון איהם קען ארויסקומען א פיינע כלי. ער האָט איהם ערקלעהרט, אז עס איז א שאָד, אז אזא טאלאנט זאָל פערלאָרען געהן אויף ליעדלעך און האָפּקעס און האָט איהם גלייך געמאכט דעם פארשלאג, ער זאָל זיך האלטען אָן איהם, וועט ער איהם געבען די מעגליכקייט צו שפּיעלען אין אמת'ע טהעאטער־שטיקער.

און אין יענעם מאָמענט איז געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין פון א אידישען טהעאטער.

גראָדנער איז געווען אן אמת'ער ארטיסט און די פּערספּעקטיוו פון ווערען אן אמת'ער אקטיאָר אויף אן אמת'ער ביהנע, אין אן אמת'ען טהעאטער, איז געווען מעהר, ווי ער האָט ווען געקענט האָפען און חלום'ען, און ער האָט זיך דערין אָנגעכאפּט מיט ביידע הענד. ער איז איצט געווען גרייט צו דיענען דאָס גאנצע לעבען גאָלדפאדענען, אבי צו זעהן די פערווירקליכונג פון אזא שעהנעם חלום. אוים זינגער, נאָר שוין אקטיאָר! אוים שענקעל, נאָר שוין א טהעאטער! אוים קרימען זיך, נאָר טאקע אמת שפּיעלען! און

דאָס אַלץ אונטער דער השגחה און פּערזענליכער לייטונג פון אַזאַ געבילדעטען מענשען ווי גאָלדפאַדען!

גראָדנער'ען האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען אַזאַ גליק, נאָר גאָלדפאַדען האָט איהם ערקלערט, אַז דאָס איז זיין ערנסט, און ער האָט טאַקע גלייך גענומען פערווירקליכען זיין פּלאַן.

דעם גרעסטען פערדיענסט האָט זיך גאָלדפאַדען געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט ריכטיג פערשטאַנען אָבצומעסטען די סי־טואַציאָן און בויגען זיך צו די אומשטענדען. ער האָט שוין מיט יאָהרען פריהער אָנגעשריעבען אַ קאָמעדיע „די מוהמע סאָסיע“, וועלכע ווערט גערעכענט אַלס איינע פון זיינע בעסערע שטיקער. נאָר ער האָט פערשטאַנען, אַז פאַר'ן פּובליקום פון די זינגערס איז אַזאַ פּיעסע קיין סחורה ניט און מיט'ן איינציגען טאַלאַנטירטען זינגער קען מען צום טיש ניט געהן. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס טהעאַטער דאַרף אויסוואַקסען פון די ליעדלעך און זינגער, וואָס ער האָט דאָ געטראָפען אין יאַס', און די ענטוויקלונג פון דער ביהנע און פון דעם געשמאַק פון דעם פּובליקום קען נאָר צוגעהן בהדרגה. ווען ער זאָל עס ניט פערשטעהן, וואָלט ער קיין מאָל ניט געוואָרען דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאַטער.

גאָלדפאַדען איז געווען אַ קינד פון זיין פאָלק. ער האָט געקענט אויסגעבונדען אַלע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. ער האָט אויסגע־צייכענט געוואוסט דעם געשמאַק פון די בעזוכער פון די שיינקען און רעסטאָראַנען און פון דער אידישער אינטעליגענץ. ער האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז אַ אידישער טהעאַטער קען ערוואַרטען די שטיצע נאָר פון יענעם עלעמענט, וואָס האָט פּאַטראָניזירט די זינגער. ער האָט געזעהן, ווי אַזוי נייינציג פּראָצענט פון זיינע גע־וועזענע חברים אין ראַבינער שול האָבען זיך פערהאַלטען צו אי־דיש. ער האָט ניט געקענט האָבען דעם מינדסטען צווייפעל, אַז דער אינטעליגענטערער אידישער עולם וועט קרימען די נאַז אויף אידישע פאָרשטעלונגען.

פאַר די אידישע אינטעליגענטען זיינען געווען אָפען די טהי־רען פון אַלע טהעאַטערס, וואו עס האָבען געשפּיעלט געשולטע אַק־טיאָרען און וואו מען האָט אויפגעפיהרט פּיעסען פון אַ ליטעראַרי־

שען און דראמאטישען ווערטה. און ווי שוין געזאגט, ווען אפילו די אינטעליגענטען וואלטען זיך ניט געקרימט אין יענער צייט אויף „זשארגאן", האט מען דעמאלט פשוט ניט געקענט אויפפיהרען קיין בעסערע פיעסען, ווייל א בעסערע פיעסע פאדערט בעסערע אקטיא־רען, און זיי קען מען פון פינגער ניט או סברעכען.

גאלדפאדען האט דעריבער געטהאן דאס בעסטע אונטער די אומשטענדען. ער האט זיך גלייך אנידערגעזעצט און אויף דער הייסער מינוט אנגעשריבען עטליכע ערנסטע און קאמישע ליעדלעך און זיי באלד איינגעשטודירט מיט זיינע צוויי אקטיארען גראדנער און שכר גאלדשטיין.

דאס איז געווען די ערשטע שטיק, וואס גאלדפאדען האט צו־געגרייט ביים לעגען דעם גרונדשטיין פון דעם אידישען טהעא־טער. ווי דאס שטיק האט געהייסען, האט ער שפעטער אליין ניט געוואוסט, נאר דער עיקר פון דער דאזיגער פיעסע זיינען געווען די ליעדלאך. די צוויי אקטיארען האבען אויסגעלערענט די ליעד־לאך. ער האט זיי ערקלערט, וואס די האנדלונג דארף זיין, וואס זיי האבען צו טהאן און וואס צו רעדען. אויסער די ליעדלאך איז קיין זאך ניט געשריבען געווארען און קיין ראלען האט מען ניט געמאכט. בשעת מען האט שטודירט די ליעדלאך, איז אויסגעאר־בייט געווארען די „פראזע", וואס די אקטיארען האבען געדארפט רעדען לויט דער האנדלונג. עס האט ניט אויסגעמאכט צו די אק־טיארען וועלען גערעדענקען אקוראט צו ניט. עס איז קיין בייז ניט געווען, אז זיי זאלען זאגען, וואס אין מויל וועט זיי אריינפאלען. די הויפט־זאך איז געווען, אז זיי זאלען וויסען, ווען צו קושען זיך, ווען צו שלאגען זיך און ווען צו טאנצען.

דאס דאזיגע „שטיק" איז ארויסגעקומען אין צוויי אקטען און גאלדפאדען דריקט זיך אויס וועגען איהם אזוי:

„וואס זאג איך א שטיק! א — איך וויים אליין ניט וואס — א מין דולענים, אן אונזין, א קאלאמוטנע—"

און דאס איז ניט געווען קיין עניוות פון זיין זייט.

אין דעם דאזיגען שטיק איז גראדנער געווען א יונגער חסיד און גאלדשטיין זיין יונגע ווייבעל. די האנדלונג אין ערשטען

אקט איז בעשטאנען דעריין, וואס זיי האבען זיך געקריעגט און גע־זונגען, געזונגען און געזידעלט ז״ך.

אין צווייטען אקט איז דאס ווייבעל מגולגל געווארען אין א בחור'על, וועלכער איז געזעסען ביי א נעה־מאשין און האט געזונ־גען. גראדנער שטעקט ארייין דעם קאפ אין טהיר און דערקענט אין איהם דעם קאמוניסט, וואס האט געוואלט אברעדען זיין ווייב, און בשעת ער שטעהט אזוי מיט'ן קאפ אין טהיר דערצעהלט ער דעם עולם, אז ער לויפט נאכ'ן שמש און מען וועט איהם אבגעבען פאר א סאלדאט.

ווען דער חסיד פערמאכט די טהיר, כאפט דער אינגעל א קליידעל מיט א שאל, טהוט זיי אן און נעהט ווייטער.

דער חסיד קעהרט זיך אום צוריק און טרעפט א שעהנע מייד־דעל ביי דער מאשין. ער ווערט דערפון איבערראשט און באלד הויבט ער זיך אן צו שארען צו איהר און ערקלערט איהר, אז ער וועט שלאגען כפרות מיט זיין ווייב און חתונה האבען מיט איהר.

די מיידעל גיט זיך ארוים פאר א יונגער אלמנה און שטימט איין אויף זיין פארשלאג, נאר זי בעדויערט דעם גרויסען חסרון וואס זי האט, און דער חסרון איז, וואס איהר טויטער מאן וויל איהר ניט אבלאזען און אלע האלבע נאכט יאוועט ער זיך אין איהר צימער און קנייפט איהר.

דער חסיד לאכט זיך אויס דערפון און ערקלעהרט איהר, אז ער איז שוין גאר ניט פון די שרעקעדיגע און ביי איהם איז דאס קיין חסרון ניט. דערווייל ווערט האלבע נאכט און דער זייגער שלאגט צוועלף. די טהיר עפענט זיך, און א בחור אין ווייסען שטעהט פאר איהם.

דער חסיד דערשרעקט זיך צום טויט און פאלט אנידער מיט'ן פנים צו דער ערד. דער טויטער רעכענט איהם אויס אלע זיינע חטאים און דער חסיד קלאפט זיך על חטא אין הארצען און דער טויטער צעהלט איהם מיט א בעזים פיערציג מלקות.

נאך די מלקות רופט זיך דער טויטער אב:

— א צט פערשווינד איך און דו מעגסט נעהמען מיין ווייב.

דער בחור'ל ווארפט דערווייל אראב דאס קליידעל און שאל

און שטעלט אוים דעם חסיד א צונג, און דער חסיד בלייבט מיט א נאז.

דאס דאזיגע שטיק איז אויפגעפיהרט געווארען אין יאסי ארום די ימים טובים אין 1876, גאלדפאדען אליין האט עס ניט בע־טראכט פאר קיין דראמאטישע ווערק און ער האט דערויף געקוקט ניט מעהר ווי אויף א פראבע צו מעסטען זיינע אייגענע און די זינגערס קרעפטען. ווי עס שיינט, איז ער מיט דער דאזיגער פראָ־בע ניט געבליבען צופריעדען און עס איז זעהר מעגליך, אז מעהר ווי איין מאל האט מען דאס „דולענים" ניט געשפיעלט. אבער דאס האט איהם ניט אבגעשלאגען די פליגלען. ער נעהמט זיך ווייטער מיט מעהר מוטה און מעהר ענערגיע צו דעם בנין וואס ער האט אנגעהויבען.

פאר יאסי איז זיין דעביוט און די ערשטע שטיק געווען אי־בערגענוג און ער האט בעשלאסען צו פרואווען זיין מזל אין אן אנדער שטאדט. און גלייך נאך די ימים טובים האט ער זיך אוועקגעלאזט אויף זיין ערשטער רייזע מיט א טרופע, וואס איז בעשטאנען פון אנדערטהאלבען אקטיארען פון יאסי, נאך באטור־שאני. ער האט גלייך געדונגען א לאקאל און געווענדט זיך צום פרימאר נאך אן ערלויבנים צו שפילען.

דאס האט געדארפט געדויערען א קורצע צייט און אין מי־טען האט דארטען אויסגעבראכען די בהלה.

דאס איז געווען א האלב יאהר פאר דער רוסיש־טערקישער מלחמה, און רומעניען האט שוין אנגעהויבען צו מאכען הכנות צו דעם קריעג. די הויפט־זאך איז געווען אנצוגרייטען חיל און דארטען איז דאס צוגעגאנגען ניט ווי אין אנדערע לענדער. א בע־פעהל איז ארויסגעגעבען געווארען צו כאפען יונגע מענשען און אב־געבען זיי פאר סאלדאטען. אין רומעניען זיינען געווען פיעל רו־סישע אידען, וואס זיינען אריבער דעם גרענעץ מיט דעם צוועק צו בעפרייען זיך פון דיענסט. איצט זיינען בעאמטע אין דער בע־גלייטונג פון זשאנדארען בעפאלען אלע קאפע־הייזער און אז מען האט געכאפט יונגע מענשען, האט מען קיין שאלות ניט געמאכט און מען האט זיי אבגעגעבען פאר סאלדאטען. פאר א יונגען מענ־

שען איז ניט געווען זיכער צו ווייזען זיך אין גאס, און אפילו אזעל־כע, צו וועמען רומעניען האט קיין שליטה ניט געהאט, האבען זיך געמוזט בעהאלטען, ווייל איידער וואס ווען האט מען זיי שוין אריינגעהאקט אין די קאזארמעס, און אויב שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי זיינען פרעמדע אונטערטהאנען האט מען זיי ארויסגעלאזט.

די יונגע לייט זיינען זיך צולאפען וואו די אויגען האבען זיי געטראגען. מייסטענס האט מען זיך אריבערגעכאפט דעם גרענעץ נאך בוקאווינא און מען האט דארטען געווארט, ביז די בהלה וועט אריבער.

איצט איז ניט נאר ניט געווען קיין צייט צו שפיעלען טהעא־טער, נאר גאלדפאדען מיט זיינע צוויי אקטיארען האבען זיך גאר מורא געהאט צו ווייזען, און דער בעל אכסניא האט זיי געטהאן א גרויסע טובה, וואס ער האט זיי בעהאלטען ביי זיך אויף א בוידעם.

ווען די בהלה וועט זיך ענדיגען, האט קיינער ניט געוואוסט און ליעגענדיג אויפ'ן בוידים האט גאלדפאדען מיט גראדנער'ען גע־האט צייט צו בעטראכטען בעסער זייער נעקסטען שריט. נאך דער ערשטער אונגעלונגענער פראבע מיט א „דולענים" האט זיך ביי גאלדפאדען געוויזען די אמביציע צו שטעלען א בעסערע זאך און ער האט פאר זיינע צוויי אקטיארען איבערגעלייענט די „מוהמע סאסיע." נאר נאך א קורצען ישוב הדעת זיינען זיי געקומען צום שלום, אז די דאזיגע שטיק פאדערט פינף פרויען־ארטיסטקעס און א מענער־פערסאנאל פון לכל הפחות ניין ארטיסטען און דאס איז געווען אונמעגליך, און ער האט זיך גענומען צו א נייער שטיק.

די בהלה האט איהם אריינגעגעבען א געדאנק וועגען אידישע רעקרוטען און דעם פארם וואס ער האט געשאפען אויפ'ן בוידים האט צוליעב דעם געקריגען דעם נאמען „די רעקרוטען."

עס וועט אבער זיין ניט אין גאנצען ריכטיג צו זאגען, אז די בהלה אליין האט איהם בעגייסטערט פאר א שטיק וואס זאל האבען צו טהאן מיט רעקרוטען. ווען ער זאל שעפען די בעגייסטערונג פון דער בהלה גופא, וואלט דערפון ארויסגעקומען מעהר טראגעדיע ווי פארס. מיר האבען שוין געזעהן ווי איינע פון די ערשטע פיע־

סען געשריעבען מיט א פופציג יאָהר פאר גאָלדפאדען'ס שטיק און וואָס האָט געהאט צו טהאָן מיט רעקרוטען איז ארויסגעקומען א טראגעדיע. די בהלה האָט נאָר דערמאָנט גאָלדפאדענען, אז ביי די אומות העולם זיינען געשריבען געוואָרען א סך פארסען, וואו דעם גאַנצען שפּאס גיט דער נארישער פויערשער רעקרוט, און דאָס האָט געטריבען זיינע געדאנקען אין א בעשטימטער ריכטונג און געגעבען איהם שוין א פארטיגע פאָרם. אבער, ניין, אפילו די דאָזיגע פארטיגע פאָרם האָט זיך נאָך ניט געפּאסט פאר א טרופּע, וואָס איז בעשטאַנען פון פוטהאלבען שפּיעלער. ער האָט געדארפט האָבען אַזאַ פארס, וואָס זאָל קאָנען אויסגעפיהרט ווערען פון דעם איינציגען שפּיעלער אויף וועלכען ער האָט געבויט, דאָס הייסט גראָדנער, און אין דער זעלביגער צייט זאָל דער פארס האָבען אונ־טערהאלטונג גענוג, אז דעם עולם זאָל ניט דערעסען צו זעהן דעם איינציגען שפּיעלער א לענגערע צייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט געזעהן „אז ווען איין אקטיאָר וויל אויספילען אליין א סאָלאָ שפּיעל — עס זאָל דויערען לאנג און דאָך אונטערהאלטען דאָס פובליקום, האָבען זיך אַלע קאָמיקער פון יעדער נאציאָן גע־וועהלט איינעם און דעם זעלביגען סיוזשעט פאַרצושטעלען אין קאָמישער ווייזע דעם „רעקרוט", דאָס הייסט די פלומפּהייט פון א רויהען דומען בויער־יונג, ווען מען נעהמט איהם פאר א רעקרוט."

ער איז געוועזן טריי צו זיין כלל, „אז מען מוז שטרעקען נאָך די עקען" און ניט פערמעסטען זיך גרעסער, ווי זיין מאטעריאל האָט איהם ערלויבט.

גאָלדפאדען האָט זיך מישב געוועזן מיט גראָדנער'ען וועגען דעם און יענער האָט איהם ערקלעהרט, אז ער האָט שוין ניט איין מאָל פּרובירט פאַרצושטעלען א בילד פון א אידישען רעקרוט און טאקע גלייך דאָרטען אויפ'ן בוידים געוויזען די גרימאסען. גאָלד־פאדען איז געבליבען צופריעדען און האָט זיך גענומען מאכען א שטיק אין דריי אקטען. אזוי ווי פאר א דריי אקטיגע שטיק זיי־נען צוויי פּערזאָן וועניג, איז בעשלאָסען געוואָרען צו דינגען א זעקס אָדער אכט איינגלעך פון גאס אלס סטאַטיסטען און אויב זיי וועלען האָבען עפּעס צו זאָגען אָדער צו זינגען, וועט ער מיט זיי

איינשטודירען, און די גרעסערע ראָלען וועלען שפּיעלען די צוויי אקטיאָרען. אזעלכע ראָלען זיינען געווען מעהר ווי צוויי, נאָר גראָדנער און גאָלדשטיין האָבען זיך גיך געדראַפּט איבערטהאָן און ערשיינען אין די דאָזיגע אַלע ראָלען. עס פערשטעהט זיך, אז דערביי האָט זיך געפאָדערט ניט מעהר ווי צוויי גרעסערע ראָלען אין איין צייט אויף דער ביהנע.

די בהלה האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און אַלע אַנטלאָפענע און בעהאַלטענע האָבען זיך געמעגט פראַנק און פריי און זיכער אומקעהרען אהיים און אַלע באַטושאַנער יונגע לייט האָבען זיך צוריקגעקעהרט. דער עולם איז געוואָרען לעבעדיגער און פרעהליכער. גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע איז אויך אַרונטער פון בוידעם און האָט זיך גענומען צום אויפפיהרען די שטיק אונטער׳ן נאָמען „די רעקרוטען“.

צווישען די טהעאַטער בעזוכער וועט מען טרעפען זעהר, זעהר ווניגע, וואָס האָבען געהערט פון דער דאָזיגער שטיק און אזוי ווי אין איהר ווייזט זיך שוין אַרויס גאָלדפאַדען מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, וועלען מיר איבערגעבען דעם אינהאַלט מיט מעהר איינצעלהייטען.

ערשטער אקט. שטעלט פאָר א קלויז. פּיעלע בטלנים לויפען אַרום הין און הער. מאַנכע זיצען אויף א באַנק, קוקען אַריין אין א ספר, וואַרפען זיך און שרייען, מאַנכע זיצען רוהיג און לערנען שטיל. מאַנכע טענה׳ן גלאַט צווישען זיך. אַרום איינעם שטעהט א רעדעל און מען הערט ווי ער דערצעהלט דעם נס, ווי דער רבי האָט געמאַכט דעם הויפּט־טרעפער אין דער לאָטעריע דוקא אָהן א לאָטעריע־צעטעל. עס ווערט א מהומה, א געפילדער, א געשריי. אַלע ריידען, אַלע שרייען. איינער גיט א שטאַרקען געשריי „שאַט!“ אַלע שרייען „שאַט“. איינער שלעפּט אַרויס א צווייטען און פרעגט:

— אנו, לאָמיר הערען, למשל, וואָס וואָלסטו געטהאָן, ווען דו וואָלסט געווינען דעם גרויסען געווינס?

דער צווייטער ענטפערט מיט געזאנג:

ווען מיר זאל נאר באשערען מיין בעשעפער
ביי דער היינטיגער לאָטעריע, ביים היינטיגען ציהען,
אז איך זאל קענען מאכען דעם הויפּט־טרעפער,
ווייסט איהר וואס איך וואלט געטהאָן?

אלע אין איינעם:

וואס? וואס? וואס?

צווייטער זינגט:

נאר דיך אליין וואלט איך געדיענט, טייערער טאטע,
נאר דיך אליין, זיסער גאָט!
און דו אליין וואלסט טאקע נעבען מיר לעת עתה
אויך הנאה געהאט.
איך וואלט געמאכט און געמאכט און גע...

אלע:

וואס וואלסטו געמאכט?

צווייטער זינגט:

א פאבריק פון גרעגערס און המן־קלעפּליך
פון דריידלעך און פאהנען גאר א פראכט;
א קאנדיטאריי פון קוגעלעך און קרעפּלעך
פאר מיין אשה צנועה געמאכט.
גאנצע סלויעס פון המוציא מיט האָניג
אין די שאפעס שעהן אויסגעשטעלט,
און פלוימעניויך מיט א גרויסען פּאלאניק
וואלט איך געזופּט ביי מיר אָהן געלד.

א דריטער חסיד טרעט ארויס און פאנגט אן זינגען פון אנ־פאנג „ווען מיר זאל נאר בעשערען מיין בעשעפער" כסדר אין דער ארדנונג ווי פריהער, ביז ער קומט צו „און וואלט געמאכט."

אלע: וואס וואלסטו געמאכט?
דער דריטער:

א שיינק פון ראזינקעס־וויין אין טעפליך
פעסליך מיט פסח׳דיגען בארשט א פראכט.
און אפטהייק פון קאנעס און האניג צעפלאך
פאר מיין אשה צנועה געמאכט.
מים שלנו וואלט איך פערקויפט אויפ׳ן שעפיל
מוהל מעהל זעהר וואלוועל אויף דעם פוד,
און „מרור" וואלט ביי מיר געגעסען גאנצע לעפיל
יעדער עהרליכער כשר׳ער איד.

דער פיערטער (ווידערהאלט זיך דער זעלביגער סדר):

א קאנטאר פון גבאים און מצוה שלוחים
פון בטלנים און לעהרנערס־משניות ביי נאכט;
א מאנופאקטור קלייט פון תכריכים
פאר מיין אשה צנועה געמאכט.
כ׳וואלט אבגעקויפט מיט רוחים
אויף א בית הקברות א פעלד א פוסט,
ביי די דייטשען וואלט איך גענומען גוטע מקחים,
און חסידים געלאזט בעגראבען גאר אומזיכט.

מען שמועסט ווייטער און דא קומט פאר א קאמישער דיאלאג צווישען צוויי חס דים וועגען תכסיסי מלחמה, ביז עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין דער כאפער מיט א רויטען גארטעל און טהוט א קלאפ מיט זיין שטעקען. אלע כאפען זיך ארויס פון קלויז. נאר א יונג חסיד׳על פערטיעפט זיין לערנען האט ניט בעמערקט דעם כאפער. דא קומט פאר א קאמישע סצענע, וואו דער כאפער פרואווט איהם נעהמען און ער לאזט זיך ניט. ביז ענדליך דער כאלדאט, וואס איז געקומען מיט׳ן כאפער, שלעפט איהם מיט געוואלט אוועק.

דער כאפער געהט צו איינעם צדוק, וועלכער שטעהט די גאנצע צייט און ווארימט זיך ביים אויווען. ער שטעהט רוהיג און ווארט

געלאסען אויף זיין אורטהייל, אלס קאנטראסט פון דעם רעקרוט, וואס האט ניט געוואלט געהן פריייוויליג. ווען דער כאפער ערקלעהרט איהם, אז ער מוז איהם נעהמען פאר א סאלדאט, ענטפערט צדוק, אז ער וועט ג ע רן טהאן זיין פליכט און שולדיגקייט צו דיענען זיין פאטערלאנד, נאר פאר'ן אוועקגעהן זאל ער איהם ערלויבען אויף א ווייל צו זעגנען זיך מיט דעם ווינקעל, וואו ער האט פער־בראכט די יוגענד און וועט דאס אפשר שוין מעהר ניט ווידערזעהן.

דאס ליעד וואס צדוק זינגט איז א פאראדיע אויף יאהאנאס אבשיעד אין שילער'ס „יונגפרוי פאן ארלעאנס“:

זייט געזונד, איהר סטענדערס, וואס איך פלעג ביי אייך שוויצען
איהר אבגעריבענע ביינק — זייט געזונד!
צדוק וועט אויף אייך שוין מעהר ניט זיצען,
צדוק זאגט אייך אויף אייביג — זייט געזונד!
איהר, אלטע ספרים, וואס איך פלעג אייך קנייטשען דא,
רוהט אייך ווייטער, רוהט אייך אין א גוטער שעה!
זייט געזונד, איהר גרילען, אויך איהר אלע פליגען,
וואס איהר פלעגט מיר אונטערהאלטען צו מיין גמרא־נגון,
ווען איך פלעג מיר לערנען ביי נאכט אין קלויז אליין,
צדוק געהט — און קומט מעהר ניט צוגעהן.

ער זינגט נאך עטליכע קופלעטען און דא פאלט דער פארהאנג אויפ'ן ערשטען אקט.

דער צווייטער אקט שטעלט פאר א פעלד אונטער דער שטאדט: פאר א פעסטונג שטעהט א סאלדאט אויף דער וואך און זינגט א סאלדאטסקע ליעדעל. דער סאלדאט איז צדוק און אז ער ווערט פארטיג מיט'ן זינגען קומט אריין דער רעקרוט חיים שע״ה. צווי־שען זיי קומט פאר א קאמישער דיאלאג און דאן קומט אריין אן אונטער־אפיציער און הויבט אן צו לערנען דעם רעקרוט גימנאס־טיק און דער אקט ענדיגט זיך דערמיט, וואס מען הערט טראמ־פייטען און פויקען אלס סיגנאל צום עסען. דער טאמבור מאזשאר אין בעגלייטונג פון אייניגע סאלדאטען מארשירען ארויף אוף דער ביהנע. דער רעקרוט שלעפט זיך נאך אין א קאמישער פאזע.

דער דריטער אקט שטעלט פאר דאס זעלבע פעלד. אין א זיים שטעהען ביקסען צוזאמענגעשטעלט אין פּיראמידען־פאָרם. אייניגע רעקרוטען ליגען אויסגעלעגט אויף דער ערד, זיי רוהען זיך אויס. או סער חיים שעיה'ן געפינען זיך אויך די אידישע רעקרוטען: עוזר לאָזער, געצעל מיכאל. זיי דערמאָהנען די גליקליכע יאָהרען פון דער היים. איינער הויבט זיך אויף און זינגט דאס הומאָריסטישע ליעד „רבש"ע, הורא!" דער אונטער־אָפיציער קומט אריין. אלע כאפּען זיך אויף, נעהמען די ביקסען און שטעלען זיך אויס אין א רייהע. דער אונטער־אָפיציער ערקלעהרט, אז היינט וועט ער זיי לערנען שיסען, און אז ער וועט זאָגען „פייער!" מוזען אלע אויס־שיסען. ער ווייזט זיי דעם ערשטען ביישפּיעל און שיסט אויס. אלע פאלען אנידער אָהן לשון מיט די פּנים'ער צו דער ערד. דער אונטער־אָפיציער זעהט, אז ער קאָן מיט זיי גאָר ניט מאכען, געהט ער אוועק מיט'ן ענטשלוס צו בעפרייען זיי אלעמען פון מיליטער־דיענסט. באלד קומט ער ווידער אריין און זאָגט זיי. אז זיי קענען געהן אהיים, נאָר זיי זאָלען אומבייטען זייערע קליידער, און ווען זיי ווייזען זיך ווידער אמאל אויף דער ביהנע, זיינען זיי שוין אָנגעטהאָן ווי חסידים און זינגען און טאנצען א חסידים־טאנץ.

די הויפּט־ראָלע פון דער שטיק איז פון דעם רעקרוט חיים שעיה, דאס הייסט די קאָמישע, און געשפּיעלט האָט איהר גראָד־נער. דעם נאָמען חיים שעיה האָט גראָדנער אליין אויסגעקליבען און דאס ווייזט, אז ער האָט אויך געהאט א האנד אין די רעק־רוטען.

עס איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז די סאָלדאטען וואס מאר־שירען אריין מיט'ן טאמבור מאזשאָר צום שלוס פון צווייטען אקט, זיינען ניט געווען סטאטיסטען נאָר אמת'ע זעלנער. עס איז ניט בעקאנט, צי דאס איז געטהאָן געוואָרען מיט אן אויג פאר עקאָנאָ־מיע, דאס הייסט אז עס איז געווען ביליגער צו בעשטעלען עטליכע אמת'ע סאָלדאטען, אז זיי זאָלען ארויפמארשירען אויף דער ביהנע, ווי צו דינגען סטאטיסטען און לערנען זיי ווי צו מארשירען און שאפען פאר זיי די נויטיגע סאָלדאטסקע קליידער, אָדער דאס איז געטהאָן געוואָרען מיט אן אויג פאר רעאַליזם. דער אמת'ער סאָל־

דאט האט געמארשירט בעסער ווי א סטאטיסט וואלט עס דערוויזען און ער האט געהאט מעהר פנים פון א סאלדאט. גאלדפאדען האט געהאט א:א אויג פאר רעאליזם. אזוי ווי ער האט אנגעהויבען צו גרינדען דעם טהעאטער אהן אקטיארען און ער האט געדארפט זוכען מיט ליכט בחורים און יונגע לייט פאר די ערשטע שטיקער און זיי זיינען געווען פערזאנען, וועמען די קונסט פון שפיעלען איז געווען פרעמד, האט ער זיך געקליגט צו העלפען זיך דערמיט. וואס פון צייט צו צייט האט ער פון גאס ארויפגעשלעפט אויף דער ביהנע די מענשען, וואס האבען אין לעבען קארעספאנדירט מיט די פערזאנען, וואס מען האט געדארפט פארשטעלען. אין דעם פאל פון די „רעקרוטען“ האבען מיר געזעהן, ווי ער האט ארויפגעבראכט אויף דער ב׳הנע אמת׳ע סאלדאטען אנשטאט סטאטיסטען אדער אקטיארען וואס זאלען זיך פערקליידען פאר סאלדאטען. אין אנדערע פיעסען איז ער געגאנגען פיעל ווייטער. אזוי, למשל, האט גאלדפאדען דערצעהלט, אז פאר איינער פון זיינע ערשטע שטיקער האט ער געדארפט האבען א שוסטער אויף דער ביהנע. ער האט געטראפען אזא כוואטסקען שוסטער און טאקע אויפ׳ן ארט האט גאלדפאדען איהם געהייסען זיך פארשטעלען, אז ניט ווייט פון איהם שטעהט זיין ווייב און זי גיט איהם א גאב און ער ענטפערט איהר מיט פראצענט. גאלדפאדען האט איהם סופלירט וואס צו זאגען און יענער האט עס ארויסגעבראכט מיט דער ריכטיגער פארב און מיט׳ן ריכטיגען טראפ.

עס זיינען ניט וויכטיג די איינצעלהייטען, ווי אזוי גאלדפאדען מיט זיין קליינער טרופע האט זיך ארומגעשלעפט דעם ערשטען ווינטער איבער די קלענערע שטעדט אין רומעניען, און מיר ווילען נאר דערמאנען די שטאדט גאלאץ, וואו גאלדפאדען האט אנגעשפארט ארום פורים צייט אין 1877. זיין אנקומען אין גאלאץ ווארפט א ליכט, ווי אזוי ער האט אין יענער שווערער און ביטערער צייט „געהויבען הקפות“ און ווי אזוי ער האט דערוויזען אריבערצופיהרען זיינע „פוטהאלבען“ אקטיארען פון איין שטעדטעל אין דעם צווייטען.

אין רומעניען האבען די אידען דעמאלט געהאט א פרייען.

וואס האט געהייסט „לעבאנאן." די לעבאניסטען אין יאסי האָ־בען מקרב געווען גאָלדפאדען און האבען איהם געמאכט פאר זייער עהרען־פרעזידענט. און איידער ער איז אוועקגעפאהרען קי׳ן גאלאץ, האָט דער פרעזידענט פון די יאסער לעבאניסטען געלאזט וויסען די גאלאצער לעבאניסטען, אז דער עהרען־פרעזידענט א. גאָלדפאדען, דירעקטאָר פון אידישען טהעאטער מיט זיין קאמפאניע, קומט צו זיי און זיי זאָלען איהם געבען א פיינעם קבלת פנים.

עס האט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט פון פ נף און צוואנציג פערזאָן, וועלכער איז ארוים מקבל פנים זיין איהם. זיי האבען ער־ווארט צו בעגעגענען אן אימפאָזאנטע טרופע, די זיילען פון דעם אידישען טהעאטער מיט׳ן בעוואוסטען דיכטער אלס דירעקטאָר, און צו זייער גרויסער פערוואונדערונג האבען זיי געטראָפען איין מענשען, און דאס איז געווען גאָלדפאדען.

ער האט זיי לאנג ניט געלאזט וואונדערען זיך און האט זיי ערקלערט, אז זיין קאמפאניע איז געבליבען אין וועג, ווייל ער האט פשוט ניט געהאט אויף הוצאות.

מען האט איהם געשאפען די נויטיגע הוצאות און ער האט תיכף אראבגעבראכט זיינע צוויי אקטיאָרען.

אין א רעסטאָראן האט מען פאר איהם געדונגען א זאל, וואו מען האט אויפגעבויט א ביהנע, און ער האט דארטען אויפגעפיהרט די „רעקרוטען" מיט ערפאָלג. דארטען האט ער אויך געשפּיעלט די „באבע מיט׳ן איינעקעל."

אין א וואך צוויי ארום איז גאָלדפאדען מיט זיין טרופע אוועק־געפאָהרען קיין בוקארעסט. עס האט זיך איהם אפילו ניט גע־חלומ׳ט, ווען ער איז אריינגעפאָהרען אין בוקארעסט אהן א פרוטה אין קעשענע, מיט א טרופע פון צוויי אקטיאָרען, מיט א טהעאטער מעהר אין דער פאנטאזיע ווי אין דער ווירקליכקייט, מיט אויס־זיכטען אויף א ציגיינערשען ארומוואנדלען פון שטאָדט צו שטאָדט, מיט פלענער ווי צו „הויבען הקפות", אז אין עטליכע וואכען ארום וועט פאסירען אזעלכעס, אז מען וועט האבען צו דערצעהלען וועגען דעם צו קינד און קינדס קינדער.

גאָלדפאדען איז געקומען קיין בוקארעסט מיט א רעקאמענ־

דאציע צו א געוויסען אהרן שנאפּ, וועלכער האָט איהם געהאָלפען צו קריגען דעם טהעאטער „זשיגניצע" און ער האָט דאָרטען געשטעלט די „רעקרוטען". מען האָט אין דעם דאָזיגען טהעאטער געשפּיעלט נאָר איינמאָל, און ביי יענער פאָרשטעלונג איז צוגעקומען נאָך אן אקטיאָר, שאפּירא, דער פאָטער פון דער אקטריסע שאפּירא, וועלכע שפּיעלט איצט אין ניו יאָרק.

נאָך דער דאָזיגער פאָרשטעלונג האָט גאָלדפאַדען גענומען א האָל ביי א געוויסען לאָזאָר.

די גאַנצע צייט האָט גאָלדפאַדען געזוכט קרעפטען ווי מיט ליכט. די דריי אקטיאָרען, וואָס ער האָט איצט געהאַט, זיינען געווען ווייניג אפילו פאַר די „רעקרוטען."

ווי מיר האָבען שוין געזעהען, זיינען די ערשטע קרעפטען זייבע געווען ליעדער זינגער אָדער פאָלקס זינגער. אזעלכע זיינען געווען גראָדנער און שכר גאָלדשטיין, און שפּעטער האָבען זיך א שאָט געטהאַן די ליעדער זינגער פון אלע זייטען צום אידישען טהעאטער.

נאָר די לאָקאַלען זיינען ניט געווען דער איינציגער קוואַל, פון וואַנען גאָלדפאַדען האָט גענומען זיינע קרעפטען. שוין גלייך ביי זיין אָנקומען אין בוקארעסט האָט ער ענטדעקט א צווייטען קוואַל, און דאָס איז געווען די חזנ'ישע וועלט.

די חזנ'ישע וועלט האָט שוין ביי די ערשטע טריט פון דעם אידישען טהעאטער ארויסגעוויזען א פיינדשאַפט צו איהם. די חזנים גופא, אלס פאָרשטעהער פון שוהל און בית המדרש, האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא מיט אן אינסטיטוציאָן, וואָס האָט פערשפּראָכען צו פערשפּאָטען אידישע טראַדיציעס און אלס מנגנים האָבען זיי גערעכענט פאַר א פחיתת הכבוד צו האָבען עפּעס א שייכות מיט א קונסט וואָס האָט איהר מקום מנוחה געפונען אין טראַקטירען און סטאַדאָלעס.

אָבער די חזנ'ישע וועלט איז ניט בעשטאַנען בלויז פון געצעהלטע חזנים. די חזנים וועלט איז געווען א סך, א סך רייכער אין משוררים, און פאַר יענע האָט דאָס טהעאטער געהאַט מעהר רייץ ווי די שוהל. די משוררים, אלס א קלאַס, זיינען גייסטיג געשטאַנען מיט איין פוס אויסער בית המדרש. די שוהל איז פאַר זיי

געווען ניט מעהר ווי א פרנסה, און אזוי גיך ווי זיי זיינען אוועק פון עמוד, האבען זיי אויסגעטהאן דעם גייסטיגען טלית און גע־פיהרט א לעבען פון הפקרות. אין יעדער שטאדט און שטעדטעל זיינען די משוררים געווען די פרעהליכסטע קונדסים. אין א לומ־טיגער געזעלשאפט האבען זיי נאכגעקרימט און איבערגעמאכט די תנועות און האוואיעס פון אנגעזעהענסטע בעלי בתים, ווי אויך פון די חזנים, קיינער איז פאר זיי ניט געווען צו חשוב, קיין זאך איז פאר זיי ניט געווען צו הייליג.

ווען גאלדפאדען איז אנגעקומען קיין בוקארעסט, איז דארטען דער חזן געווען דער בעוואוסטער קופער. צווישען זיינע משוררים זיינען געווען זעליג מאגולעסקא, לייזער צוקערמאן, זילבערמאן, דינמאן. אין דער זעלבער צייט וואס מאגולעסקא, דעמאלט א איי־געל פון זיבצעהן יאהר, און צוקערמאן מיט א יאהר אדער צוויי על־טער זיינען געווען אנגעשטעלט אלס משוררים ביי קופער'ן, האבען זיי אויך געזונגען אין א קירכע. עס פערשטעהט זיך, אז דער חזן און די בעלי בתים האבען דערפון ניט געטארט וויסען. זיי האבען אויך שוין געהאט געלעגענהייטען צו זינגען אלס כאריסטען אין גןפערעס, און דאס שפיעלען, וואס זיי האבען געזעהען ביי די דא־זיגע געלעגענהייטען, האט געמאכט אויף מאגולעסקא'ן אזא איינ־דרוק, אז ווען מען פלעגט צו א שמחה פעררופען די משוררים, פלעגט מאגולעסקא אונטערהאלטען דעם עולם ניט נאר מיט זינ־גען, נאר אויך מיט נאכמאכען געוויסע רומענישע אקטיארען. אויך פלעגט ער אזעלכע שטיקלאך ווייזען ביים חזן אין הויז, ווען די משוררים און פיינע בעלי בתים פלעגען זיך צוזאמענקלייבען ביי איהם א שבת־צו־נאכט און דער עולם האט פון זיי געלעקט די פינ־גער.

דאס האט דערגרייכט צו גאלדפאדען, און ער האט תיכף נאך זיין קומען קיין בוקארעסט געשיקט רופען צו זיך די אויבענדער־מאנטע פיער משוררים: מאגולעסקא, צוקערמאן, דינמאן און זיל־בערמאן. ביים פערהער האט מאגולעסקא פארגעשטעלט א סצענע פון דעם רומענישען שטיק „ווּלאדוצו מאמו“, און דאס איז געווען דער אריגינאל פון דער צוקונפטיגער פיעסע „שמענדריק“

גאָלדפאדען איז געווען אזוי נעפעלען די פארשטעלונג, אז ניט נאָר האָט ער צוגענומען מאגולעסקא אין זיין טרופע, נאָר ער האָט איהם אויך צוגעזאָגט, אז ער וועט לאָזען דאָס שטיק איבערזעצען און דערפון וועט ער מאכען א אידישע פיעסע פאר איהם.

צוקערמאן האָט געקראָגען ביים פערהער צו זינגען עפּעס פון „לוטשיא". ער האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט מיט זיין שטים און אלע צוזאמען מיט מאגולעסקא זיינען אריינגענומען געוואָרען אין דער טרופּע.

דינמאן האָט געקריגען לאָמפּען־פּיעבער, פּשוט געזאָגט, ער האָט זיך געשראָקען, און דערצו האָט ער ניט געקענט קיין אידיש. און הגם ער האָט געהאט א גוטע טענאָר שטימע, איז ער פערבראַקירט געוואָרען. דאָך בעגעגענט מען איהם אין א קורצער צייט ארום אויף דער ביהנע. דאָס איז געווען אין גאלאץ, נאָכדעם ווי גאָלדפאדען האָט אָנגעשריעבען „ני בע ני מע ני קוקי רעקו". גאָלדפאדענ'ס קאָמפּאני איז געווען צושלאָגען און ער האָט אוועקגעשיקט צוקערמאן ער זאָל ברענגען דינמאן. ער איז אויפגעטראָטען אין דער ראָלע פון פּראָקוראָר. מיט זיין זינגען האָט ער געמאכט א פוראָר, נאָר די מורא פאר דער ביהנע האָט ער ניט געקענט בייקומען. אין דעם לעצטען אקט האָט ער געדאַרפט מיט בייזקייט פרעגען: ווער זייט איהר? איז ער אבער געווען אזוי דערשראָקען, אז ער האָט די דריי ווערטער ניט געקענט אויסרעדען. און דער קאָמיקער צוקערמאן האָט זיך צו איהם אנגערופען טאקע אויף דער ביהנע:

— האָט קיין מורא ניט, מיר זיינען דאָ ניט קיין גזלנים.

ער האָט געשפּיעלט נאָר עטליכע וואָכען און איז אוועק פון דער ביהנע. מיט יאָהרען שפּעטער איז ער געוואָרען קאנטאָר אין וויען.

אויך משה זילבערמאן איז אָנגענומען געוואָרען און גאָלדפאַדענ'ס טרופּע איז מיט אמאָל אויסגעוואקסען.

סיי דער פערשטאָרבענער מאָגולעסקא, סיי צוקערמאן און סיי אלע יענע, וואָס האָבען זיך פערבונדען מיט גאָלדפאדען ביי זיין אָנקומען קיין בוקארעסט אדער באלד נאָכדעם האָבען אלע בפה אחד דערצעהלט, ווי אזוי שמענדריק איז איבערגעמאכט געוואָרען אויף

זייערע אויגען פון „וואלאדוטו מאמו.“ פון מאגולעסקא׳ס רייד איז אויסגעקומען, אז איהם האט גאלדפאדען געהאט צו פערדאנקען פאר דעם דאזיגען שטיק, און די אנדערע וואס זיינען דערביי געווען האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן, ווי גאלדפאדען האט עס פערפאסט. עס איז מערקווירדיג דערביי, וואס די אלע געדענקען גוט דעם נאמען פון דעם ארגינאל, הגם צעהנדליגע יאהרען זיינען זייט דעמאלס אריבער. עס קען דאריבער קיין שום ספק ניט זיין, אז „שמענדריק“ איז געשאפען געווארען פון גאלדפאדען אין בוקארעסט באלד נאך זיין קומען אהין, דאס הייסט אין 1877.

מיר מוזען דאריבער קומען צום שלוס, אז דער „שמענדריק“, וואס איז געווען געדרוקט אין לעמבערג אין 1875 איז ארויסגעגעבען געווארען אונטער א פאלשען דאטום.

דער דערמאנטער „שמענדריק“ איז ארויס פון דעם דרוק און פערלאג פון ב. ל. נעבעלעס, און דער דאטום איז דארטען אנגעגעבען 1875. די דאזיגע פיעסע הייסט אין יענעם פערלאג:

די קאמישע חתונה

פאן

שמענדריק

מיט די כלה

אין דריי אקטען.

דער שער האט אויך אן אויפרוף צו די קונים:

„צו שמענדריק מיט די כלה. לויפט קוינים (קונים) אלו. וועט אור האבען א שיינום אונטערהאלט. וועט עטץ זעהן וואס מוט אוז גישעהן באלד. מען האט די כלה פאר בוטען (פערביטען) אונטער די חופה אין מיטען.

„עס איז איין פערגנוגען פאר די וועלט. איר וועט דאס קענון קויפין פאר א שפאט געלד.“

דער דאזיגער לשון און אויסלעגען דארפען ווייזען אויף גאליציען, אז דארטען איז עס געשריעבען געווארען. אבער אלע אויספארשונגען האבען געוויזען, אז „שמענדריק“ איז גענומען פון א רומענישער שטיק און דער פערפאסער איז געווען גאלדפאדען.

די לעמבערגער אויסגאבע גיט ניט אן דעם נאמען פון דעם פערפאסער און מען דארף קומען צום שלוס, אז אדער עס איז אריינגעפאלען א גרייז אין דעם דאטום אדער דער דאטום איז מיט א כיון פערגרייזט געווארען.

גאלדפאדען האט אין יענער צייט ניט ארויסגעלאזט קיין מאנוסקריפט פון האנד און קאפירען זיינע א פיעסע איז געווען כמעט אונמעגליך. ווען אקטיארען פון זיין טרופע זיינען אוועק פון איהם און געמאכט שבת פאר זיך, האבען זיי קיין קאפ עס פון זיינע פיעסען ניט געהאט. זיי האבען אונגעשטעלט געקענט שפיעלען זיינע שטיקער, ווייל אין רומעניען איז דער זכות פון מחבר געזעצליך ניט אנערקענט געווארען. ווען אזא טרופע האט יא אויפגעפיהרט א פיעסע פון גאלדפאדענ'ס רעפערטואר, האבען די אקטיארען געדארפט זאגען זייערע ראלען פון זכרון. עס קען דאריבער זיין, אז עפעס אן אקטיאר פון גאליציען האט אנגעווארפען די ראלען פון זכרון און דערפון איז ארויסגעקומען די „קאמישע חתונה", וואס האט זיך געדרוקט אין לעמבערג. ער האט דערביי אויך געברויכט זיין אייגענעם פערגרייזטען אויסלעגען און לאקאלע ווערטלאך און דערפון איז ארויסגעקומען א מיש מאש פון גאלדפאדענ'ס זיד־רוסישען לשון מיט א גאליצישען אויסלעגען און גאליצישע ווערטלאך. עס פערשטעהט זיך ממילא, אז ווען מיר נעהמען אן די דאז גע הנחה, מוזען מיר בעשליסען, אז דער דאטום פון דער לעמבערגער אויסגאבע איז א פערגרייזטער.

מיט דער נייער קאמפאניע האט גאלדפאדען אויפגעפיהרט די „באבע מיט'ן אייניקעל". דאס דאזיגע שטיק בעשטעהט פון עטליכע ליעדער, צו וועלכע מען האט פון פארענט און פון הינטען און אין מיטען צוגעגעבען אביסעל פראזע. גראדנער האט געשפיעלט די ראל פון דער באבע, מאגולעסקא פון אייניקעל, פנחס שאפירא — שדכן, זילבערמאן — פון דער לעהרער און צוקערמאן די ראל פון דעם טערק אין דעם לעצטען אקט.

די באבע און אייניקעל זיינען צוויי פרויען ראלען, נאר די ערשטע פאר חדשים אין בוקארעסט האט מען נאך ניט געקענט בעוועגען קיין מיידעל אדער ווייבעל אויפצוטרעטען אויף דער אידי־

שער ביהנע, ווייל דאָס האָט זיך געראַכענט ערגער ווי אונאַנשטענ־דיג, און מאַנכביל האָבען געשפּיעלט פרויען־ראָלען.

גראַדנער האָט זעהר שטאַרק אויסגענומען אין דער ראָל פון ־ער באָבען, און דער איינדרוק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיט יאָהרען און יאָהרען שפּעטער, ווען די ביהנע האָט געצעהלט ניט ווייניגער פרויען ווי מענער, האָבען די גרויסע קאָמיקער, ווען נאָר זיי האָבען געהאַט די געלעגענהייט, געשפּיעלט די באָבע.

דאָס פּובליקום איז געווען פון די סאַמע פּראָסטע עלעמענטען און בעשרענקט אין צאָהל. דער אינטעליגענטער טהייל פון שטאָדט האָט פון דעם טהעאַטער ניט געוואָלט וויסען און אין זיינע אויגען איז עס ניט געשטאַנען פיעל העכער פון אַ שטאָל, וואו מען קען זעהן קאָמעדיאַנשמשיקעס. און אַזוי ווי די צאָהל טהעאַטערגעהער איז געווען ניט קיין גרויסע, האָט מען אַלע ווייליע געדאַרפט האָבען נייע שטיקער, כדי אויפצואוועקען אַ נייעם אינטערעס אין די צו־שויער.

נאָך דער „באָבע מיט'ן אייניקעל" איז אויפגעפיהרט געוואָרען די „אינטריגע", אָדער „דוואָסיע די פּליאָטקעמאַכערין," אָדער „דוואָסיע די ספּלעטניצע". אין דעם דאָזיגען שטיק האָט מאַגולעס־קאַ געשפּעלט צוויי ראָלען, איינע פון אַ יונגער ווייבעל רחל'ע און די צווייטע פון אַ משרתת אַ זאַאיקע. די דראַמאַטישע ראָל האָט גע־שפּיעלט גאָלדפאַדען. און מאַגולעסקאַ האָט אַזוי גוט קאָפּירט אַ יונג ווייבעל, אַז ווען גאָלדפאַדענ'ס פרוי איז געזעסען אין טהעאַטער און האָט דערזעהן, ווי איהר מאַן קושט זיך אויף דער ביהנע מיט אַ שעהנער מיידעל, איז זי געוואָרען אייפערזיכטיג.

„שמענדריק" האָט גאָלדפאַדען געשריעבען מיט אַן אויג פאַר אַ ראָל פאַר מאַגולעסקאַ, און אַזוי ווי דאָס איז געווען די הויפּט ראָל, האָט גראַדנער'ן פערדראָסען, וואָס אין זיינע שיך טרעט אַריין אַ פרעמדער. די קנאה צווישען אַקטיאָרען פאַר ראָלען איז שטענ־דיג זעהר גרויס. איינער פערגינט ניט דעם צווייטען איבריגע עט־ליכע צייליגן און בפרט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ הויפּט ראָל. אין יענער צייט איז די ראָל געווען כמעט די איינציגע בעלוינונג, וואָס דער אַקטיאָר האָט געהאַט. ווען אַן אַקטיאָר האָט זיך געקלאָגט

פאר גאלדפאדען, אז ער האט ניט אויף הצטרכות, האט ער איהם ניט פערשפראכען קיין שפעטערע מאטעריעלע גליקען, נאר האט איהם געוואוינליך געענטפערט:

— איך וועל דיר אנשרייבען א ראל. אי, וועט דאס זיין א ראל! דאס וועט דיר מאכען א נאמען און דו וועסט ווערען גרויס!

און דאס איז געווען די בעסטע הבטחה.

מען קען זיך דאריבער לייכט פארשטעלען, ווי גראדנער איז פערביטערט געווארען, ווען די הויפט ראל פון „שמענדריק" האט נעקריגען מאגולעסקא. דאס איז געווען ניט נאר א פאטש אין פנים דעם לייכטענדען שטערען, ווייל גראדנער איז געווען די וויכטיגסטע קראפט אויף דער ביהנע און ביז „שמענדריק" האט ער פערנומען דעם אויבען אן, נאר דאס איז אויך געווען א פערראטה צו איהם, וועלכער האט גאלדפאדענען געהאלפען טראגען די שטיינער צום פונדאמענט פון אידישען טהעאטער. ער האט זיך געבוייגען פאר גאלדפאדען, אבער ער האט זיך ניט געוואלט בויגען פאר קיין אנדערן אויף דער ביהנע, און די אויפפיהרונג פון „שמענדריק" מיט מאגולעסקא אין דער הויפטראל איז געווען דער סוף פון דער פריינדשאפט און געמיינזאמער ארבייט צווישען גאלדפאדען און גראדנער. און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז די ערשטע קאמפאניע, וואס האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס און האט נאך קיין ריכטיגען טהעאטער ניט געהאט, האט זיך צושפאלטען, און גראדנער איז אוועקגעפאהרען קיין יאסי און האט געמאכט שבת פאר זיך.

און אויף אזא אופן, איידער גאלדפאדען האט נאך צייט געהאט דורכצולעגען א וועג פאר איין טהעאטער, האט זיך שוין געוויזען א צווייטער און די קרעפטען זיינען צושפאלטען געווארען.

ווענדליג די ארימע קרעפטען פון דער ערשטער קאמפאניע, האט גראדנער'ס ארויסטרעטען געדארפט רואינירען די גאנצע עקזיסטענץ פון דעם אידישען טהעאטער, וואס האט זיך דעמאלט געהאלטען אויף היהנערשע פיסלאך, נאר דאס האט קיין ווירקונג ניט געמאכט און די פארשטעלונגען זיינען אנגעגאנגען אהן גראדנער'ן ווי מיט גראדנער'ן. דער עולם האט אזוי געלעקט די פינגער פון

מאַגולעסקא ווי פריהער פון גראַדנער, און ווען אין א קורצער ווײַלע ארום איז מאַגולעסקא אוועק פון גאָלדפאַדען, האָט עס ווידער קיין ווירקונג ניט געמאַכט אויפ'ן טהעאַטער.

נאָך גראַדנער'ס אוועקגעהן האָט גאָלדפאַדען אריינגענומען צו „שמענדריק" א נייעם אקטיאָר אין דער טרופּע. דאָס איז געווען משה טייך (גאַזניק). ער איז געווען א פאָלקס־זינגער און איז גע־קומען פון גאַליציען.

משה טייך איז אינטערעסאַנט צוליעב דעם, וואָס ער איז גע־ווען א טויבער און אלס אזעלכער האָט ער, פערשטעהט זיך, ניט געקענט הערען וואָס מען רעדט צו איהם אויף דער ביהנע. נאָר ער האָט שטענדיג געמאַכט זיין רעפּליק ריכטיג. ער האָט אין די לי־פּען דערקענט, וואָס דער צווייטער זאָגט. אלס אקטיאָר האָט נאָר מאַגולעסקא געהאַט וועגען איהם א גוטע מיינונג און האָט זיך ווע־גען איהם אויסגעדריקט, אז ער איז געווען א וואונדערבארער כאַ־ראקטער־שוישפּיעלער.

אלע אנדערע האָבען פון איהם ניט געהאַלטען און יעקב אדלער האָט איהם שפּעטער כאַראקטעריזירט אזוי:

„משה טייך, א טויבער איד, מיט קרומע אויגען, א נידעריגער, זעהר א מיאוס'ער מענש און קיין טאַלאַנט. ער איז געווען דער ליעב־האָבער, דער טראַגיקער. זיינע ראָלען האָט ער אויסגעפּויקט ווי א פּאַנאָגראַף."

ווען מאַגולעסקא איז אוועק פון גאָלדפאַדען און, ווי שוין גע־זאָגט, איז דאָס געשעהן אין א פּאָר חדשים ארום, איז לייזער צור־קערמאַן געוואָרען די הויפּט־קראַפט פון דער טרופּע.

די ערשטע און וויכטיגסטע פאָדערונג פון אן אקטיאָר אָדער אקטריסע איז דעמאָלס געווען, ער אָדער זי זאָל קענען זינגען. עס האָט געזונגען דער קאָמיקער, עס האָט געזונגען דער ליעבהאָבער, עס האָט געזונגען די פּרימאַדאָנא, עס האָט געזונגען די סוברעטין. אלע האָבען געדאַרפט זינגען. צוקערמאַן האָט געהאַט א פיינע שטים און אלס זינגער איז ער אפשר בעסער געווען פון מאַגולעסקא, הגם דער לעצטער האָט זיך מעהר אויסגעצייכענט אלס מנגן. ער, צו־קערמאַן הייסט עס, איז אויך געווען א פיינער טענצער און בכלל

זעהר א לעבעדיגע סחורה. זיין גרויסער חסרון איז געוועזן, וואס ער האט ניט געהאט קיין מאס, און זיין האלטונג אויף דער ביהנע איז געוועזן א ווילדע. ער האט ניט געוואוסט פון קיין ווייכע איבערגאנגען, פון ווייכע שאטירונגען און אלץ וואס ער האט געטהאן איז געוועזן איבערטריבען.

איבריגענס, ווערליג גאלדפאדען כאראקטעריזירט גראדנער'ן, איז דער לעצטער אויך אזוי געוועזן א ן יענער צייט, און אפשר זיינען אלע אזוי דעמאלט געוועזן. אלענפאלס האט דער עולם בעסער ניט פערשטאנען און האט געפאדערט גראבע פארמען.

צוקערמאן איז אפשר געוועזן דער איינציגער וואס איז פון דעמאלט אן געבליבען מיט גאלדפאדען, ביז דאס אידישע טהעאטער איז מיט יאהרען שפעטער פערבאטען געווארען אין רוסלאנד. און צוליעב זיין איבערגעבענהייט צום גרינדער פון אידישען טהעאטער האבען די אנדערע אקטיארען איהם גערופען: אל עזר עבד אברהם.

דערווייל האט אויסגעבראכען די רוסיש־טערקישע מלחמה און פון רוסלאנד האבען זיך א שאט געטהאן קיין רומעניען מחנות מענשען אין דער האפענונג צו פערדיענען א לייכטען רובעל. דער קאמיסאריאט פון דער רוסישער ארמעע האט זיין הויפט־קווארטיר געמאכט א ן בוקארעסט און פון דארטען האט א שטראם גאלד געפליצט איבער די קעשענעס פון אלע יענע, וואס זיינען נאר ניט פויל געוועזן עס צו נעהמען. קיין זאך איז אזוי ניט ביליג געוועזן, ווי געלד. מענשען וואס זיינען געקומען ארים, זיינען אין א קורצער צייט עשירים געווארען. און מיט'ן לייכט געקריגענעם געלד איז געקומען א פאדערונג אויף לעבען א גוטען טאג, הוליאנקעס און דאס גלייכען.

דאס טהעאטער איז געוועזן ווי פשוט בעשאפען פאר זיי. און דער גרויסער אנגעלאפענער, רייך געווארענער עולם האט זיך ממש דערפרעהט מיט אזא אונטערהאלטונג. מען האט איצט געשפיעלט פאר געפאקטע הייזער, און אין טהעאטער איז געווארען א גרויסע שפע. פון לעדיגע בענקלאך האט מען שוין מעהר ניט געוואוסט און די אקטיארען האבען פערגעסען די הונגעריגע טעג.

דאס פובליקום האט אויך בעקומען גאר אן אנדער פנים. אנ־

שטאט וואס ביז איצט זיינען די בעזוכער נאר געווען פון די סאמע נידריגע שיכטען, האט מען שוין איצט געקענט דא זעהן דעם פיי־נעם היימישען בעל הבית, דעם משכיל און דער טהעאטער ווערט אין א קליינעם מאסשטאב אן אינסטיטוציאן פון דעם גאנצען פאלק.

אין טעהאטער זעהט מען איצט אויך א צומיש פון רוסישע אפיצירען. די פזמונים און טענצלאך מיט וועלכע די ערשטע שטי־קער זיינען געווען דורכגעפלאכטען, זיינען פערשטענדליך און צו־געגנגליך פאר אלעמען, בפרט ווען די האנדלונג איז דורכאויס פון אידישען לעבען און די לאנגע קאפאטעס און בערד מיט פאות׳ען זיינען גוט בעקאנט דעם רוסישען. אויב דער דאזיגער צומיש האט ניט געהויבען די ביהנע, האט ער אבער פיעל געהאלפען דער קא־סע.

דער קליינער האל, וואס גאלדפאדען האט געהאט ביי לא־זאר׳ן אין שיינק, א׳ז געווארען צו קליין פאר דעם גרויסען פובלי־קום, און דאס טהעאטער האט זיך אריבערגעצויגען אין דעם גרע־סערען האל „פאמול ווערדי“ (גרינער בוים).

צווישען די אנגעלאפענע אין בוקארעסט איז אויך געווען משה פינקעל. ער איז געקומען פערדיענען א גרינגען רובעל ביים קאמי־סאריאט, נאר ער איז באלד אריינגעפאלען אין גאלדפאדענס טרופע.

משה פינקעל איז געווען א וואנדערער פאלקס־זינגער און, ווי עס זעהט אויס, האט ער אלס אזעלכער שוין געגעבען פריהער פאר־שטעלונגען אין רומעניען, נאך איידער גאלדפאדען איז אהין געקו־מען. דערפון ווארשיינליך האט זיך גענומען דער פערשפרייטער איינדרוק, אז גאלדפאדען האט ביי זיין אנקומען אין רומעניען גע־טראפען גראדנער׳ן און פינקלען, און מיט זיי האט ער געגעבען זיינע ערשטע שטיקער.

מאגולעסקא דערצעהלט עס אין זיינע עראינערונגען אלס א פאקט און פיעלע, וואס געדענקען נאך די ערשטע גאלדפאדען שטי־קער, זיינען אויך אונטער דעם זעלבען איינדרוק. נאר דאס איז ניט ריכטיג. פינקעל איז ניט געווען אין גאלדפאדענ׳ס טרופע ביז דער

רוסישער קאמיסאריאט איז אריבער אין בוקארעסט.

באלד קומט אויך אריין אין גאלדפאדענ׳ס טרופע דער קאמיקער וויינבלאט. ער איז געווען א משורר און האט זיך געלערנט שחיטה, נאר איהם איז בעסער געפעלען געווארען דאס זארגלאזע און פרעהליכע לעבען פון די קעלער־זינגער און ער האט זיך געלאזט געהן אויף דעם דאזיגען וועג. דערפון האט ער אבער ניט געקענט מפרנס זיין קיין ווייב, און ער האט גענומען טראכטען וועגען א תכלית. א נשמה־זארגער האט איהם צוגערעדט צום שמד, און ער איז מיט דעם צוועק געפאהרען קיין בוקארעסט, און איז אריינגעפאלען אין גאלדפאדענ׳ס טרופע. אין טהעאטער איז די שפע געווען גרויס און דאס לעבען איז געווען זעהר א פרעהליכס.

גראדנער איז אונטער דער צייט ניט געזעסען ליידיג. ער איז אוועק פון גאלדפאדען איידער עס איז אזוי לעבעדיג געווארען אין בוקארעסט. ער איז אוועקגעפאהרען קיין יאסי און דארטען געגרינדעט אן אייגענע קאמפאניע. קיין גרויס הכבדה איז דעמאלט ניט געווען צו עפענען אליין א טהעאטער. די הינטער־שטוב אין א שיינק איז געווען איבער גענוג דערצו, און די עטליכע גראשען וואס מען האט געדארפט האבען אין אויסלאג האט אזא ווי גראדנער שטענדיג געקענט קריגען ביי א מלוה. יענער האט אין דער קאסע אריינגעזעצט זיינעם א מענשען, וועלכער האט קודם־כל ארונטערגענומען דעם חוב און די פראצענטען, און אויף אזא אופן איז די הלואה געווען מעהר אדער ווייניגער געזיכערט. און ווען די נויטיגע קרעפטען און די נויטיגע עטליכע גראשען זיינען פארהאן, איז די איינציגע זארג נאר געבליבען וועגען פיעסען. נאך אפילו מיט שטיקער האט מען זיך אויך געקענט ווי עס איז אן עצה געבען. אין רומעניען האט מען ניט אנערקענט דעם זכות פון אן אויטאר, בפרט ווען די ערשטע שטיקער זיינען געווען גענומענע אדער צוזאמענגעשטעלט פון עטליכע ליעדלאך מיט אביסעל פראזע. גראדנער האט זיך אויף אזא אופן גרינג געקענט אן עצה געבען מיט גאלדפאדענ׳ס שטיקער, וועלכע ער האט פריהער געשפיעלט.

מיט [illegible] טרופע האט קיין גרויסע שוועריגקייט ניט געקענט זיין. אלע, וואס האבען דעמאלט געשפיעלט, זיינען געווען ניי־געבאקענע

אקטיארען, און אזעלכע האבען זיך געפונען אין יעדער שטאדט.

גראדנער'ס אונטערנעהמונג האט אין יאסי פינאנסירט דער שיינקער מאריץ ראט, און יאסי האט געקריגען אן אייגענעם אידי־שען טהעאטער.

עס איז כאראקטעריסטיש וואס גראדנער האט באלד אריבער־גענומען מאגולעסקא'ן פון גאלדפאדענ'ס בוקארעסטער טרופע צו זיך, דעם זעלביגען זעליגעל מאגולעסקא צוליעב וועלכען ער האט צוריסען מיט גאלדפאדען. ער האט אויך אבגערעדט זילבערמאנען, וועלכער האט ארויסגעוויזען געשעפטס־פעהיגקייטען, און שכר גאלדשטיין איז שוין פון פריהער געווען מיט איהם. אויף אזא אופן האט די טרופע פון יאסי געקענט זיך בעריהמען מיט עטליכע פון די בעסטע קרעפטען פון יענער צייט און האט זיך בשום אופן ניט גע־דארפט שעהמען פאר דער בוקארעסטער טרופע.

נאר די ערשטע עטליכע פיעסען, וואס גראדנער האט מיט זיך געהאט זיינען באלד אלט געווארען און מען האט דעם עולם גע־דארפט געבען נייע. אלס ליעדער־זינגער פלעגט גראדנער אמאל אנשרייבען פאר זיך אן אייגענעם קליינעם וואדעוויל, אבער גאלד־פאדען האט שוין נעגעבען א געוויסע פארם פאר שטיקער, און אזעלכע האט ער אליין ניט געקענט שאפען. ארום דער צייט איז אין דער יאסער קאמפאנ ע אריין יוסף לאטיינער אלס סופלער, און די אויגען פון דעם דירעקטאר און פון דער קאמפאניע האבען זיך גע־ווענדעט צו איהם, אלס צום מאן וואס פערשטעהט זיך אויף די שווארצע פינטלאך.

יוסף לאטיינער איז געווען א געבארענער א יאסער (1853) און האט ביז זיעבצעהן יאהר געקראגען א אידישע ערציהונג, נאר די כוואליע פון השכלה האט אויך דערגרייכט אהין און ער האט זיך גענומען צו חכמות חיצוניות. מיט גאלדפאדענ'ס אנהומען אין יאסי האט זיך ביי איהם דערוועקט א חשק צו שרייבען טהעאטער־שטיקער, און ווען גראדנער האט דערפיהלט א דוחק אין פיעסען, איז לאטיינער ארויסגעקומען מיט זיין ערשטען שטיק „יענטע די פיפערנאטערין." באלד נאכדעם האט ער גענומען א בערמאכען פון דער דייטשער פיעסע „נאטהאן שלומיאל" א אידישע שטיק, וואס

שכר גאלדשטיין
סאפיע קארפ



— [illegible] צוקערמאן [illegible]



מ. הורוויץ (הורוויטש)

אבא שיינגאלד אניטא קארפ
חוה שרה שיינגאלד

זעליג מאגולעסקא

ישראל גראדנער

ער האט א נאמען געגעבען „שמואל שמעלקעס“, און גאלדפאדען האט באלד דערפון געמאכט דעם בעקאנטען פארם „ביידע קוני לע־מילם.“

אין דער צייט האט גאלדפאדען דערוויזען צו קריגען א פרוי פאר דער ביהנע אין בוקארעסט. ווי שוין געזאגט, האבען די ערשטע צייט מאנסביל געשפיעלט פרויען־ראליען. ווייל אידישע מיידלאך און ווייבלאך האבען מורא געהאט איינצושטעלען זייער רעפוטאציע. דער טהעאטער האט קיין גוטען נאמען ניט געהאט, די בעזוכער זיינען געווען דער גרעבסטער עלעמענט. די מייסטע אקטיארען האבען זיך אויפגעפיהרט ווי הפקר־יונגען, און פאר א מיידעל אדער ווייבעל ארויפצוגעהן אויף דער דעמאלטיגער אידי־שער ביהנע איז געווען ניט בעסער ווי צו געהן אין א שיינק צווי־שען שלעכטער קאמפאניע. נאר דער דראנג איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט אפילו בייגעקומען די איינגעבארענע צניעות פון דער אידישער פרוי. עס איז נאר געווען שווער, אז די ערשטע פרוי זאל זיך ווייזען אויף דער ביהנע און באלד נאכדעם האבען זיך א שאט געטהאן פרו ען פון אלע זייטען.

ווער איז געווען די ערשטע פרוי?

די געשעהעניסען אין יענער צייט זיינען געקומען אזוי האס־טיג איינע נאך די אנדערע, אז אפילו אזא וויכטיגע און אינטע־רעסאנטע פאסירונג ווערט איבער־געגעבען אנדערש פון פערשיעדע־נע פערזאנען. דער פערשטארבענער דראמען־שרייבער הורוויטש האט מיר דערצעהלט, אז איהם קומט דער קרעדיט פאר ארויפברענ־גען די ערשטע פרוי אויף דער אידישער ביהנע. אבער צו דער צייט איז נאך זיין נאמען גאר ניט פערבונדען מיט׳ן אידישען טהעא־טער, און ערשט אין עטליכע חדשים ארום וועט ער זיך מיט זיינער „טרופע.

אין זיינע עראינערונגען, גיט אונז איבער זעליג מאגולעסקא, אז די ערשטע פרוי אויף דער אידישער ביהנע איז געווען ראזא פריעדמאן. ער דערצעהלט, אז איידער דאס אידישע טהעאטער האט זיך בעוויזען, האט ראזא פריעדמאן געטאנצט און געזונגען אין די קאנסטאנטינאפאלער קאפעס, זי האט זיך דעריבער ניט גע־

האט וואס צו שעהמען פאר'ן אידישען טהעאטער און זי איז געוואָרען די ערשטע אידישע אקטריסע און איז אוועק אין גאָלדפאדען'ס טרופע.

לייזער צוקערמאן בעהויפטעט, אז מינדעל צוקערמאן און גאָלדיצע זיינען געווען די ערשטע אקטריסעס און שוין ביי „שמענדריק" האבען זיי זיך געוויזען אויף דער ביהנע.

נאָר דער אלגעמיינער איינדרוק ביי טהעאטער־מענשען, וואָס האבען גוט געדענקט יענע צייט, איז געווען, אז די ערשטע אקטריסע איז געווען שרה, אדער ווי זי איז שפּעטער בעסער בעוואוסט געוואָרען אונטער'ן נאָמען סאָפיע קארפּ, די מוטער פון ראָזא קארפּ. און דער דאָזיגער איינדרוק איז ניט קיין אומזיסטער.

ווען גראָדנער האָט דערהערט, אז גאָלדפאדען האָט אריינגעקריגען א פרוי אין זיין טהעאטער, האט ער ניט גערוהט און אנגעהויבען צו זוכען א פרוי מיט ליכט. שכר גאָלדשטיין, וועלכער האָט געשפּיעלט צוזאמען מיט איהם, האָט זיך ארויסגערופען צו העלפען איהם קריגען א פרוי, און א דאנק איהם איז שרה אריין אין גראָדנער'ס קאָמפּאניע. נאָר איידער דאָס איז געשעהן, האָט גראָדנער געשריבען צו זיין ווייב אין קרעמענטשוג, אז זי זאָל צו איהם קומען קיין יאסי, און גלייך ווי זי איז געקומען איז זי אריין אין זיין קאָמפּאניע. און ווען גאָלדשטיין איז אנגעקומען מיט שרה, האָט שוין פרוי גראָדנער געשפּיעלט.

נאָר ווי עס ווייזט זיך ארויס איז שרה'ס דעביוט ניט געווען אין יאסי און איהר ערשטער אויפטריט אויף דער ביהנע איז זעהר אינטערעסאנט.

זי איז ערשיענען צום ערשטען מאָל אויף דער ביהנע מיט גאָר דער ערשטער קאָמפּאניע, נאָך איידער גאָלדפאדען איז צוגעקומען צו בוקארעסט. דאָס איז געווען אין גאַלאַץ, ווען גאָלדפאָדען'ס קאָמפּאניע איז בעשטאנען פון דריטהאלבען אקטיאָרען. אין א פריהערדיגען קאפּיטעל איז שוין געווען בעשריבען ווי אזוי גאָלדפאדען האָט געגעבען די ערשטע פאָרשטעלונג אין גאַלאַץ. ער האָט געדאַרפט האָבען מעהר קרעפטען, ווי ער האָט פערמאָגט, און ער האָט זיי געזוכט מיט ליכט. אין גאַלאַץ איז זיין בליק געפאַלען

אויף א יונגע מיידעלע, א נייטערקע מיט'ן נאמען שרה, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א זיסען קול'כעל. פאר איהר זים זינגען האט מען איהר גערופען „פאסאריקא," דאס איז א רומעניש ווארט וואס בעדייט פויגעלע. און גאלדפאדען האט געבראכט דערצו, אז זי האט איינגעוויליגט צו שפיעלען א ראל אין דעם שטיק, וואס ער האט זיך געקליבען צו שטעלען. זי האט איין אבענד אבגעשפיעלט, נאר איהר מוטער האט ערקלערט מיט'ן האר־בען ווארט, אז זי וועט ניט לאזען איהר טאכטער מעהר שפיעלען און שרה'ס שידוך מיט דער ביהנע האט זיך נאך יענעם אבענד געענדיגט אין גאלאץ.

אבער די יונגע שרה האט דוקא השק געהאט צו שפיעלען און זי האט אריינגע'טענה'ט מיט איהר מאמען, נאר די טענות האבען איהר גאר ניט געהאלפען און די מוטער האט קאטעגאריש ער־קלערט, אז כל זמן זי איז ביי איהר טאר קיין טהעאטער ניט גע־דאכט ווערען, נאר ווען זי וועט חתונה האבען, וועט זי קענען טהאן וואס זי וויל.

שרה האט געלאזט וויסען גאלדפאדענ'ען דעם אורטהייל, וואס איהר מוטער האט ארויסגעגעבען, און דער גרינדער פון אידישען טהעאטער האט צוזאמענגערופען זיינע צוויי אקטיארען און האט מיט זיי געהאלטען א ראט. ער אליין האט געהאט א ווייב, גראד־נער איז אויך געווען א בעווייבטער און אויף אזא אופן איז שכר גאלדשטיין געווען דער איינציגער וועלכער האט מיט איהר געקענט חתונה האבען מיט'ן צוועק צו געווינען איהר פאר דער ביהנע. גאלד־פאדען און גראדנער האבען איהם איבערגערעדט, אז ער זאל עס טהאן נאר ווי עס ווייזט אוים האט דאס אנפאנגס געקלונגען ווי א המצאה, נאר ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען אין עטליכע חדש ם ארום, איז שכר גאלדשטיין טאקע אריבערגעפאהרען קיין גאלאץ, האט מיט איהר חתונה געהאט און געבראכט איהר קיין יאסי שפיעלען.

ארום דער צייט האט זיך אין בוקארעסט געוויזען א נייער אנטרעפעניאר מיט א נייער טרופע אקטיארען.

דאס איז געווען משה הורוויטש.

משה הורוויטש איז געבארען געווארען אין סטאניסלאוו, גאר־

ליציען, אין 1844, ביי פרומע עלטערען און האט געקראגען א אידי־שע ערציהונג. ביז פופצעהן יאהר האט ער געלערנט אין ישיבות און נאכדעם האט ער זיך גענומען לערנען שחיטה, נאר אין דער צייט איז ער געכאפט געווארען פון דער השכלה און ער האט זיך אבגעגעבען מיט זייטיגע למודים. צו אכטצעהן יאהר האט ער פערלאזט גאליציען און איז אוועק נאך רומעניען און איז געווארען א לעהרער פון העברעאיש אין יאסי. אין 1871 האט ער אנגעהוי־בען ארויסצוגעבען א צייטונג אין העברעאיש און רומעניש, וועלכע האט געהייסען „טימפול" (די צייט), נאר זי האט קיין ערפאלג ניט געהאט. ווען יאסי איז פאר איהם געווארען צו ענג איז ער אוועק קיין בוקארעסט. הורוויטש האט בעהויפטעט, אז ער איז געווען א לעהרער פון געאגראפיע אין דעם בוקארעסטער אוניווערזיטעט און דערפון האט ער זיך גענומען די פרעטענזיע אויפ'ן טיטעל פראפע־סאר. ווי ווייט די דאזיגע פרעטענזיע האט א ממשות איז ניט בעשטימט, נאר זיכער איז; אז ער איז געווען א דירעקטאר פון א אידישער שולע אין בוקארעסט. די אידישע בעלי בתים פון בוקא־רעסט זיינען מיט איהם צוליעב וואס עס איז ניט געווען צופריעדען און זיי האבען איהם ארויסגעיאגט פון זיין שטעל. ער האט זיך דערפאר מיט זיי אבגערעכענט אויפ'ן סאמע נארעשסטען אופן און האט זיך גע'שמד'ט.

אלס איינער וואס האט זיין חיונה געדארפט זוכען פון א אי־דישער שולע האט דאס איהם קיין גוטס ניט געקענט טהאן און אויב ער האט ערווארט אז די קריסטליכע נשמה־פערזארגער וועלען איהם קומען צו הילף, האט ער זיך אין זיין חשבון גענארט. און ארום דער צייט וואס גאלדפאדען האט געגרינדעט זיין טהעאטער אין בוי־קארעסט, איז משה הורוויטש ארומגעגאנגען אהן א קנעלונג און האט ניט געוואוסט, צו וואס צו נעהמען זיך.

די קורצע צייט וואס דער רוסישער קאמיסאריאט איז געזע־סען אין בוקארעסט האט מען אין אידישען טהעאטער געמאכט גלענצענדע געשעפטען און דאס האט באוואויגען משה הורוויטש צו פרובירען זיין מזל אויפ'ן נייען פעלד.

נאך פסח אין 1878 האט ער געעפענט א טהעאטער אין בוקא־

רעסט. זיין טרופע איז בעשטאנען פון אבא שעהנגאלד, וועלכער האט זיך דעמאלט בעוויזען צום ערשטען מאל, משה טהייך, הער־שעל גאלדענבערג און א געוויסע גאלדשטיין.

זיין ערשטע שטיק איז געווען „דאס פוילישע אינגעל“, גענו־מען פון לינעצקי'ס ווערק אונטער דעם זעלביגען נאמען. דערביי איז נויטיג צו בעמערקען, אז דאס דאזיגע שטיק האט גאר ניט צו טהאן מיט'ן „פוילישען אינגעל“, וואס הורוויטש האט אנגעשריבען מיט יאהרען שפעטער און וואס איז עד היום געבליבען אין רעפער־טואר.

באלד נאכדעם האט ער אנגעשריבען א צווייטע שטיק „באנ־קיי טראן“, נאר זי איז מאוס דורכגעפאלען און א דריטע שטיק „די וויסטע אינזעל“, אן איבערזעצונג פון רומעניש.

גאלדפאדען'ען איז ניט געפעלען געווען צו האבען א קאנקור־רענט ביי דער זייט, און כדי פטור צו ווערען פון איהם, האט ער געשיקט נאך אבא שעהנגאלד, וועלכער איז געווען די הויפט קראפט פון הורוויטש'עס טרופע און האט איהם אריינגענומען צו זיך.

אהן אבא שעהנגאלד האט זיך די טרופע ניט געקענט האלטען און זי איז גלייך צופאלען געווארען.

אבער דאס האט הורוויטש'ן ניט געמאכט פאר אוים דירעק־טאר. ער האט שוין דעם טעם פון טהעאטער פערזוכט און ער האט שוין געוואוסט מיט וואס מען עסט עס. אין בוקארעסט איז פאר איהם בעת מעשה קיין פלאץ ניט געבליבען, האט ער זיך אוועקגע־לאזט איבער די אנדערע רומענישע שטעדט.

אויף דער פראווינץ האט ער זיך געטראפען מיט גראדנער און אזוי ווי איצט זיינען זיי ביידע געווען דורכגעדרונגען מיט א שנאה צו גאלדפאדען האבען זיי צוזאמען געשלאסען איין קאמפאניע און אוועקגעלאזט זיך צוריק קיין בוקארעסט צו לערנען מיט איהם בלק.

די טרופע האט איצט געטראגען דעם דאפעלטען נאמען פון גראדנער און הורוויטש, און דער לעצטער האט דא אויף פערנומען א פלאץ אלס שוישפיעלער. צוזאמען מיט זיי איז אויך געקומען פייוועלע פריעדמאן.

אבער הורוויטש און גראדנער האבען ניט געקענט הויזען צו־

זאמען. מען דארף פערשטעהן, אז זיי האבען קיין גלענצענדע געשעפטען ניט געמאכט און דערצו נאך האט זעהר פיעל געהאט צו זאגען, וואס יעדער פון זיי האט זיך גערעכענט פאר דאס אויבערסטע פון שטויסעל, און זיי האבען זיך ניט נאר געריסען נאר עס פלעגט אפט קומען ביי זיי צו א געשלעג. די געשלעגען זיינען געווען אזוי אפט, אז עס איז געווארען א ווערטעל: ווען מען זעהט צוויי צילינדערס וואלגערען זיך אין גאס, זאל מען וויסען אז זיי זיינען גראדנערס און הורוויטשעס.

דאס האט לאנג ניט געקענט אנהאלטען און זיי האבען זיך צוטהיילט. הורוויטש האט צוזאמענגעשטעלט א נייע טרופע, אין וועלכע עס זיינען אריין זיין טאכטער שארלאטע, צלאל גרינבערג (שפעטער זיין איידעם) און אנדערע, וועלכע זיינען לאנג ביי דער ביהנע ניט געבליבען. ער האט אויך אריינגעקראגען צוריק אבא שעהנגאלד און אוועקגעלאזט זיך אויף דער פראווינץ. אין בערלאט איז צו דער טרופע צוגעקומען א נייע אקטריסע, דאס איז געווען חיה שרה אדער קלארא, מיט וועלכער שעהנגאלד האט חתונה געהאט און א לאנגע צייט האבען זיי ביידע פערנומען דעם אויבען אן אויף דער אידישער ביהנע.

גראדנער און זיין ווייב האבען זיך אוועקגעלאזט געבען קאנצערטען, ווי ער האט עס געטהאן פאר גאלדפאדען. ער האט געהאפט, אז צוזאמען מיט מרס. גראדנער וועלען די קאנצערטען צוגעהן לעבעדיגער, נאר דער דאזיגער סארט אונטערהאלטונג איז אין די פאר יאהר פון מאדע ארויס און זיי זיינען ביידע אוועקגעפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל.

איידער גראדנער האט שותפות געמאכט מיט הורוויטשען, האט ער געהאט זיין אייגענע טרופע אין יאסי. אלס דירעקטאר האט ער געטהאן אלץ וואס ער האט געקענט, אז זיינע פארשטעלונגען זאלען אויסנעהמען ביים עולם און ער האט דאריבער אבגערע־ט מאגולעסקא פון גאלדפאדען און געווירקט דורך שכר גאלדשטיין, אז ער זאל מחנך זיין זיין יונגע ווייבעל שרה צו דער ביהנע. נאר אלס שוישפיעלער האט ער ניט געקענט פערטראגען, ווען דער עולם האט אפלאדירט מאגולעסקא און מרס. גארדנער, האט ניט געקענט

פערטראגען די אפלאדיסמענטען, וואס מען האט געשענקט שרה גאלדשטיין (שפעטער בעוואוסט אלס סאפיע קארפ). די קנאה צווי־שען די אקטיארען און די אקטריסעס איז געווארען אזוי גרויס, אז זיי האבען מעהר ניט געקענט שטעהן צוזאמען.

נאך מיט'ן אבפאהרען פון די גראדנערס איז די טרופע גע־בליבען אין יאסי, און איצט איז דער הויפט פון דער קאמפאניע גע־ווארען זעליג מאגולעסקא און זי האט געטראגען זיין נאמען. פון אקטיארען און אקטריסעס איז שוין איצט קיין מניעה ניט געווען. אין דער צייט האט מען שוין מעהר קיין שהחיינו ניט געדארפט מאכען אויף א אידישען אקטיאר אדער אידישע אקטריסע. אזוי ווי שוועמלאך נאך א רעגען זיינען זיי ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען. דער צעטיל פון אקטיארען און אקטריסעס איז נאך אין קורצען משך אויסגעוואקסען גאר א היבשער. איידער די ביהנע איז אלט געווארען א יאהר צו צוויי, האט מען שוין אנגעצעהלט עט־ליכע צעהנדליג שוישפיעלער און שוישפיעלערינס. אזוי בעגעגענען מיר שוין אין די פערשיעדענע שטעדט אין רומעניען, אין דער צייט פון דעם רוסיש טערקישען קריעג: גראדנער, גאלדשטיין, שאפירא, מאגולעסקא, צוקערמאן, זילבערמאן, מיכל גליקמאן, ישראל וויינ־בלאט, משה טהייך, בויקע, אבא שעהנגאלד, משה פינקעל, ראזענ־בערג, ספיוואקאווסקי, וואלף שפייזער, וויינבערג, מארים קריץ, לייזער שווארץ, שמחה דיימאנד, בערגמאן, צלאל גרינבערג, פייוועל פריעדמאן, עדעלמאן, גארטענשטיין, און נאך פיעלע אנדערע, וואס האבען זיך אויף דער ביהנע לאנג ניט געהאלטען. אויך דער צעטיל פון פרויען אויף דער ביהנע איז אין דעם משך פון די ערשטע צוויי יאהר היבש אויסגעוואקסען. אזוי בעגעגענען מיר שוין דעמאלט די אקטריסעס: ראזע פריעדמאן, מארגארעטע שווארץ, אנעטא שווארץ (פינקעלס ערשטע ווייב), גאלדיצע, שרה נאטהאן, שרה גאלדשטיין (שפעטער סאפיע קארפ) אנעטע גראדנער, מינדעל צוקערמאן, שארלאטע הורוויטש (שפעטער גרינבערג), ראזע אקסעלראד, קלא־רא שעהנגאלד, פאלינע פינקעלשטיין (שפעטער עדעלשטיין) און איהר שוועסטער, וועלכע איז שפעטער געווארען פרוי מאגולעסקא און נאך אנדערע. עס איז שוין דעמאלט אפילו געווען א יונגע מיי־

דעלע, א קינד, וואָס פלעגט ערשיינען אויף דער ביהנע און זינגען קופּלעטען, לאַקסער האָט זי געהייסען, און זי איז איצט אויך בע־קאַנט אונטער דעם נאָמען אויף דער ביהנע.

אונטער דער צייט האָט גאָלדפאַדען געשאַפען נאָך עטליכע אָפּערעטקעס, אויפ'ן זעלביגען שניט ווי די פריהערדיגע. די דאָזיגע אָפּערעטקעס זיינען איצט איבערגעמאַכט געוואָרען פון גוישע ביי־ליגע שטיקער אָהן שום פּרעטענזיעס אויף ליטעראַטור. זיינע שטי־קער פון דער דאָזיגער צייט זיינען געווען: „א מאַן מ ט הערנער“ אין דריי אַקטען, „טודרוס בלאָז“ אין דריי אַקטען (די לעצים צווי־שען די אַקטיאָרען האָבען גערופען די דאָזיגע שטיק „טודרוס דוי“). „די שטומע כלה“ אין דריי אַקטען (מיט יאָהרען שפּעטער האָט זאַ־לאַטאָרעווסקי פון דאַנען אַרויסגענומען די גאַנצע סצענע מיט'ן רבי און גבאי און מיט אַלע וויצען פאַר זיין „ישיבה בחור“), „בריינ־דעלע קאָזאַק“, „די כישוף מאַכערין,“ „ני־בע ני־מע, ני־קוקעריקו“, און נאָך אַנדערע. די דאָזיגע ווי אויך גאָר די ערשטע שטיקער זיי־נען שטענדיג געשטעלט געוואָרען מיט א צוגאָב, דאָס הייסט מיט א קליינעם וואָדעוויל. „אַזוי למשל, איז צו „שמענדריק“ צוגעגעבען געוואָרען „א גלאָז וואַסער“, צו אַן אַנדער שט ק — „דער קאַטאַר“ צו נאָך אַן אַנדערער — „די שוועבעלעך“ און דאָס גלייכען.

און ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען צווישען די דראַמענ־שרייבער האָט גאָלדפאַדען אויך איבערגעמאַכט דעם „באַנקיי טי־ראַן“ און „די וויסטע אינזעל“ און אריינגענומען זיי אין זיין רע־פּערטואַר. דערביי איז אפשר כדאי צו בעמערקען, אַז גאָלדפאַ־דענ'ס „באַנקיי טיראַן“ האָט געהאַט מעהר ערפאָלג ווי הורוויטשעס.

אין יאַסי האָט לאַטיינער אונטער דער צייט געגעבען „לומפּאַ־ציום וואַגאַבונדוס“ (איבערזעצט פון רומעניש) און „די ליעבע פון ירושלים.“

די „ליעבע פון ירושלים“ איז טהיילווייז געווען גענומען פון מפו'ס „אהבת ציון“ און טהיילווייז פון ווערבעל'ס „חולדה ובור“. און דאָס הייסט, אַז דער אינהאַלט איז ענליך געווען צו גאָלד־פאַדענ'ס מייסטערווערק „שולמית“, וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט עטליכע יאָהר שפּעטער. דערביי איז אויך כדאי צו בעמער־

קען, אז ווערבעל, דער פערפאסער פון „חולדה ובור" איז געווען גאלדפאדען'ס שווער.

די שפע איז געווען גרויס אין אידישען טהעאטער אין דער דאזיגער צייט. די גרעסטע שפע א ז געווען אין גאלדפאדען'ס טהעאטער אין בוקארעסט און דער דירעקטאר און די אקטיארען האבען זיך ממש געבאדען אין כל טוב. און דערצו איז אפילו ניט געווען נויטיג, אז די אקטיארען זאלען קריגען זעהר גרויסע שכירות. אזוי גיך ווי א פארשטעלונג אין טהעאטער האט זיך געענדיגט, האבען שוין פאדריאטשיקעס געווארט אויף זיי און געפיהרט זיי אין די רייכסטע רעסטאראנען, וואו מען האט געגעסען, געטרונקען און געהוליעט ביז גרויסען טאג. אזוי איז געווען נאכט איין נאכט אויס און די טייערסטע וויינען האבען זיך געגאסען ווי וואסער.

מען דערצעהלט אן אנעקדאט, וואס כאראקטעריזירט גוט יענע צייט. דער אקטאר נ. נ. איז פלוצים קראנק געווארען און א דאקטאר האט איהם ערקלערט, אז ער דארף האבען אן אפעראציע. ווען ער האט זיך אנגעפרעגט, וואס דאס איז פאר א חלאת, האט איהם דער דאקטאר געזאגט, אז ער ליידט פון וואסער אין מאגען. ער האט זיך צולאכט, און דער דאקטאר האט נאך אזא מין ערקלערונג געקראגען א פנים פון חוזק אין זיינע אויגען, ווייל דאס איז געווען אין דער סאמע צייט פון דער גרויסער שפע אין טהעאטער און ער האט געקענט שווערען אז זינט די אידישע פאדראטשיקעס זיינען אנגעלאפען א ן בוקארעסט, איז אפילו א טראפען וואסער ניט אריין אין זיין מויל, און ער האט זיך ממש געבאדען אין שאמפאניער.

און די שפע איז ניט נאר געווען אין בוקארעסט; אין יעדער היבשער שטאדט, וואוהין גאלדפאדען איז געקומען גאסטראלירען מיט זיין טרופע, איז דאס טהעאטער געווען געפאקט. אין גאלאץ האבען זיך צוויי אונטערנעהמער ארויסגערופען צו בויען א טהעאטער ספעציעל פאר גאלדפאדען. דאס איז שוין געווען אין די לעצטע חדשים פון דעם קריעג.

אויך דארף מען פערשטעהן, אז אין דעם טהעאטער אין יאסי האט מען אויך ניט געמאכט קיין שלעכטע געשעפטען. אזוי, למשל,

זעהען מיר, אז דער אקטיאר ישראל וויינבלאט, וועלכער איז אריי־בער פון גאָלדפאדען צו מאגולעסקא אין יאסי האָט געקריגען 250 פראנק א חודש. ביי גאָלדפאדען אין בוקארעסט האָט ער געקריגען 170 פראנק א חודש.

געשפיעלט האָט מען דעמאָלט ניט מעהר ווי פיער מאָל א וואָך: שבת צו נאכט, זונטאג ביי נאכט, דינסטאג און דאָנערשטאג. ווי עס איז צו זעהן האָט מען זיך דעמאָלט געהיט ניט אויפצורייצען די פרומע אידען געגען טהעאטער און אזא אבענד ווי פרייטאג צו נאכט, ווען אלע אידען סיי פרומע און סיי ניט פרומע זיינען פריי, האָט מען ניט געשפיעלט, הגם אין די פיעסען פון יענער צייט איז אָנגעגאנגען א שטענדיגער „קאמף מיט'ן פאנאַטיזם" און מען האָט חוזק געמאכט פון די פרומע אידען.

הגם מען האָט זיך געדארפט רעכטען, אז די מלחמה וועט אייביג ניט געדויערען און פריהער אָדער שפּעטער וועט זי זיך ענדיגען, האָט אבער קיינער וועגען דעם ניט געטראכט. מען האָט געגלויבט, אז אזא איז געוואָרען דער צושטאנד פון אידישען טהעאטער און די שפע וועט אלע מאָל אָנהאלטען. נאָר דאָ איז אָנגעקומען איין בעריכט נאָכ'ן צווייטען, אז די מלחמה האָט זיך געענדיגט און דער גאנצער קאָך ארום דעם קאמיסאריאט איז מיט אמאָל שטילער געוואָרען. איינער נאָכ'ן צווייטען האָבען די אידישע פאדריאטשיקעס פערפאקט זייערע זאכען צוזאמען מיט'ן אָנגעקליבענעם גאָלד און געלאָזט זיך פאָהרען צוריק אהיים, און איידער מען האָט זיך גוט ארומגעקוקט, איז קיינער פון די אָנגעלאָפענע ניט געבליבען. א חוץ יענע וואָס האָבען ניט געהאט אויף הוצאות.

מיט'ן אויפהערען פון דעם גאָלדענעם מבול האָט אויך אויפגעהערט די שפע אין אידישען טהעאטער. עס איז ווידער געבליבען דער זעלביגער אָרימער עלעמענט, וואָס האָט פּאטראָניזירט די אידישע ביהנע פאר דער מלחמה. די בייגקלאָך זיינען געבליבען האלב אָדער דריי פיערטעל לעדיג, אין דער קאסע איז געווען א חושך, נאָר אויב פאר דער מלחמה האָבען די דירעקטאָרען און אקטיאָרען צופריעדענגעשטעלט זיך מיט אזא צושטאנד אין דער האָפנונג אויף בעסערע צייטען, האָבען זיי איצט בשום אופן ניט געקענט בלייבען

צופריעדען נאָכדעם ווי זיי האָבען געלעבט אַזאַ גוטען טאָג.

אין יאסי איז מאַגולעסקאָ'ס טרופּע באלד נאָך דער מלחמה צושלאָגען געוואָרען און די אקטיאָרען האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן לאַנד.

אין בוקארעסט האָט גאָלדפאדען איינגעזעהן אז דאָרטען איז שוין מעהר פאר איהם קיין פּלאַץ ניט געבליבען און ער האָט איצט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען רוסלאַנד.

פאר פּסח אין 1879 האָט גאָלדפאדען איבערגעלאָזט זיין טרופּע אין רומעניען און איז צוזאמען מיט זיין סעקרעטער יצחק ליבּרעסקו אוועקגעפאָהרען קיין אדעס.

צעהנטער קאפיטעל.

טהעאטער קלייבט זיך איבער קיין רוסלאנד.

איידער גאלדפאדען האט בעשלאסען צו פאהרען קיין רוס־לאנד, האבען זיך פון זיין טרופע אבגעטהיילט עטליכע אקטיארען און זיינען אוועקגעפאהרען קיין אדעס. צווישען זיי זיינען געווען ישראל ראזענבערג און ספיוואקאווסקי.

ראזענבערג איז פריהער געווען אן אדעסער וואוילער יונג, האט זיך געריבען ארום געריכט, געשריבען פראשעניעס און תמיד געזוכט א גרינגען רובעל צו פערדיענען. בשעת די מלחמה האט אויסגעבראכען, איז ער אוועק קיין בוקארעסט, וואוהין עס זיינען געלאפען אלע, וואס האבען געהאט אן אויסקוק אויף א גרינגען פערדיענסט, נאר א ליץ פון דער נאטור, און אהן א בעשטימטען צוועק אין לעבען, איז ער אריינגעפאלען אין גאלדפאדענ'ס טרופע און איז געווארען אן אקטיאר. ער איז געווען א קאמיקער און האט זיך דעמאלט אויסגעצייכענט מיט זיין שפיעלען. אזוי גיך ווי ער האט דערזעהן, אז אין טהעאטער אין בוקארעסט ווערט אומע־דיג, האט ער זיך מיישב געווען און אוועקגעלאזט זיך צוריק קיין אדעס. איהם זיינען געווען בעקאנט אלע וועגען און שטעגען פון דארטען און האט ריכטיג אויסגערעכענט, אז אין אדעס איז פאר־האן א גוטער פלאץ פאר א אידישען טהעאטער.

ראזענבערג און ספיוואקאווסקי האבען צוגעצויגען צו זיך די אדעסער פאלקס זינגער, צוזאמענגעשטעלט א טרופע. אין וועלכע

עס זיינען אריין יאנקעל קאצמאן, מענדעל אבראמאוויטש (ער איז שפּעטער געוואָרען דער מאן פון דער בעקאנטער אקטריסע מרס. אבראמאָוויטש, וועלכע איז איצט מרס. יאָוועליר) אריה שראגע, אהרן טאגער, באָרים אלטמאן און סאָפיע אבערלענדער, וועלכע האָט געשפּיעלט אונטער'ן נאָמען מיכעלסאָן (זי האָט שפּעטער חתונה געהאט פאר דעם בעוואוסטען שוישפּיעלער יעקב אדלער), געדונגען דעם רעמעסלעני קלוב און צום ערשטען מאָל אין אָדעם האָט מען גענומען שפּיעלען אידישע שטיקער.

דעם ערשטען אבענד האָט מען געשפּיעלט דריי וואָדעווילען: „פּיער פּאר פּאָרצעלייענע טעלער", „די שוועבעלאָך," און „די דריי טויבע," אלע געשריעבען פון א. גאָלדפאדען; א חוץ דעם האָבען די נעכטיגע פּאָלקס זינגער געזונגען קופּלעטען פון גאָלדפאָדענ'ס רע־פּערטואר.

דער עולם האָט דערפון געלעקט די פינגער און מען האָט דעם זעלבינען פראגראם אנגעהאלטען עטליכע מאָל.

עס ווייזט אוים, אז ראָזענבערג און ספּיוואקאָווסקי, וועלכע האָבען זיך שוין בעטראכט אלס גרויסע קינסטלער, האָבען מורא געהאט צו פערלאָזען זיך מיט א גאנצע שטיק אויף די נעכטיגע פּאָלקס זינגער און דעריבער האָבען זיי אָנגעהויבען מיט וואָדעווי־לען, וועלכע זיינען געווען נעהנטער צו זיי.

די ערשטע גאנצע שטיק איז געווען „בריינדעלע קאָזאק", פון א. גאָלדפאדען.

מען איז פּשוט געשטאָנען אויף די קעפּ, אזא גרויסער עולם איז געקומען זעהען די קאָמעדיע. די פּאָדריאַדטשיקעס, וואָס האָ־בען זיך צוריקגעקעהרט פון בוקארעסט, האָבען זיך נסים אָנדער־צעהלט פון א־דישען טהעאטער. די פּאָלקס זינגער האָבען אויפגע־כאַפּט די קופּלעטען פון גאָלדפאָדענ'ס שטיקער און אריינגעבראכט זיי אין די אידישע הייזער. און דאָס אלץ האָט אָנגעצונדען די נייגיערדע צו זעהן, וואָס מען שפּיעלט אין א אידישען טהעאטער.

מען האָט נאָכדעם געשטעלט „שמענדריק„ און די „קאפּריזנע טאָכטער". די הויפּט ראָל פון „שמענדריק" האָט געשפּיעלט קאצ־מאן און ער האָט זיך אין איהר אויסגעצייכענט און גלייך בעקומען

די העכסטע אנערקענונג.

די „קאפריזנע טאכטער“ פערדיענט דא צו ווערען ספעציעל דערמאנט, ווייל אין דעם דאזיגען שטיק, אין „רעמעסלעני קלוב“ האט יעקב אדלער געמאכט זיין דעביוט. ער האט נאך דעמאלט ניט געהאט די זכיה צו קריגען א ראל מיט ווערטער, נאר ער האט געהאט א צד אין דער קאמפאניע, ער איז געווען א גוטער ברודער מיט ראזענבערג און דער לעצטער האט איהם איינגעטהיילט א שטומע ראל. דאס איז די ראל פון דער שיקסע מארדיאלא, וואס קבצנזאן פיהרט ארויף אויף דער ביהנע ביים סוף פון דריטען אקט. מארדיאלא טאנצט א קאדריל און דער פארהאנג פאלט.

יעקב אדלער איז ניט קיין פאלקס־זינגער און זינגען איז געווען זיין אכילעס'עס פיאטע, דאס הייסט זיין שוואכסטער פונקט. ער איז געווען א בן יחיד ביי ארימע עלטערען און אלס אזעלכער האט ער איבער זיך ניט געהאט קיין אויבער האר. ער האט קיין חשק ניט געהאט צום לערנען און איז לאנג אין קיין חדר ניט געזעסען און אויך ניט אין קיין שקאלע. די גאס איז איהם געווען בעסער געפעלען און ער האט זיך אין גיכען קונה שם געווען אלס מזיק וועו ער איז אביסעל אונטערגעוואקסען האט ער זיך אויסגעצייכענט אין געשלעגען און מען האט איהם דערפאר גערופען „יאנקעלע קולאק“.

זיין פאטער האט איהם אריינגעגעבען אין א שניט קראם, כדי ער זאל האבען א בעשעפטיגונג. ער האט דא געדארפט טראגען קלומקעס צו די קונים און דאס איז איהם נאך ווייניגער געפעלען געווארען. ער האט געהאט א שעהנע האנדשריפט און ער האט גענומען זוכען א פרנסה אלס איבערשרייבער. ער האט זיך געווארפען פון איין בעשעפטיגונג אויף דער צווייטער, פון איין שטעלע אויף דער צווייטער, און האט זיך ביי קיין זאך ניט אבגעשטעלט, און די לעדיגע צייט האט ער מיט יונגע חברה פערבראכט אין דעם שטאדטישען טהעאטער, וואו ער האט זיך דערהויבען צו דער מדרגה פון א משגיח איבער קלאקיארען. אין די לאקאלען, וואו ער האט געהערט די פאלקס־זינגער, און געמאכט אליין הוליאנקעס, איז ער געווען דער קאמיקער און נאכשפאטער. ער האט געהאט א

תשוקה צו דעקלאמירען און איבערקרימען און נאכשפעטען יעדען און אלעם.

אלס משגיח איבער קלאקיארען איז ער אין טהעאטער ניט געגאנגען ווי א געוועהנליכער בעזוכער. ער האט זיך ניט אזוי אינטערעסירט מיט די פיעסען, ווי מיט די אקטיארען. ער האט געהאט זיינע אקטיארען, פאר וועלכע ער איז כורעים געפאלען און וועלכע ער האט פערגעטערט. און צוזאמען מיט אנדערע העלדען פון דער גאליארקע האט מען אויסגעדריקט די בעגייסטערונג פאר זיי מיט דונערענדע אפלאדיסמענטען. און פערקעהרט, ווען אן אקטיאר איז זיי ניט געפעלען געווען האט מען איהם אויסגעפייפט. אין אמעריקא אויפ'ן אידישען טהעאטער לשון הייסען אזעלכע „פאטריאטען", און פיעלע אקטיארען זיינען ארויסגעקומען פון די דאזיגע „פאטריאטען".

דאס אידישע טהעאטער איז געווען ווי געוואונשען פאר איהם. און ער איז גלייך געווארען א בן בית הינטער די קוליסען. אין דער שטיל האט ער זיך גענומען צוגרייטען פאר א טהעאטער קאריער. ווען ער פלעגט בלייבען אליין, איז ער לאנג געשטאנען פאר'ן שפיעגעל, געמאכט פערשיעדענע גרימאסען, געגלאצט מיט די אויגען און געזוכט אויסצודריקען אלערליי געפיהלען. ער האט אויך פערלאזט מעשה ארטיסט, לאנגע האר און געווארט אויף דער געלעגענהייט צו ערשיינען אויף דער ביהנע און ווערען אן אקטיאר מיט אקטיארען גלייך. נאר וועגען אדלער אלס שוישפיעלער וועלען מיר רעדען שפעטער.

ביי א פראבע פון דער נעקסטער שטיק האט זיך ארויסגעוויזען, אז איינער פון די אקטיארען איז ניט געקומען. מען האט זיך געקליבען שטעלען אויף מארגען גאלדפאדען'ס „סצוציק און מורציק" און די ראל פון אבעלע איז ג'ט געווען בעזעצט. די דאזיגע ראל האט געדארפט שפיעלען „בארים באד גוי" און דאס איז געוועזן די ערשטע געלעגענהייט, וואס אדלער האט געקריגען צו שפיעלען א ראל מיט ווערטער. ביים אויפטרעטען אין דער דאזיגער ראל איז איהם די נשמה ארויסגעפאלען. ער האט ניט געזעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער ביהנע און האט ניט געהערט דעם סופלער, נאר

פון דעם אבענד אַז האָט מען איהם אַפּט איינגעטהיילט קליינע, אונבעדייטענדע ראָלען, און ער איז שוין געווען פּעררעכענט אַזוי גוט ווי איינער פון דער קאָמפּאַניע.

די פיהרער פון דער טרופּע האָבען געלעבט א גוטען טאָג, די געשעפטען אין טהעאטער זיינען געווען גוט און די אַקטיאָרען האָבען אָנגעטהאָן צילינדערס, לאַנגע „ווינטשיקאַוס", וואָס זיינען דערמאָלט געווען אין דער מאָדע און זעמישענע הענדשקעס.

ארום דער צייט האָט זיך גאָלדפאַדען אויסגעקליבען צו פאָהרען קיין אָדעס.

אין א פריהערדיגען קאַפּיטעל איז שוין געווען דערמאָנט, אַז צוליעב א באַנקראָט האָט גאָלדפאַדען געמוזט פערלאָזען אָדעס אין צוליעב די בעלי חובות האָט ער אהין ניט געקענט קומען. עס איז שווער אויסצוגעפינען, ווי אַזוי גאָלדפאַדען האָט איצט געמאַכט די רייזע קיין אָדעס. די מיינונגען זיינען וועגען דעם גרונט פערשיעדען. מען זאָגט, אַז ארום יענער צייט איז אָבגעשאַפט געוואָרען דער שולד געזעץ און אויף אַזא אופן האָט ער מעהר ניט געדאַרפט מורא האָבען פאַר זיינע קרעדיטאָרען. מען זאָגט אויך, אַז אויס כבוד אָן פ'ן דיכטער און דראַמאַטורג האָבען די קרעדיטאָרען בעשלאָסען ניט צו פערפאָלגען איהם און, ער האָט איצט געקענט זיין פראַנק און פריי אין אָדעס. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז ער פאַר פסח, צוזאַמען מיט יצחק ליבערעסקו, אוועקגעפאָהרען קיין אָדעס. זיי זיינען געקומען אליין, אָהן דער טרופּע, נאָר דאָס איז געווען געגוג, אַז ראָזענבערג און ספּיוואַקאָווסקי זאָלען אויפהערען צו געבען זייערע פאָרשטעלונגען. אין רומעניען איז ניט אנערקענט געווען קיין אויטאָרס רעכט, נאָר אין רוסלאַנד איז דער זכות פון דעם שרייבער בייגעשטאַנען איהם, אַז פרעמדע זאָלען זיך מיט זיינע ווערק ניט בענוצען.

א חוץ דעם איז געווען גענוג, וואָס גאָלדפאַדען אליין איז געקומען, אַז די פריהערדיגע קאָמפּאַניע זאָל אָבטרעטען אַן א זייט. די דאָזיגע קאָמפּאַניע האָט געהאַט אַנדערע פּיעסען — לאַטיינער'ס און הורוויטש'עס, נאָר מיט זיין קומען איז ביי זיי אָבגעפאַלען יעדער חשק צו מאַכען שבת פאַר זיך. די מורא און דרך ארץ פאַר

גאָלדפאדען איז געווען זעהר גרויס צווישען די אקטיאָרען, און זיי האָבען איהם גערופען „רבי“ און „טאַטע“.

גאָלדפאדען האָט גלייך געדונגען דעם רעמעסלעני קלוב, און ווען ער האָט מיט ליבערעסקו געמאכט דעם חשבון, זיינען זיי געקו־מען צום שלום, אַז מען דאַרף דערצו האָבען לכל הפחות פינף טוי־זענד רובעל.

און עס האָט זיך איצט אויסגעוויזען, אַז פון די אלע גליקען, וואָס גאָלדפאדען האָט געמאכט אין רומעניען, איז איהם נ ט גע־בליבען גענוג אפילו אויף אריבערצונעהמען די טרופע פון בוקא־רעסט קיין אָדעס. נאָך דעם גרויסען גאָלדענעם מבול איז ער אין אָדעס אָנגעקומען אָרימער, ווי ער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק אנטלאָפען פון דאָרטען. די סומע פון פינף טויזענד רובעל א ז גאָר אַן אונבעדייטענדע און יעדער איינער, וואָס האָט געהאט עפעס א שייכות מיט'ן טהעאטער וואָלט עס געקענט גרינג שאפען פאר אזא אונטערנעהמונג, בפרט דער גרינדער פון דעם אידישען טהעאטער, נאָר דער פריהערדיגער באנקראט איז איהם געווען אין וועג, און ער האָט געמוזט אוועקשיקען זיין סעקרעטאר ליברעסקו צוריק קיין רומעניען און יענער זאָל דאָרט הויבען אן הקפה. עס האָט לאנג ניט גענומען ליברעסקו צו שאפען אין רומעניען די נויטיגע סומע און חל המועד פסח איז ער צוזאמען מיט דער קאָמפאניע אוועק־געפאָהרען קיין אָדעס. ער האָט מיטגעפיהרט מיט זיך צוויי און פערציג פערזאָן, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען קרעדי־טאָרען.

די קרעפטען פון דער קאָמפאניע זיינען געווען : צוקערמאַן, פינקעל, טהייך, אנעטע שווארץ, מאַרגאַריטע שווארץ, מינדעל צו־קערמאַן, בויקע, יאַנקעלע ראָזענפעלד, הערשעל גאָלדענבערג און אַנדערע.

אין אָדעס האָט גאָלדפאדען אריינגענומען אין זיין טרופע פון דער פריהערדיגער קאָמפאניע : אריה שראגע, יאַנקעל קאצ־מאַן, באָריס באַרגוי, באָראַדקין, שאול וויינשטיין און פּאשענקא מאָשקאָוויטש, און געשטעלט די „כשוף מאכערין“, „בריינדעלע קאָ־זאַק,“ „קאפריזנע טאָכטער“, און „שמענדריק“. צוקערמאַן איז

געווען דער פער פון דער קאמפאניע און די פרעסע האט איהם זעהר געלויבט און ער איז געווען דער ליעבלינג פון טהעאטער.

מען האט אזוי אבגעשפיעלט עטליכע חדשים און עס האט אויסגעזעהן, אז דאס אידישע טהעאטער האט שוין געפונען זיין ריכטיגע היים. נאר דא האבען זיך אנגעהויבען מסירות און אין א שעהנעם טאג איז אנגעקומען פון פעטערבורג א בעפעהל, מען זאל ניט לאזען שפיעלען קיין אידיש טהעאטער.

אין אדעס איז דעמאלט געווען א געוויסער קאך־לעפעל מיט'ן נאמען קרוג. ער איז געווען בעקאנט מיט'ן פעטערבורגער גאלאווא און איז געווען אויסגעמישט מיט „נאטשאלסטווא". ער האט זיך ארויסגערופען אויסצוכלאפאטשען אן ערלויבנים, אז מען זאל מעגען שפיעלען אידיש טהעאטער, ניט נאר אין אדעס נאר אין גאנץ רוסלאנד, און דערפאר האט ער פערלאנגט, אז גאלדפאדען זאל מיט איהם מאכען דעם טהעאטער שותפות. גאלדפאדען איז דערויף איינגעגאנגען און זיי זיינעןביידע אוועקגעפאהרען קיין פעטערבורג.

נאר אזוי ווי קיינער האט ניט געקענט וויסען אויף זיכער, צי פון דער שתדלנות וועט עפעס ארויסקומען, און סתם זיצען און ווארטען איז ניט געווען קיין פלאן, האט די טרופע דערווייל געמאכט א רייזע צוריק קיין רומעניען און האט זיך אבגעשטעלט אין יאסי, און געשפיעלט דארטען פינף וואכען צייט. דאן איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון רוסלאנד, אז מען מעג שוין ווידער שפיעלען אידיש טהעאטער און די טרופע האט מיטגענומען מיט זיך אבא שעהנגאלד און א נייע אקטריסע, ליזע אייגהארן, וועלכע האט שעהן געשפיעלט פיאנא און גוט געזונגען.

איצט איז שוין דער רעמעסלעני קלוב געווען צו קליין, צו אונבעדייטענד פאר'ן אידישען טהעאטער און גאלדפאדען האט געדונגען דעם מארינסקי טהעאטער. די קאמפאניע האט זיך געהאלטען אין איין סטאלירען, קרעפטען האבען זיך געביטען, אייניגע זיינען צוגעקומען און אנדערע זיינען אבגעפאלען. באלד איז דא אריין ספיוואקאווסקי און אויך גראדנער מיט זיין פרוי. גראדנער האט געמאכט א גרויסען פוראר אין דער ראלע פון דער באבע אין

דער „כשוף מאכערין“, נאר ער איז געוועזן דורכגעדרונגען מיט א ווידערשפעניגסטען גייסט און האט ניט געקענט פערטראגען צו האבען איבער זיך אן אויבערהאר. ער האט געהאט זיינע אייגענע צוויי שטיקער און האט געקריגען אן ערלויבניס צו שפילען זיי אין ניקאלאיעוו. ער האט אבגערעדט פינקלען, משה טהייך און שעהנגאלד און נאך אנדערע און צוזאמענגעשטעלט אן אייגענע טרופע. גראדנער האט אבער געמאכט א טעות, ווען ער האט געמיינט, אז עס איז גענוג צו האבען אן ערלויבניס צו שפיעלען. ער האט ניט געוואוסט, אז א חוץ דער ערלויבניס דארפען די פיעסען זיין צענזורירט און זיינע פיעסען האבען דעם הכשר פון דער צענזור ניט געהאט. דער ניקאלאיעווער פאליצמייסטער האט איהם די ערלויבניס אונטערגעשריעבען, נאר ווען עס איז געקומען צו די פיעסען, האט מען זיך געכאפט, אז זיי זיינען ניט צענזורירט. האט זיך גראדנער אן עצה געגעבען אויפ'ן רומעניזשען אופן און האט אויסגעקליבען די „כשוף מאכערין“, וואס האט געהאט דעם נויטהיגען הכשר, נאר גוטע מענשען האבען וועגען דעם געלאזט גלייך ווי־סען גאלדפאדען, וועלכער האט תיכף טעלעגראפירט צום פאליצמייסטער, אז די „כשוף מאכערין“ איז זיינע און האט איהם אויפגעפאדערט ער זאל ניט ערלויבען צו שפיעלען איהר. דער פאליצמייסטער האט געשיקט רופען גראדנער'ן און געמאכט איהם א שארפען אויסרייד. גראדנער איז גלייך אבגעפאהרען פון ניקאלאיעוו און די טרופע איז דארטען געבליבען שטעקען אויף גרויסע צרות. נאר אין שטאדט האט מען זיך אויף זיי מרחם געוועזן און מען האט זיי אבגעשיקט קיין אדעס. דא האבען זיי אנגעשטעלט מענשען, אז מען זאל זיך ארייגלעגען אין א שלום, און גאלדפאדען האט זיך געלאזט איבערבעטען און צוריק אריינגענומען זיי אין זיין טהעאטער.

אין דער צייט האט זילבערמאן פערלאזט מאגולעסקא'ס רומענישע טרופע און איז אנגעקומען צו גאלדפאדען און האט דא אויך געמאכט א גרויסען פורור.

אין אדעס איז א־צט אויך אנגעקומען מאקס קארפ. ער איז נאך קיין אקטיאר ניט געוועזן, נאר ער האט געהאט א נאהענטע בע־

קאנטשאפט מיט'ן אידישען טהעאטער. און אזוי ווי ער האט גע־האט א גוטע שטים האט מען איהם באלד אריינגענומען אין טהע־אטער.

ווען גאָלדפאדען האט אין אדעס גענומען מארינסקי טהעא־טער, האט ער קיין חשק ניט געהאט צו מאכען שותפות מיט קרוג, הגם בשעת עס איז פערבאָטען געוואָרען צו שפּילען א דיש טהעא־טער און קרוג האט זיך אונטערגענומען אויסצואווירקען אן ער־לויבנים, האט איהם גאָלדפאדען צוגעזאָגט צו מאכען איהם פאר א שותף אין טהעאטער, אויב פון זיין שתדלנות וועט עפּעס ארויסקו־מען. אבער דערפאר האט גאָלדפאדען צוזאמענגעשטעלט א קאָמ־פּאניע פאר דער פּראָווינץ אונטער דער דירעקציאָן פון זיין ברו־דער טוביא און קרוג און האט זיי אוועקגעשיקט א בער זיך רוס־לאנד.

די קאָמפּאניע איז בעשטאַנען פון ראָזענבערג, קאצמאן, סאָ־ניע אָבערקלענדער, שבתי (עלטערער ברודער) און אנדערע. מיט דער קאָמפּאניע איז אויך מיטגעפּאָהרען אדלער און עס האט געדויערט א קורצע צייט ביז ער איז געוואָרען א גאנצער אקטיאָר.

עס פערשטעהט זיך, אז די קאָמפּאניע האט קיין נייע זאכען ניט געשפּיעלט און ניט געדארפט. פאר די שטעדט און שטעדטלאך, וואו די קאָמפּאניע האָט אָנגעשפּארט, איז אלץ וואָס מען האט גע־שפּיעלט געווען שפּאָגעל ניי.

קיין איבעריגע קרעפטען האט די קאָמפּאניע ניט פערמאָגט און אויב עס האָט אויסגעפעהלט א קראפט אין א שטאָדט האָט מען זי דאָרטען גופא געזוכט און געפונען. די הויפּט פאָדערונג פון אן אקטיאָר איז דעמאָלט געווען, אז ער זאָל קענען זינגען.

אזוי האט שוין ביים ערשטען ארויספאָהר אין בערסאָן אויס־געפעהלט דער קאָמפּאניע א קאָמיקער פאר דער ראָל פון האָצמאך אין דער כשוף־מאכערין. נאָר גלייך האָט זיך אָבגעזוכט א בחור, וואס איז געווען בעקאנט מיט'ן גאנצען רעפּערטואר פון די פאָלקס־זינגער און אין א פאָר טעג האט ער אָבגעקנאקט זיין ראָל אזוי, אז ער האט אויסגענומען ביי די דירעקטאָרען און איז פערבליבען אין דער קאָמפּאניע און איז מיטגעפאָהרען איבעראל און האט גע־

שפיעלט יונגע און אלטע פרויען און אויף קאמישע ראלען. דאס איז געווען דער בעקאנטער קאמיקער אברהם פישקינד.

אין קעשענעוו האט די דאזיגע קאמפאניע געגעבען דוד קעסלער'ן די ערשטע געלעגענהייט צו פערזוכען דעם טעם פון א ביהנע. ער האט ניט געהאט אזא גליק ארייננצושפרינגען גלייך אין א ראל. פאר דער ערשטער צייט איז געווען איבער געגוג, אז ער האט געקראגען די זכיה צו שטעהן אויף דער ביהנע אלס סטאטיסט. נאר ער האט געהאט א גוטע שטים און ער האט געקענט האפען צו שטייגען העכער און דערגרייכען צו דער מדרגה פון אן אקטיאר.

אין קעשענעוו זיינען אויך אריינגעקומען די פאלקס-זינגער מ. הײמאוויטש (היינע) און גרודבערג. אלס פאלקס-זינגער האבען זיי שוין קיין אונטערר כטונג אין דער קונסט פון שפיעלען ניט געדארפט האבען און זיי זיינען גלייך אריין אלס אקטיארען.

ווען די דערמאנטע קאמפאניע איז אנגעקומען קיין סמילע, האט אויסגעפעהלט אן אקטריסע. ביז איצט האט א׳ן דער קאמפאניע געשפיעלט פריילין דאיען (שפעטער מרס. קאצמאן), נאר דעם פאטער איז ניט געפעלען געווען, וואס זי פאהרט ארום מיט אקטיארען און ער א ז געקומען און אוועקגענומען איהר. נאר אפילו אין אזא קליינעם שטעדטעל ווי סמילע האט מען לאנג ניט געדארפט זוכען א נייע קראפט. דא האט די קאמפאניע געטראפען פריילין סאניעם און זי איז ארויף אויף דער ביהנע. פריילין סאניעם איז קיין אנדערע ווי די שפעטער געווארענע בעוואוסטע שוישפיעלערין קעני ליפצין.

ווי עס זעהט אויס, איז אלץ וואס האט זיך געפאדערט איז געווען צו געבען נאר א רוף, און פארטיגע אקטיארען זיינען ווי דורך א כשוף פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען. אין די שטעדט, וואו מען האט נאך קיין טהעאטער אין די אויגען ניט געזעהען, האט מען שוין געזונגען פיעלע טהעאטער ליעדלאך מיט'ן אמת'ן טראפ און מיט די ריכטיגע האוואיעס פון טהעאטער און דאס זיינען געווען ניט נאר פאלקס-זינגער נאר אויך יונגע פועלים, וואס האבען שוין געטראפען דעם וועג א׳ן א קעלער. אלע אזעלכע, אויב זיי האבען נאר געהאט שטימען, זיינען געווען פיקס און פארטיג פאר

דער ביהנע און מען האט זיי נאר געדארפט ווייזען דעם שניט און זיי זיינען געווארען פארטיגע אקטיארען.

נאר איין זאך איז שווער צו ערקלערען. מיר האבען געזעהן ווי אזוי איידער דאס אידישע טהעאטער איז אלט געווארען עטליכע חדשים האבען מיר שוין אויף דער אידישער ביהנע געהאט אזעלכע אקטיארען ווי ישראל גראדנער, זעליג מאגולעסקא און איידער דאס אידיש טהעאטער איז אלט געווארען א יאהר אין רוסלאנד האבען מיר שוין געהאט יעקב אדלער, דוד קעסלער, קעני סאניעס. עס איז אמת, גראדנער און מאגולעסקא זיינען געוועזען דעמאלט נאך גאר רויהע טאלאנטען און סיי אדלער און סיי קעסלער און סיי סאניעס האבען נאך ניט דערגרייכט אפילו צו דער מדרגה פון וואס מען רופט אויפ'ן טהעאטער לשון פורציעס. אדלער איז געוועזען א קטן שבקטנים אין אן אונבעדייטענדע פראווינציעלע קאמפאניע און קעסלער איז געוועזען ניט מעהר ווי א סטאטיסט, נאר זיי זיינען שוין פון דער ביהנע מעהר ניט אבגעשטאנען און עס האט ניט געדויערט זעהר לאנג און זיי האבען זיך גענומען רוקען צום אויבען אן אויף דער ביהנע מיט זיכערע טריט און זיינען דארטען פערבליבען ביז היינטיגען טאג.

מאכט מען א חשבון פון אלע שטערען וואס האבען געלויכטען אויף דער ביהנע מיט א שטענדיגען שיין, געפינען מיר גיך אויס, אז מיט דער אויסנאהם פון מאדאם קאליש, זיינען קיינע אידישע ערשטע קלאסע אקטיארען ניט צוגעקומען דורך אלע יאהרען. עס איז אמת, אז עס זיינען געוועזען א סך, א סך שטערען אין אידישען טהעאטער די ערשטע יאהרען, נאר זייער שיין האט לאנג ניט אנגעהאלטען, און איידער מען האט זיך ארומגעקוקט, זיינען זיי אויסגעלאשען געווארען. שטערען וואס האבען אויסגעהאלטען די פראבע פון צייט, זיינען געוועזען מאגולעסקא, גראדנער, אדלער, קעסלער, ליפצין, דאס הייסט די זעלביגע וואס האבען זיך בעוויזען די סאמע ערשטע צייט אין רומעניען און אין רוסלאנד. און דורך אלע יאהרען און וואנדערונגען פון דער אידישער ביהנע איז אויסער מאדאם קאליש ניט צוגעקומען קיין איינציגער גרויסער שטערן. עס זיינען צוגעקומען פיעל גוטע, אמת גוטע אק־

טיארען און אקטריסעס, נאר ניט קיין שטערען. און פאר דער דאזיגער ערשיינונג איז ניטא קיין שום ערקלערונג.

מיר האבען שוין דערמאנט, אז קיין מניעה פון שפיעלער איז ניט געווען. אפילו אין די פערוואָרפענסטע שטעדטלאך האט מען זיי געקענט שאפען, אויב מען האט זיי גענדארפט. עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז געווען דערפאר, וואס דער מאסשטאב פון שפיעלען איז געווען זעהר א נידריגער — און די וואס האבען פערנומען דעם אויבען אן אויף דער ביהנע זיינען געווען אויך ניט מעהר ווי אנפאנגער. און דער דאזיגער צושטאנד האט גרינג געמאכט פאר יעדען וואס האט געוואלט ווערען אן אקטיאר ארויפצוגעהן אויף דער ביהנע.

נאר וואס איז געווען די צויבערקראפט, וואס האט אזוי גרינג צו זיך צוגעצויגען אזוי פיעל יונגע מענשען צו דער ביהנע?

א מאטעריעלען געווינס האבען די דאזיגע יונגע מענשען ניט געקענט ערווארטען. די מאטעריעלע לאגע פון די אידישע אקטיארען די ערשטע יאהרען אויף דער ביהנע איז געווען ניט בעסער ווי פון די משוררים'לאך ביי די חזנים אין די קלענערע שטעדט. די דאזיגע משוררים'לאך האבען ניט אלע מאל געהאט אפילו ריכטיג אבצועסען און ווען ניט די „גוטע ברידער", וואס מען קען געפינען אין יעדען שטעדטעל, וואלטען זיי נאך מעהר צוגעהונגערט. די גוטע ברידער, וואס האבען ליעב געהאט די נגינה, פלעגען אונטערדרוקען די משוררים עפעס א ביס אדער א נאשעריי און שטילען זייער הונגער. מיט דער אויסנאהם פון דער צייט וואס דער רוסיש־טערקישער קריעג האט געדויערט, און א גאלדענער מבול האט זיך א גאס געטהאן אויף אלעמען, האבען די קלענערע אקטיארען די ערשטע יאהרען נאר ניט געקענט ערווארטען פון דער ביהנע. עס האט געהייסען, אז די אקטיארען קריגען בעשטימטע שכירות, נאר דאס רוב זיינען די שכירות געווען אויפ'ן צעטעל און מעהר ניט. ווען גאלדפאדען האט אויסגעריכט די ערשטע קאמפאניע פון אדעס און אוועקגעשיקט איהר אין די אנדערע שטעדט, האבען די אקטיארען אין אדעס גופא א לענגערע צייט זייערע שכירות ניט בעקומען, ווייל עס איז פשוט ניט געווען מיט וואס

צו צאהלען זיי. גאר דאס האט ניט אבגעהאלטען סיי פארטיגע אקטיארען און סיי אזעלכע וואס האבען ערשט געזוכט צו ווערען אקטיארען אנצושליסען זיך אין דער קאמפאניע, וואס האט זיך אוועקגעלאזט איבער די קלענערע שטעדט. די דירעקציאן פון דער דאזיגער קאמפאניע האט אויך אויפגעהערט צו צאהלען שכירות אזוי גיך ווי די קאסע איז געווארען שוואכער. און עס איז אפילו ניט געווען נויטיג פאר דער קאסע צו ווערען שוואכער, אז די פער־שפראכענע שכירות זאלען ניט אויסגעצאהלט ווערען פינקטליך. די דירעקציאן איז ניט געווען בלינד, די דירעקטארען האבען גע־זעהן, וואס פאר א גדלות עס ווערט אויף א בחור אדער א מיידעל, אז מען נעהמט איהם אדער איהר אריין אין טהעאטער און מען לאזט איהם אדער איהר ערשיינען אויף דער ביהנע, און זיי האבען זיך אנגעשטויסען, אז די גדולה אליין איז א גענינגענדע געצאהלט פאר דער ארבייט. און דאס איז טאקע געווען אמת, פיעלע פון דער קאמפאניע זיינען געווען העכסט צופריעדען מיט די בעסארא־ביער ווייגען, וויינטרויבען און פאסטראמא און האבען מעהר גאר ניט פערלאנגט.

הייסט עס אז קיין מאטעריעלען געווינס האבען די יונגע קרעפ־טען ניט געזוכט ביים אריינטרעטען אין טהעאטער, און נאך ווע־ניגער וואלט געווען צו פערדעכטיגען אין די דאזיגע קרעפטען א שטרעבונג צו קונסט. דעמאלט איז קונסט געווען נאך גאר א פרעמדע זאך פאר די יונגע בחורים און מיידלאך, וואס האבען גע־וואלט ארויפטרעטען אויף דער ביהנע.

עס פערשטעהט זיך, אז די ביהנע האט דעם צויבער פון אויפ־הויבען עטליכע פערזאנען איבער טויזענדע. די וואס שטעהן אויף א ביהנע פיהלען, ווי טויזענדע אויגען זיינען צוגעשמידט צו זיי, ווי טויזענדער הערצער קלאפען מיט שמחה אדער טרויער פון זייערע ווערטער און פון זייערע האנדלונגען, און זיי פיהלען זיך ווי העלדען צווישען א מאסע. אזא מין גרויסע אויפמערקזאמקייט ווי דער אקטיאר אדער אקטריסע ציהט צו זיך, קען פערדרעהען דעם קאפ פיעלע מענשען, און עס דארף ניט זיין קיין צווייפעל, אז די דא־זיגע גרויסע אויפמערקזאמקייט, די דאזיגע מדרגה פון העלדיש־

קייט, וואס די שפיעלער פיהלען אויף דער ביהנע איז געוועזן און איז און וועט זיין דער טריב צו ווידמענען זיך ז'ער ביהנע.

נאר עס וואלט געווען א גרויסער טעות צו ערקלערען דערמיט אליין, פאר וואס יונגע מענשען האבען אזוי אבגעשלאגען די שוועלען פון דער ביהנע. נאך אלעמען דארף מען זיך ניט נארען, מען האט דעמאלט געקוקט אויף די שפילער ווי אויף די פסולת פון דער גהעטא. אין בעסטען אופן האט מען זיי גערופען פורים שפיעלער, אקטיארסטשיקעס, קאמעדיאנסטשיקעס און אנשטענדיגע מענשען האבען זיך געהאלטען פון זיי פון דערווייטענס. און דאס האט בשום אופן ניט געקענט געבען דער ביהנע אזא צויבער, וואס זאל צוציהען יונגע לייט אין אזא גרויסער צאהל.

קוקט מען זיך גוט צו ווי די שפיעלער האבען דעמאלט פערבראכט זייער צייט, געפינען מיר א שטארקערע צויבערקראפט פאר דער ביהנע. די ביהנע האט געהאט דעם זעלטענעם גלאנץ פון הפקרות. אזוי גיך ווי איינער איז ארויף אויף דער ביהנע, האט זיך פאר איהם אנגעהויבען א לעבען, וואו עס זיינען אבגעשאפט געווארען אין גאנצען אזעלכע ווערטער ווי „עס איז ניט שעהן", „עס פאסט ניט," „מען טאר ניט." ווען מען איז אריין אין דער חברה שפיעלער איז שוין אלץ געווען שעהן, אלץ האט געפאסט און אלץ האט מען געמעגט.

אין יענער צייט און אפילו נאך איצט אויך אין אזעלכע פלעצער וואו א טהעאטער שטעהט אויף היהנערשע פיסלאך זיינען געוועהנליך די מעצענאטען דער סאמע פסולת פון דער שטאדט. אלע וואס זיינען מעהר אדער ווענינער בעקאנט מיט'ן אידישען טהעאטער ווייסען, אז די דירעקטארען זוכען שטענדיג צו געפעלען ווערען דער מאסע. דאס טהוט מען בשום אופן ניט אויף צו להכעים די אינטעליגענטערע טהעאטער-בעזוכער אדער אויס שנאה צו דער בעסערער דראמע. די דירעקטארען זיינען איבערצייגט, אז זייער ברויט קומט פון דער גרויסער מאסע, און ניט ווייל די מאסע איז אזוי גרויס און די צאהל אינטעליגענטערע בעזוכער איז א קליינע, נאר ווייל דער פראסטער עולם איז טאקע מעהר פעראינטערעסירט אין טהעאטער. די ערשטע יאהרען פון א טהעאטער איז ער איינ־

גאנצען אבגעלעגט אויף דעם סאמע פראסטען עולם. נאר דער פראסטער עולם איז ארים און דאס העכסטע וואס ער קען איז קויפען א בילעט און ווייטער גאר ניט. ווען דער דאזיגער עולם איז זעהר א גרויסער, דארף דער טהעאטער צו קיינעם ניט אנקומען, נאר ווען דער עולם איז ניט זעהר קיין גרויסער, פאדערען זיך שוין מעצענאטען. און אזוי ווי די בעלי בתים, די נגידים ווייכען אין אזא צייט פון דעם טהעאטער, נעהמען אויף די ראל פון מעצענאטען אזעלכע, וועמען א קערבעל קומט אן זעהר גרינג. און דאס זיינען געוועהנליך פערזאנען פון דער אונטער־וועלט. די דאזיגע חברה־לייט פיהלען זיך בעשמירט, וואס זיי קענען זיך קאמפאנירען מיט מענשען, וואס טראגען צילינדערס, פאלירטע שיך, זעמשענע הענדטשעקעס און פעלערינעס. צוזאמען מיט די חברה־לייט הויבט מען אן צו לעבען א גוטען טאג. אזוי גיך ווי מען ווישט אב די שמינקע פון געזיכט נאך א פארשטעלונג שטעלט מען זיך אין גאנצען אין דעם רשות פון די חברה לייט און מען שלעפט זיך איבער שענקען, רעסטאראנען, וואו מען עסט און מען שכור'ט אויף וואס די וועלט שטעהט און פון דארטען לאזט מען זיך אוועק איבער די פרעהליכע הייזלאך און מען הוליעט כל זמן מען קען נאר האלטען זיך אויף די פיס.

אן אנצוהערעניש ווי אזוי מען האט די ערשטע יאהרען זיך אויפגעפיהרט ביים טהעאטער, גיט דער בעוואוסטער שוישפיעלער יעקב אדלער:

„...וואס זאל מען זיך לייקענען, איך בין קיין צדיק פריהער אויך ניט געווען. נאר פריהער איז דאס געווען מעשה יונגערמאן, דאן און וואן, אבער איצט האט מיך געצוויגען יעדע נאכט צו פערברענגען ביז'ן פריהמארגען אין לוסטיגע געזעלשאפטען, וואו עס שפאצירען א סך מאמזעלען פאר'ן שיין פון פיעלע ליכט... עס האבען זיך פערברידערט מיט אונז מענשען מיט א שלעכטען רענאמע און די קליינע פאליציי בעאמטע, ווי פריסטאווס, נאדזיראטעלס, צוזאמען מיט דעם ביינאכטיגען פאטרול קאזאקען. זיי האבען אנגעטהאן קאפאטעס אין אונזער גארדעראב, און מיר אין זייערע שינעלען און

מיר זיינען כלומרשט געווען די נאַטשאַלסטווא און אזוי האָבען מיר געהוליעט גאַנצע נעכט.

„אין מיין נייער קאַריערע האָב איך נאָך קיין וואונדער ניט דערוויזען, נאָר אין דער קורצער צייט האָב איך שוין בתכלית השלמות אויסגעלערענט די תורה צו קומען יעדען פריהמאָרגען אהיים מיט ניט זיכערע טריט, מיט א בערוישטען מוח און צו שלאָפען א גאַנצען טאָג ווי אַן אונפערשעהמטער פוילענצער. אין מיין טהיר האָבען אַנגעהויבען צו קלאַפּען אונגעבעטענע געסט; איך האָב אַנגעהויבען צו בעקומען ליעבעס־בריעף... קורץ, מיין אויפפיהרונג איז געווען מעשה אַקטיאָר.“

און אויב דאָס איז געווען דער בעגריף וועגען דער אויפפיהרונג פון אַן אַקטיאָר, דאַרף גאָר קיין וואונדער ניט זיין, פאַר וואָס אזוי פיעל יונגע בחורים האָבען מיט קנאה ארויפגעקוקט צו די אַקטיאָרען און פאַר וואָס זיי האָבען אזוי אַבגעשלאָגען די שוועלען פון דער ביהנע.

אזא אויסגעלאַסען לעבען האָט א רייץ פאַר א געוויסען סאָרט מענשען. בפרט ווען די הפקרות איז צוגעדעקט מיט דעם שעהנעם מאַנטעל פון קונסט.

אברהם גאָלדפאַדען האָט זיך אין אַדעס איצט דערפיהלט טאַקע ווי גאָט אין אדעס. ער האָט זיך ניט נאָר געזעהען אלס גרינדער פון אידישען טהעאטער, נאָר אלס פערקערפּערטער אידישער טהעאַטער. ער איז געווען דער טהעאטער און אָהן איהם האָט זיך די אידישע ביהנע ניט געטאָרט א ריהר טהאָן. אונטער דער פּאַפּירענער קרוין פון דער ביהנע האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אלס אַבסאָלוטער הערשער אין דעם אידישען טעמפּעל פון קונסט. אויף זיינעם א מאָך מיט'ן פינגער איז זיינער א ברודער, אַן איינפאַכער בעל מלאכה, געוואָרען אַן אַנטרעפּאָניאָר און האָט מזכה געווען די אידען אויף דער פּראָווינץ מיט טהעאטער פאָרשטעלונגען, און אויף זיינעם א וואונק האָט יעדע אידישע פאָרשטעלונג געמוזט גלייך אויפהערען. ער האָט זיך אין דער צייט גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז ער זאָל דאַרפען קאָנקורירען מיט וועמען עס איז אויף דיעם ראָזיגען פעלד.

די געשעפטען אין אדעס זיינען אוועק זעהר גוט. די אידישע בעפעלקערונג האט שטארק פאטראניזירט די קונסט, וואס איז געווען אזוי נייַ ביי אונז, און צום טהעאטער זיינען כסדר צוגעקומען נייע קרעפטען און אנדערע זיינען אוועק. די לייכטקייט מיט וועלכע נייע קרעפטען זיינען געשאפען געווארען האט געפיהרט דערצו, וואס גאלדפאדען האט איבער זיי ניט געציטערט און מיט זיי קיין צערעמאניעס ניט געמאכט. און יענע אקטיארען וואס זיינען פון איהם אוועק האבען אויף איהם קיין גוט הארץ ניט געהאט.

איינער פון די דאזיגע אונצופרידענע אקטיארען איז געווען ספיוואקאווסקי. אנגעהויבען צו שפיעלען האט ער אין רומעניען אין דער צייט פון דעם קריעג. ער איז אין בילדונג געשטאנען מיט פיעל קעפ העכער פון אלע אידישע אקטיארען, זיין האלטונג און בענעהמונג איז געווען אריסטאקראטיש און ער איז געווען דער ליעבהאבער פאר עקסעלאנס. מיר זעהען, אז באלד ווי גאלדפאדען האט גענומען דעם מארינסקי טהעאטער, האט ספיוואקאווסקי געשפיעלט אין זיין טרופע און אין א קורצע צייט נאכדעם טרעפען מיר איהם שוין אויף דער פראווינץ אין טוביא גאלדפאדענס טרופע. עס איז גרינג אנצושטויסען זיך, אז דאס האט ער ניט געטהאן פאר נחת, און ער איז געווען זעהר אויפגעבראכט אויפ'ן גרינדער פון טהעאטער.

די גוטע געשעפטען, וואס גאלדפאדען האט געמאכט אין מארינסקי טהעאטער האבען געריסען די אויגען דעם בעל הבית פון דעם דאזיגען טהעאטער. דער אייגענטימער איז געווען א גרעק און געהייסען האט ער אמער. גאלדפאדען האט דעם טהעאטער פון איהם געדונגען, נאר ווען אמער האט דערזעהן וואס פאר גוטע געשעפטען דער דירעקטאר מאכט, האט ער אנגעבאטען גאלדפאדענ'ען צו ווערען מיט איהם א שותף. גאלדפאדען האט דערפון ניט געוואלט הערען, און דאס האט דעם גרעק בייז געמאכט.

אמער אליין האט קיין בעגריף ניט געהאט וועגען די אנדערע אידישע אקטיארען אין רומעניען, נאר דא האט זיך אריינגעמישט ספיוואקאווסקי און איהם ערקלערט וועגען דער גרויסער רעפוטאציע וואס מאגולעסקא האט זיך ערווארבען, און וואס פאר א פוראר ער

וועט מאכען אין אדעס. ער האט זיך אונטערגענומען אריבערצוברענגען מאגולעסקא'ן מיט זיין קאמפאניע, מיט זיין רעפערטואר.

מיר קענען ניט בעשטימען, צי ספיוואקאווסקי איז געווען דער ערשטער, וואס האט אריינגעגעבען שכל אמער'ן און אויפגעגעבען איהם דעם דאזיגען פלאן, צי עס האבען זיך שוין געפונען פאר איהם אזעלכע וואס האבען געוואלט רעכענען זיך מיט גאלדפאדען, נאר זיכער איז, אז אמער האט געשיקט ספיוואקאווסקי'ן אלס שליח קיין רומעניען, ער זאל ברענגען מאגולעסקא'ן מיט זיין טרופע. אין יאסי האט ספיוואקאווסקי געטראפען יצחק ליברעסקו, וועלכער איז ביז א קורצע צייט צוריק געווען די רעכטע האנד פון גאלדפאדען. אין אדעס האט גאלדפאדען איהם אבגעזאגט פון זיין שטעל און צוריקגעשיקט איהם אהיים קיין יאסי. ער האט דערפאר געהאט א כעס אויף גאלדפאדען און צו איהם האט זיך ספיוואקאווסקי געווענדעט, אז זיי זאלען אלס גאלדפאדענס שונאים צוזאמענשטעלען א טרופע און פאהרען קיין אדעס.

מאגולעסקא און לאטיינער זיינען דעמאלט געווען אין באטושאן און זיי האבען קוים קוים זיך דורכגעשלאגען. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן דעם פארשלאג ווי אן א הייסען שטיין און אלע פיער זיינען גלייך אוועק קיין אדעס.

ליברעסקו האט אין גרונד קיין זאך דארטען ניט געהאט וואס צו טהאן, נאר פאר זיין הילף האט מען איהם איינגעטהיילט אן ארבייט איבערצושרייבען פיעסען.

דאס אלץ איז געטהאן געווארען בשתיקה, כדי גאלדפאדען זאל דערפון ניט געוואהר ווערען, איידער מען וועט זיין זיכער, אז מאגולעסקא קען האבען א קיום אין רוסלאנד און צי ער וועט האבען פיעסען פאר'ן טהעאטער.

עס פערשטעהט זיך, אז אמער האט געגארט צו האבען גאלדפאדענ'ס רעפערטואר, נאר מען האט איהם ערקלערט, אז פון שטיקער וועט קיין מניעה ניט זיין. לאטיינער האט שוין עטליכע אויסגעפרובירטע שטיקער געהאט און מאגולעסקא האט אויך מיטגעבראכט דעם „פוילישען אינגעל“ פון הורוויטש. אמער איז מיט די דאזיגע שטיקער אוועקגעפאהרען קיין פעטערבורג און געלאזט זיי צענ־

זורידען, און ווען ער איז געוואָרען זיכער מיט א טרופע און פיע־סען, האָט ער אָהן צערעמאָניעס ארויסגעוואָרפען גאָלדפאדען פון טהעאטער און אריינגענומען מאַגולעסקא מיט זיין קאָמפּאניע.

דאָס ערשטע שטיק האָט מען געשטעלט „יענטע פּיפּערנאָטער“ פון לאטיינער, און זי איז דורכגעפאלען בתופים ובמחולות. נאָר דאָס צווייטע שטיק, וועלכע איז אויך געווען לאטיינערס און האָט געהייסען „שמואל שמעלקעס“, האָט זעהר אויסגענומען.

גאָלדפאדענ'ען האָט זיך אָנפאנגס ניט געגלויבט, אז א טהע־אטער וועט זיך קענען האלטען אָהן איהם. נאָר איצט, ווען ער האָט דערזעהען, אז מאַגולעסקא האָט גענומען אדעם מיט שטורעם און אז לאטיינער'ס שטיק האָט אויסגענומען, האָט ער צוזאמענגענומען א קאָמפּאניע און האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער פּראָווינץ. זיין ערשטער אָבשטעל איז געווען אין ניקאלאיעוו, וואו זיין קאָמפּאניע האָט געשפּיעלט דריי חדשים נאָכאנאנד, און ביי יעדער פאָרשטע־לונג איז דער טהעאטער פול געווען.

גאָלדפאדען איז אהין אָנגעקומען חנוכה צייט אין 1880 און ער האָט גענומען דורכלופטערן זיין אלטען רעפּערטואר, און די קאָמ־פּאניע האָט געשפּיעלט „שמענדריק“, „כשוף מאכערין,“ „ברײנדעלע קאָזאק“ און דאָס גלייכען. דערווייל האָט גאָלדפאדען דערוואוסט זיך, אז מאַגולעסקא קלייבט זיך צו שטעלען לאטיינער'ס פּיעסע „די ליעבע פון ציון“, א שטיק וואָס איז געווען גענומען פון ווער־בעל'ס „בור וחולדה“ און פון מפּו'ס „אהבת ציון.“ איצט האָט זיך גאָלדפאדען דערמאָנט אז נאָך אין רומעניען האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען א פּיעסע „שולמית“ וואָס האָט זיך אויך געשטיצט אויף „בור וחולדה“, און ער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער ארבייט. ער האָט איצט געפיהלט, אז ער דאַרף עפּעס אויפטהאָן, און אויפ־טהאָן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל קלאָר און דייטליך מאכען, אז די ביהנע האָט נאָר איין צויבערער און דאָס איז קיין אנדערער ווי גאָלדפאדען.

אין ניקאלאיעוו האָט ער „שולמית“ געענדיגט און דאָרטען אויפגעפיהרט, און זי האָט געמאכט א גוואלדיגען רעש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי מען האָט געזעהען אויף דער אידישער

ביהנע א היסטאָרישע פּיעסע. דער ערפאָלג איז געווען אזא גרויסער, אז מען האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען יעדען אבענד, אויך פרייטאג צו נאכט. ביז דעמאָלט, סיי אין רומעניען, סיי אין אָדעס און סיי אויף דער פּראָווינץ, האָט מען נאָר געשפּיעלט עטליכע מאָל א וואָך און קיין מאָל ניט פּרייטאג צו נאכט.

אָבער עס האָבען זיך גלייך א שאָט געטהאָן בריעף צו גאָלדפאדען, אז אויב ער וועט ווייטער מחלל שבת זיין און ניט אויפהערען צו שפּיעלען פרייטאג צו נאכט, וועט מען מאכען אין טהעאטער אזעלכע סקאַנדלען, אז ער וועט דארפען אנטלויפען פון שטאָדט און ער האָט זיך בערעכענט אז עס לוינט ניט איינצורייסען מיט׳ן פּרורמען עלעמענט, און ער האָט נאָכגעגעבען.

„שולמית“ איז דאָס בעסטע ווערק, וואָס גאָלדפאדען האָט אָנגעשריבען. זי צייכענט זיך אויס מיט אזא איינפאכקייט, מיט אזא פּשטות, וואָס מען בעגעגענט ניט אין די אנדערע שטיקער, און זי איז געווען דאָס ערשטע שטיק וואָס האָט געגעבען דער אידישער ביהנע א רעכט צו רופען זיך מיט אזא נאָמען און געוויזען איהר דעם ריכטיגען וועג אויף וועלכען צו געהן.

„שולמית“ איז אן אָפּערעטע און די מוזיק האָט גאָלדפאדען אליין געשאפען. גאָלדפאדען איז ניט געווען קיין מוזיקער, נאָר ער האָט ליעב געהאט נגינה און האָט געהאט דערין א בעל־הבית׳שען בעגריף. ווי שוין געזאָגט, האָט ער זיך צו שולמית גענומען נאָך אין רומעניען, און טאקע באלד ווי ער האָט געגרינדעט א טהעאטער אין בוקארעסט. ער האָט אויף דער אָפּערעטע געלייגט גרויסע האָפענונג און האָט אָבגעשאצט איהר ריכטיגען ווערטה. דעמאָלט האָט מאָגולעסקא געשפּיעלט אין זיין קאָמפּאניע, און אזוי ווי דער לעצטער איז געווען א מנגן, האָט ער זיך מיט איהם מיישב געווען וועגען דער מוזיק.

און מאָגולעסקאָ׳ס השפּעה פערשפּרייט זיך כמעט איבער דעם גאַנצען ערשטען אקט. דאָס האָט ער צוגעפּאסט וועלוועלע טשעסטאָפּאָלער׳ס „לך. השם, הגדולה“ צום ערשטען כאָר: „אָנגעלאָדען.“ די סאָלאָ וואָס שולמית זינגט, ווען זי פערבלאָנדזשעט: „לאָז זשע דיין נס“ איז גענומען פון דעם זעלביגען וועלוועל טשעסטאָפּאָ־

לער׳ס „ד׳ זכרני“ (הלל), און אזוי כמעט דורך דעם גאנצען ערש־טען אקט. נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז מאָגולעסקא ארויסגע־טראָטען פון זיין קאָמפּאַניע איידער גאָלדפאדען איז פארטיג גע־וואָרען מיט דער מוזיק פון דעם ערשטען אקט, און דאָס האָט איהם אבגעהאלטען פון ענדיגען די אָפּערעטע די ערשטע עטליכע יאָהר.

דערמיט דארף אויך ערקלערט ווערען, ווי אזוי לאטיינער איז געקומען צו דעם זעלביגען סיוזשעט אין זיין „ליעבע צו ציון“. פון גאָלדפאדענ׳ס טרופּע איז מאָגולעסקא אוועק קיין יאסי און דאָר־טען איז לאטיינער געוואָרען זיין סופלער און פערפאסער. און עס איז מעהר ווי וואהרשיינליך אז מאגולעסקא האט איהם אויפמערק־זאם געמאכט אויף „בור וחולדה“ און ער אליין האָט שוין צוגעג־בען דערצו דעם „אהבת ציון.“

עס איז אויך נויטיג צו בעמערקען, אז גאָלדפאדען האָט אליין אויך געשאפען נגונים פאר שולמית. אין צווייטען אקט איז גאָלד־פאדענ׳ס „קום צו מיר, דו שעהנער בחור“, ווי אויך דער געזאנג פון חתן און כאָר, און דאָס גלייכען: די מוזיק פון דעם „פאסטו־בעל“ האָט געגעבען מינדעל צוקערמאַן פון א טערקישען ליעד. און דערפאר איז גרינג צו זעהען, אז ביים שאפען די מוזיק פאר שולמית האָט גאָלדפאדען געהאט שטארק אין זינען צוצופאסען זיך צום אמת׳ען אידישען גוסט.

דער ערפאָלג האָט אריינגעגעבען גאָלדפאדענ׳ען פרישען מוטה און ער איז באלד אוועקגעפאָהרען צוזאמען מיט פינקעל קיין וואר־שא, מיט דער האָפענונג צו קריגען דאָרטען א „ראזרעשעניע“ (ער־לויבנים) צו עפענען א אידישען טהעאטער. נאָר זיין מיה איז גע־ווען אומזיסט.

און גאָלדפאדען האָט געמוזט נעהמען דעם וואנדער־שטעקען און געהן פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. פון ניקאָלאיעוו איז ער אוועק קיין יעליסאוועטגראד, קיין קרעמענטשוג, קיין כאר־קאוו. דאָ האָט ער אוועקגעשיקט צוקערמאנען קיין פּאָלטאווע, וואו עס האָט געשפּיעלט טוביה׳ס קאָמפּאניע און אין פּאָלטאווע האָט ער זיך בעגעגענט מיט טאָבאטשניקאוו, וועלכער האָט געזונ־גען ביי א חזן און אין אן איטאליענישער אָפּערע. אין דער אָפּערע

איז ער געווען א כאריסט און מען האט איהם אויך אנפערטרויט קליי־נע ראָלען. צוקערמאן האט איהם אוועקגעפיהרט קיין כארקאוו, וואו ער איז אריין אין גאָלדפאדען'ס טרופע. אין כארקאוו איז די טרופע געשטאנען זעקס וואכען, און דאָ האט שוין „שולמית" ניט אזוי שטארק נושא חן געווען. נאָר דערפאר האט מען דאָ געלעקט די פינגער פון „שמענדריק" און „קוני לעמעל."

טאבאטשניקאוו איז גלייך אריין אויף ליעבהאבער ראָלען, וועלכע ביז א צט האט געשפיעלט זילבערמאן. דער לעצטער איז דערפאר ארויס פון דער קאמפאניע און איז אוועק פון כארקאוו.

נאך די זעקס וואכען איז גאָלדפאדען מיט זיין טרופע אוועק־געפאהרען קיין מאסקווע, וואו ער איז געשטאנען דריי חדשים. דאָ איז די גאנגבארסטע סחורה געווארען „שמענדריק" און דאס פוב־ליקום איז געווען א געמישטע. מען רעכענט, אז א העלפט בעזו־כער זיינען געווען קריסטען און אזוי גיך ווי די ערשטע פארשטע־לונגען זיינען געגעבען געווארען, האט מען אנגעהו בען צו בעגריסען אידען אין די מאסקווער גאסען מיט'ן נאמען „שמענדריק". וואו נאָר א קריסט האט בעגעגענט א אידען האט ער איהם גערופען שמענד־ריק.

דאס איז זעהר ניט געפעלען געווארען די מאסקווער אידען און זיי האבען אנגעהויבען צו מורמלען געגען גאָלדפאדען. די אי־דישע אינטעליגענץ האט איהם אויפגעווארפען, אז מיט זיינע שטי־קער ברענגט ער א חרפה אויפ'ן אידישען נאמען און מ'איז איהם אזוי דערגאנגען די יאהרען, אז נאכדעם ווי זיין טרופע האט דאר־טען געשפיעלט דריי חדשים, האט ער ערקלערט צוקערמאנ'ען, אז ער איז שוואך און אויסגעמאטערט און ער וויל אברוהען, און דער־ביי האט ער איהם געמאכט א פארשלאג, אז ער זאָל נעהמען די טרופע און אוועקלאזען זיך אין דער ליטע. און אליין איז גאָלד־פאדען אוועקגעפאהרען נאך קיעוו.

פינקעל האט זיך געפונען בעליידיגט, וואס די ממשלה איבער דער טרופע איז איבערגעגעבען געווארען צו צוקערמאן. ער האט גענומען אנעטע שווארץ, מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט און איז מיט איהר אוועקגעפאהרען קיין אדעס.

צוקערמאן האט איבערגענומען די ממשלה איבער דער טרופע, נאר קיין געלד מיט וואס צו פאהרען איז ניט געווען. ער האט דאריבער איבערגעלאזט די קאמפאניע אין מאסקווע און איז אליין אוועקגעפאהרען קיין מינסק. דא האט ער ניט נאר געדארפט בעזארגען א טהעאטער, נאר אויך שאפען געלד אויף אריבערצוברענגען די קאמפאניע. אין שטאדט האט מען איהם אנגעוויזען אויף א מלוה און ווען ער האט זיך צו איהם געווענדעט נאך דער הלואה האט יענער געפרעגט:

— און וואס איז דער משכון?

— די גארדעראב פון שולמית.

נאר אזוי ווי די סומע וואס צוקערמאן האט געבעטען איז געווען טויזענד רובעל, האט ער זיך געקווינקעלט און נאך א לענגערען ישוב הדעת האט ער געפרעגט:

— און וואס איז מכח די פערד?

צוקערמאן האט גלייך פערשטאנען, אז דער מלוה מיינט, אז ער האט דא צו טהאן מיט א צירק און ער האט איהם געענטפערט:

— אה, מיר האבען פערד און שקאפעס!

און די הלואה איז געשאפען געווארען.

די טרופע איז געשטאנען אין מינסק זעקס וואכען און האט געמאכט גלענצענדע געשעפטען. די גאנצע אינטעליגענץ פון שטאדט איז געקומען זעהען די אידישע פארשטעלונגען און האט אנגעקוואלען פון „שמענדריק" און „קוני לעמיל" און די „כשוף־מאכערין." דאס זעלביגע איז געווען אין קאוונע — פון וואנען די טרופע איז אוועקגעפאהרען קיין דינאבורג. דא איז צו דער טרופע צוגעקומען י. אדלער און זיין ווייב.

אונטער דער קורצער צייט איז שוין אדלער געווארען אן אמת'ער אקטיאר און האט חתונה געהאט מיט סאפיא אברעלענדער. אזוי ווי ער האט קיין גוטע שטימע ניט געהאט, האט ער געזוכט אויסצוצייכנען זיך מיט עפעס אנדערש. און ער איז געווען דער ערשטער אקטיאר צו ווייזען, אז א חוץ זינגען דארף מען אויך שפיעלען אויף דער ביהנע. זייער ערשטער אויפטריט אין דינאבורג איז געווען אין דער דראמאטישער ראל פון יאזעף אין דער „אינטריגע"

(„דוואסיע די פליאטקע מאכערין“) און ער האט געמאכט א גרוי־סען פוראָר.

אזוי ווייט איז „שולמית“ געווען די איינציגע נייע פיעסע וואס איז געשאפען געוואָרען צווישען ויסעו און ויחנו אויפ׳ן וועג. ווען מען האט געהאלטען אין איין ארומפאהרען פון איין שטאדט אין דער צווייטער, איז ניט געווען קיין שום נויטיגקייט צו שאפען נייע פיעסען. די אלטע שטיקער זיינען געווען ניי אין יעדער פראָ־ווינציעלער שטאדט, וואוהין א נע ונד קאמפאניע איז אנגעקומען. און די קאמפאניעס האבען געקענט ארומפאהרען יאהרענלאנג און די ביהנע זאל גאר ניט געווינען.

אבער אנדערש איז די זאך געווען אין אדעס. דארטען איז דאס פובליקום שטענדיג געווען כמעט דאס זעלביגע און די אלטע פיעסען האבען דארטען ניט געקענט געהן. מען האט געדארפט האָ־בען עפעטער און עפעטער נייע שטיקער און דער טהעאטער האט שוין מעהר ניט געקענט זיין דער רשות היחיד פון איין פערפאסער.

אונטער דער צייט האט דער בעל הבית פון מארינסקי טהעאַ־טער אמער געהאט אויף זיך עפעס א פראצעס און ער איז געווען גע־צוואונגען צו פערלאזען אדעס. דעם טהעאטער האט איבערגענו־מען לערנער.

לערנער איז ניט אראבגעפאלען פון הימעל, ווען ער האט אי־בערגענומען דעם מארינסקי טהעאטער. ער איז בעקאנט געווען מיט׳ן אידישען טהעאטער פון דער ערשטער שעה, וואס ער האט זיך נעגרינדעט אין בוקארעסט.

ווי עס זעהט אוים פ.ן דעם אנהויב פון זיין קאריער איז ער געווען אן אתרוהיגע נאטור און האט זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען. געענדיגט די גימנאזיע אין זשיטאמיר, האט ער א יאהר שטו־דירט אין אדעסער יורידישען פאקולטעט, נאר ער איז ווייטער ניט געגאנגען און גענומען זיך צום זשורנאליזם. ער איז באלד אריין אין „אדעסקי וויעסטניק“ און איז דארטען געוואָרען א שטענדיגער מיטארבייטער, נאר ווען דער רוסיש־טערקישער קריעג האט אויסגע־בראכען, טרעפען מיר איהם שוין אין בוקארעסט אלס ארויסגעבער און רעדאקטאר פון א טעגליכער רוסישער צייטונג „זאפיסקי

גראזשדאנינא." אזא בעשעפטיגונג האט נאר געקענט זיין א צייט־ווייליגע, ווייל לאנג האט די מלחמה ניט געקענט אנהאלטען, און בוקארעסט איז ניט געוועו דער פלאץ פאר א רוסישער צייטונג.

דערווייל האט ער געהאט די מעגליכקייט צו זיין ביים ברית פון אידישען טהעאטער און שליסען מיט איהם א נאהענטע בע־קאנטשאפט.

אליין וואלט לערנער'ן קיינמאל ניט איינגעפאלען, אז די צייט א'ז געקומען פאר א אידישען טהעאטער. ער איז געווען ווייט פון יענעם אידען, וועלכער האט זיך געגויטיגט אין אזא אונטערהאל־טונג, וואס א אידישער טהעאטער האט געקענט געבען. נאר ווען דער טהעאטער איז שוין געווען א טהאטזאך, איז איהם אריין א גערדאנק, אז דאס איז א פרוכטבארע פעלד, ווען מען זאל עס בע־ארבייטען ווי געהעריג איז.

לערנער האט בעלאנגט צו אן אנדער פליגעל פון דער אידי־שער אינטעליגענץ. ער האט זיך ניט געשטעלט צופריעדען מיט גאלדפאדען'ס ארבבלאזען זיך צום פאלק. ער האט גערעכענט, אז די אויפגאבען פון א אידישען טהעאטער איז אויפצוהויבען דאס פאלק צו זיך. און אזוי ווי איהם איז אויסגעקומען צו זעהען אין בוקארעסט די ערגסטע בורלעסקעס אין אידישען טהעאטער, האט ז ך אין איהם גענומען ענטוויקלען א פערלאנג צו ווייזען וואס מען קען אויפטהאן מיט א אידישען טהעאטער און ער האט געווארט אויף אזא געלעגענהייט.

די דאזיגע געלעגענהייט האט זיך געמאכט אין אדעס. נאר צו געבען די בעסערע פיעסען פון וועלכע ער האט געטרוימט האבען זיך געפאדערט שרייבער, וועלכע זאלען זיי קענען שאפען. מיר האבען שוין דערמאלט געהאט גוטע טאלאנטפולע אידישע שרייבער, נאר זיי האבען ניט געהאט קיין בעקאנטשאפט מיט דער ביהנע. לערנער האט די דאזיגע שווערע פראגע פערענטפערט דערמיט, וואס ער האט ז ך געווענדט צו די שרייבער פון די אומות העולם. ער האט בעגריפען, אז דער גאנצער אויפטהו וועט ניט ווערטה זיין קיין שאס פולווער, אויב די בעסערע שטיקער וועלען ניט האבען אידישעס אין זיך. ער האט בעגריפען, אז עס וועט זיין גאר א קנאפער קונץ

צו נעהמען א גוטע דראמע פון די גוים און דערלאנגען איהר די בע־זוכער פון א דישען טהעאטער. דער פראסטער טהאטער בעזוכער וועט אויף אזא דראמא קוקען ווי א האהן אויפ'ן בני אדם, און די אידישע אינטעליגענץ וועט אויס'בטל'ען אלע בייזע חלומות צום דירעקטאר פון טהעאטער. וואס פאר א פנים האבען געקענט האבען די פארשטעלונגען פון גוטע אייראפעאישע פיעסען אויף דער אי־דישער ביהנע, ווען די נייע־געבאקענע אידישע אקטיארען האבען אפילו ניט געוואוסט דעם אלף־בית פון שפיעלען?

לערנער האט דעריבער געמאכט א קאמפראמיס. ער האט אויס־געקליבען ביי די אומות העולם אזעלכע פיעסען אין וועלכע די האנדלונג און די פערזאנען זיינען געווען אידישע. פון דעם דייטשען רעפערטואר האט ער אויסגעקליבען גוצקאוו'ס „אוריאל אקאסטא", פון דעם פראנצויזישען האט ער גענומען סקריב'ס „די יודין" און האט זיי איבערגעזעצט אין א ריינעם אידיש. די דערמאנטע פיע־סען האבען ניט נאר געהאט די מעלה, וואס זייער אינהאלט איז געווען א אידישער און פערשטענדליך פאר דעם דורכשניטליכען אידישען טהעאטער געהער, נאר זיי זיינען געווען אין דעם רעפער־טואר פון יעדער אייראפעאישער מדינה און די אידישע אקטארען האבען געקענט געהן זעהן בעריהמטע רוסישע אדער דייטשע אק־טיארען שפיעלען אין די דאזיגע פיעסען, און אויב זיי האבען נאך אליין דעמאלט ניט געקענט אויפפאסען אזעלכע ראלען האבען זיי עס געקענט אבלערנען פון בעריהמטע אקטיארען.

די הויפט־ראלען אין די דאזיגע צוויי פיעסען האבען גע־שפיעלט אבא שעהנגאלד און סאפיע גאלדשטיין (קארפ) און הא־בען זיך אויסגעצייכענט אין זיי. און יאהרען־לאנג איז געווען די שטרעבונג פון יעדען אמביציעזען אקטיאר און אקטריסע, וואס הא־בען געשפיעלט די ראלען פון ליעבהאבער און ליעבהאבערין צו ער־שיינען אין „אוריאל אקאסטא," וואס איז ביז היינטיגען טאג גע־בליבען א רעפערטואר שטיק. און אויב „זשידאווקא" (די יודין) האט ניט אזוי מאריך ימים געווען, איז דאס געווען דערפאר, וואס זי איז ניט נאר א דראמא, נאר אויך אן אפערא (די מוזיק האט גע־

שריעבען האלעווי) און שוין א לאנגע צייט ווי אפעראס זיינען פערשוואונדען פון דער אידישער ביהנע.

עס וואלט אבער געווען א גרויסער טעות צו דענקען, אז לער־נער איז געווען דער איינציגער, וועמען עס איז איינגעפאלען צו געבען דער אידישער ביהנע א ליטעראַרישען פנים.

אין אן אנדער פלאץ איז געווען בעמערקט, אז אין דער זעל־ביגער צייט האט גאלדפאדען פערענדיגט די ערשטע פיעסע, וואס האט דעם אידישען טהעאטער געגעבען א רעכט צו טראגען אזא נאמען. און דארטען איז אויך געווען בעמערקט, אז גאלדפאדען האט די דאזיגע פיעסע „שולמית" אנגעהויבען צו שרייבען נאך אין בוקארעסט.

אונטער די בעסטע אומשטענדען האט דער אידישער טהעא־טער אין בוקארעסט געהאט ניט מעהר ווי א לאקאלען כאראקטער, און א נאציאנאלע בעדייטונג האט ער ערשט געקראגען ווען זיין השפעה האט זיך גענומען פערשפרייטען איבער א גרויסען טהייל פון פאלק. און דאס איז געשעהן, ווען דער טהעאטער איז ארי־בערגעטראגען געווארען פון רומעניען נאך רוסלאנד, וואו עס איז געווען דער ראשו ורבו פון דעם אידישען פאלק. און עס איז געווען דא מעהר ווי צו ערווארטען אז די אנשטרענגונגען זאלען זיין גרע־סער פאר א נאציאנאלער ביהנע, ווי פאר א לאקאלען טהעאטער. אין בוקארעסט האט דער שרייבער ניט געפיהלט קיין גרויסע פער־אנטווארטליכקייט און זיין גאנצע שטרעבונג איז געווען צו שטע־לען צופריעדען דעם ארטיגען בעזוכער, ווער ער איז ניט געווען. נאר אפילו דארטען זעהען מיר, ווי גאלדפאדען האט שוין דעמאלט גע־טראכט וועגען עפעס אזוינס, וואס זאל האבען א גרעסערען און שטארקערען קיום. אין אדעס האט דער דראמענשרייבער אויף זיך דערפיהלט א נאציאנאלע פעראנטווארטליכקייט און גאלדפא־דען האט איצט מיט מעהר התמדה גענומען זיך צו „שולמית". לערנער האט זיך גענומען צו בעקאנטע דראמען פון די אומות העולם מיט א אידישען אינהאלט און איבערזעצט זיי. די בעוואוס־טע אידישע שרייבער, וואס האבען אין יענער צייט געוואוינט אין אדעס האבען זיך ערנסט פעראינטערעסירט מיט'ן טהעאטער. מענ־

דעלע מוכר ספרים איז געווען אן אפטער בעזוכער און האט געהאט דעם חשק צו שאפען עפעס פאר דער ביהנע. אין א דראמאטישער פארם האט ער שוין מיט יאהרען פריהער געשאפען א ווערק און ער האט געוואלט שרייבען אזא פיעסע, וואס מען זאל אויך קענען שפיעלען. די שטיקער וואס ער האט געזעהן האבען צו זיין הארצען ניט גערעדט און זיין ווּאונש איז געווען צו געבען א ווערק, וואס זאל האבען א העכערען פאעטישען און ליטעראַרישען ווערטה, א חוץ דעם דראמאטישען. אין טהעאטער איז אויך געקומען משה ליב ליליענבלום און האט געזוכט נעהענטער צו בעקאנען זיך מיט די ספעציעלע פאדערונגען פון דער אידישער ביהנע. אן אפטער בעזוכער איז אויך געווען יצחק יואל לינעצקי, וועלכער האט מיט עטליכע יאהר פריהער ארויסגעגעבען צוזאמען מיט גאלדפאדען א צייטונג. זיי זיינען געקומען ניט נאר זעהן ווי מען שפיעלט אידיש טהעאטער, נאר טאקע מיט א הייסען בעגעהר צו העלפען פארמירען די אידישע ביהנע און מאכען פון דעם אידישען טהעאטער א נאציאנאלע אינסטיטוציאן.

ארום דער צייט אדער אביסעל שפעטער האט לערנער אנגעשריעבען „מנחם בן ישראל", קאצענעלענבויגען איז ארויסגעקומען מיט א דראמא „רשי'", ליליענבלום האט צוגעגרייט א שטיק, וואס האט געהייסען „דוואַיעזשאַנעץ". פון דעם רוסישען נאמען האט מען געדארפט שליסען, אז דאס איז געווען אן איבערזעצונג, נאר די אקטיארען וואס געדענקען נאך די צייט ווען מען האט די דאזיגע שטיק אויפגעפיהרט זיינען אונטער דעם איינדרוק, אז עס איז געווען אן אריגינעלע פיעסע, און עס איז אונפערשטענדליך, פאר וואס ליליענבלום האט געמוזט אנקומען צו אזא רוסישעןווארט, וואס איז ניט אין געברויך ביי די אידען אין רוסלאנד.

ביי דער ערשטער אויפפיהרונג פון דער דערמאנטער פיעסע איז ליליענבלום געווען הינטער די קוליסען אין טהעאטער. ער האט זיך צוגעקוקט צו דער פארשטעלונג פון הינטער א קוליסע מיט אַ גרויסער געשפאנטקייט. עס האבען זיך געקייקעלט טרערען פון זיינע אויגען ווען עס איז צוגעקומען נעהנטער צום קלימאקס אין דריטען אקט. נאר דא האט ער פלוצים דערזעהן עפעס אזוינס, וואס

האט איהם בשעת מעשה אביסעל צומישט. פאר׳ן שלום אקט האט זיך אבגעשפיעלט א סצענקע, וואס איז איהם געווען אין גאנצען פרעמד. ער האט אויף דער ערשטער מינוט ניט פערשטאנען, וואס דאס איז אזוינס און פון וואנען דאס האט זיך גענומען. נאר באלד האט ער זיך אנגעשטויסען, וואס דאס איז. די צוויי קאמיקער, וועס האבען געשפיעלט אין דעם שטיק, מאגולעסקא און ווייגבלאט, האבען ניט אנפרעגענדיג זיך ביים פערפאסער, אליין אריינגעשטוקעוועט א קאמישע סצענע, וואס האט זיך לחלוטין צו דער פיעסע ניט געפאסט. ליליענבלום האט זיך דערפיהלט דערפון אזוי ניט גוט, אז ער האט אוועקגע׳חלש׳ט אויפ׳ן ארט.

דער אידישער טהעאטער אין אדעס האט אויך ביי לינעצקי׳ן ארויסגערופען א חשק צו נעהמען זיך צו דער דראמא. אזוי ווי ער האט געהאט א גוטען חוש פאר הומאר, האט מען פון איהם ערווארט א צאפעלדיגע קאמעדיע. דער פאקט, אז אין רומעניען האט הורוויטש דראמאטיזירט זיין „פוילישען אינגעל״, האט איהם געוויזען, אז ער קען שאפען אריגינעלעם פאר דער ביהנע. און ער האט זיך טאקע גענומען צו א פיעסע, וועלכע איז פארטיג געווארען, ווען גאלדפאדען האט זיך צוריקגעקעהרט קיין אדעס.

גאלדפאדען און די גאנצע קאמפאניע איז געקומען הערען לינעצקי׳ס נייעסטע שאפונג. לינעצקי האט געלייענט און גאלדפאדען און די אקטיארען האבען זיך געהאלטען אין די זייטען פון לאכען. פלוצים האט זיך לינעצקי איבערגעהאקט אין מיטען. ער איז געקומען צו א שטעלע, וואס הייסט אויף דעם לשון פון דער ביהנע „אפארט״ אדער „ביי זייט״. דאס רעדט איינער ארויס אויף דער ביהנע וואס ער טראכט אין הארצען און די צושויער דארפען פערשטעהן, אז ווען ער רעדט אזוי, **הערען ניט די אנדערע** וואס שטעהען לעבען איהם אויף דער ביהנע וואס ער זאגט.

עס איז גראד אויסגעקומען, אז די רייד, וואס זיינען געווען בעצייכענט אפארט האבען אויסגעזאגט א סוד, וואס די אנדערע פערזאנען אויף דער ביהנע האבען בשום אופן ניט געטארט וויסען, און ווען זיי ווערען דערפון געוואר האט די גאנצע ווייטערע

האנדלונג קיין שום ממשות ניט און קריגט א פנים פון חוזק. דער אבסורד דערפון האָט אזוי א קיצעל געטהאָן דעם הומאָריסט, אז לינעצקי האָט אויסגעשאָסען אין א געלעכטער און אויסגערופען:

— צו אלדי רוחות! דאָס איז דאָך נארעש. אין אלע ווינקעלאך פון טהעאטער וועט מען הערען, וואָס ער זאָגט, נאָר די וואָס שטעהען לעבען איהם דארפען אויף דער מינוט טויב און בלינד ווערען און קיין זאך ניט הערען און קיין זאך ניט זעהן. פוי!

ער האָט ענטשלאָסען פערמאכט די העפט און ניט געוואָלט לייענען ווייטער. און פיעל גאָלדפאדען איז צו איהם ניט צוגעשטאַנען און ערקלערט איהם, אז דאָס איז גוט אזוי, אז דאָס איז די ליסענץ פון דעם דראמאטורג און אז אנדערש קען גאָר ניט זיין, האָט ניט געהאָלפען. וואָס איז געוואָרען פון יענע שטיק, איז ניט בעוואוסט. זי איז קיין מאָל ניט געדרוקט געוואָרען. און שפעטער האָט ער זיין חשק צו דראמא געשטילט דערמיט, וואָס ער האָט איבערזעצט לעסינגס „נאַטהאַן דער ווייזע.“

עס איז א פערדרוס, וואָס א שרייבער מיט אזא געפיהל פאר װארהייטליכקייט אויף דער ביהנע און מיט אזא טאלאנט האָט ניט געהאט די געלעגענהייט צו בעקאַנען זיך מיט דער נייערער ביהנעטעכניק, וואָס האָט אבגעשאפט די „אפארטס“ און „ביי זייט“ און וואָס וואָלט איהם געוויזען א וועג, ווי אויסצוקומען אָהן זיי.

דערווייטערט פון דעם טומעל פון טהעאטער האָט זיך גאָלדפאדען גענומען פאר א נייער פיעסע, וואָס זאָל מעהר ענטפערען די שטרענגערע פאָדערונגען, וואָס זיינען געשאפען געוואָרען ארום דער ביהנע אין אדעס. אזעלכע דראמען ווי „אוריאל אקאָסטא“ האָבען צו איהם ניט אפעלירט און ער איז געבליבען טריי זיין טאקטיק צו געבען דעם פאָלק אפערעטענמעסיגע שטיקער. און די ווארימע אויפנאהמע פון „שולמית“ האָט איהם געוויזען דעם אויסוועג. ער האָט זיך ווידער גענומען צו א היסטאָרישען שטיק און דאָס איז געוועזן „בר כוכבא“. נאָר מיט דער מוזיק איז ער ניט פארטיג געוואָרען, ביז ער האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין אדעס, וואו מאגולעסקא איז איהם געקומען צו הילף.

נאָר סיי פיעסען אין דעם גוסט פון לערנער און סיי אזעלכע

ווי „שולמית" און „בר כוכבא" זיינען געשאפען געווארען ניט אזוי גרינג. און אין דעם איינאפעאישען רעפערטואר זיינען זיי געווען זעהר ווענינ. און דער אידישער טהעאטער אין אדעס האט געפאדערט נייע שטיקער. לערנער האט זיך געווענדט צו מאיר שייקעוויטש (שמ"ר), וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין אדעס און דער לעצטער האט זיך גענומען צו דראמאטיזירען זיינע אייגענע ראמאנען. ער האט דראמאטיזירט דעם „אידישען פריץ", דעם „קאטארזשניק", דעם „פראצענטניק" און זיי האבען אויסגענומען ביים עולם.

דאס האט אריינגעגעבען שייקעוויטש'ען א געדאנק, אז ער זאל אליין ווערען אן אנטרעפעניאר. פון קיין אקטיארען איז שוין דעמאלט קיין מניעה ניט געווען און א פלאץ צום שפיעלען האט מען געקענט געפינען אין יעדער שטאדט. דער עיקר איז געווען פיעסען, און א פערפאסער וואס האט געקענט צוזאמענשטעלען א קליינעם רעפערטואר האט גרינג געקענט ווערען א דירעקטאר. שמ"ר האט צוזאמענגעשטעלט א קאמפאניע, וואס איז בעשטאנען פון גראדנער און פרוי גראדנער. מאירסאן, היינע (חיימאוויטש), קנעלער, קויפמאן, פריילין זאקס, געלים און פרוי געלים, קאצמאן, וואכטעל, פרידזעל, וועלכער איז געווען א כאהר דיריגענט און אקטיאר און נאך אנדערע.

אבער שייקעוויטש איז געווען א צו רוהיגער און שטילער מענש, אז ער זאל קענען אויסהאלטען פון די אקטיארען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אייניגע, וואס האבען זיך ספעציאליזירט אין אינטריגעס און מחלוקות און ער האט זיך באלד אבגעטרייסעלט פון זיי. די קאמפאניע איז געבליבען אליין און די דירעקציאן האט איבערגענומען היינע. ער האט זיך בעזארגט מיט שייקעוויטש'עס פיעסען און אוועקגעלאזט זיך איבער דער פראווינץ. די דאזיגע קאמפאניע האט צו זיך צוגעצויגען א נייע קראפט, א יונגע אדעסער מיידעל. דאס איז געווען שרה לעוויצקי, די איצטיגע מרס. אדלער. זי האט געהאט א גוטע שטים און איהר ערשטער אויפטריט איז געווען אין כערסאן אין א ראל אין „פראצענטניק" און זי האט שטארק אויסגענומען.

ווען לערנער האט זיך דערפיהלט זעהר ענג אין פיעסען, האט ער זיך געווענדעט צו גאלדפאדען און אויסגעווירקט ביי איהם, אז ער זאל איהם ערלויבען צו שטעלען זיינע שטיקער.

עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז ווי חריף פיעסען זיינען דעמאלט ניט געווען, האבען די צוויי אויטארען וועלכע האבען מיט עטליכע יאהר שפעטער געהאלטען די גאנצע ביהנע אין אמעריקא אין זייערע הענד, גאר ניט געשאפען אין רוסלאנד. אין אן אנדער ארט איז שוין געוועזן בעמערקט, אז יאזעף לאטיינער איז געקומען צו אמער אלס אויטאר און די ערשטע צייט האט מען געשפיעלט זיינע שטיקער, וואס ער האט מיטגעבראכט פון רומעניען און צווישען וועלכע איז אויך געווען די „ליעבע פון ציון“. אויך משה הורוויטש איז אנגעקומען אין אדעס, ווען שייקעוויטש האט פארטיג געמאכט זיין „פראצענטניק“ און ער איז אנגאזשירט געווארען אלס אקטיאר צו שפיעלען א ראל אין דעם דאזיגען שטיק. נאר אלס אויטאר האט ער קיין פלאץ ניט געפונען.

ארום דער צייט האט שלום יעקב אבראמאוויטש גענומען שרייבען דעם „פריזיוו“ פאר דער אידישער ביהנע. זיינע אפטע בעזוכען אין אידישען טהעאטער האבען איהם געוויזען, וואס א נייע ביהנע פאדערט און ער האט געזוכט צו שאפען א שטיק לויט דעם מוסטער וואס ער האט דארטען געזעהן.

ער האט דעם שניט געכאפט און טאקע דערפאר איז דער „פריזיוו“ ארויסגעקומען אהן א פנים. ער האט זיך געקליגט אריינצוברענגען דעם קאמישען עלעמענט און האט אפילו ניט פערגעסען קיין פזמונים און טענצלאך, נאר אנשטאט צו קאנצענטרירען זיך אויף דער דראמע איז ער פערקראכען אין זייטיגע דרכים. אויב אבראמאוויטשעס ווערק געווינען פיעל חן פון זיין „ניט דאס בין איך או כען“ איז דאס געגוג צו הרג'ענען א דראמע. אין „פריזיוו“ קומען אריין פיעל סצענעס, וואס האבען מיט דער דראמע ניט צו טהאן, די סצענקעס גופא זיינען מייסטערהאפט געשילדערט, נאר זיי געהערען זיך ניט אן מיט דער דראמע, און דער פועל יוצא דערפון איז, אז די ענטוויקלונג פון דער דראמע בלייבט אפט שטעהן און נאכדעם גיט זי מיט אמאל א שפרונג.

עס איז גויטיג צו בעמערקען, אז אין „פריזיוו" האט אבראמאוויטש אנגעוויזען אויף א רייכען קוואל פאר ליעדלאך. אין גאלדפאדענס שטיקער האבען די ליעדלאך פערנומען א בכבוד'יגען פלאץ און די ערנסטע זיינען דורכגעדרונגען מיט א פאעטישען געפיהל. ער האט די ליעדער אליין געשאפען און אפט זיינען זיי געווען דער בעסטער טהייל פון זיינע שטיקער. די אנדערע דראמענשרייבער זיינען נ'ט געווען געבענשט מיט אזא מתנה צו שאפען ליעדער מיט א פאעטישען פונק און זיי האבען ענטוועדער געהאלפען זיך מיט פרעמדע אדער אליין געמאכט גראמען, וואס האבען קיין שום טעם ניט געהאט. אבראמאוויטש איז געווען דער ערשטער וואס האט זיך בענוצט מיט פאלקס ליעדער און אין „פריזיוו" זינגט די דיענסטמיידעל דוואסיע אזעלכע ליעדלאך ווי „אויפ'ן פריפעטשאק", „צו מיר, צו מיר, דו נשמה מיינע," „אבינו מלך", און אין דער הינזיכט פון ליעדלאך וואלט די אידישע ביהנע א סך געוואונען, ווען די דראמענשרייבער וואלטען זיך דערמיט בענוצט.

ווי עס ווייזט אוס, האט אבראמאוויטש שפעטער איינגעזעהן, אז ער איז צו דער ביהנע צוגעטראטען מיט א פאלשען דרך, ווייל אין א פאר צעהנדליג יאהר ארום אין א געשפרעך מיט א ניו יארקער דירעקטאר האט ער זיך אויסגעדריקט, אז זיין וואונש איז צו שאפען א פאעטישע דראמע אין דעם גייסט פון לוצאטא.

אבראמאוויטש איז פארטיג געווארען מיט זיין פיעסע, ווען דער אידישער טהעאטער אין רוסלאנד האט שוין געצעהלט זיינע לעצטע טעג.

עס האט לאנג ניט גענומען און גאלדפאדען איז ווידער געווארען דירעקטאר אין דעם טהעאטער אין אדעס, נאר יעצט איז די מלוכה געווען צוטהיילט צווישען איהם, לערנער און שייקעוויטש. אבער באלד האט זיך אנגעהויבען א רייסעריי צווישען זיי און גאלדפאדענען איז געלונגען ארויצושטופען לערנער'ן פון טהעאטער.

גאלדפאדען האט ביים צוריקקעהרען זיך קיין אדעס מיטגעבראכט זיין צווייטע היסטארישע פיעסע „בר כבבא" און מיט מאגולעסקא ביי דער זייט איז ער גיך פארטיג געווארען מיט דער מוזיק. „בר כבבא" האט שטארק אויסגענומען. נאר איידער גאלר־

פארען האט נאך צייט געהאט אנצופרעהען זיך מיט דעם ערפאלג, איז ארויסגעגעבען געווארען די ביטערע גזרה, וואס האט פערבאָטען אידישען טהעאטער אין גאנץ רוסלאנד.

דאס איז געווען אין סעפטעמבער 1883.

מען זאגט, אז די גזרה האט זיך גענומען פון א מסירה. עמיצער האט גע'מסר'ט, אז „בר כבבא" איז ניט קיין כשר'ע שטיק און אז דער פראלאג איז געציעלט געווארען געגען דער רעגיערונג. מען זאגט אויך, אז די מסירה איז געקומען פון א פערפאסער, וועלכער האט ניט אזוי שלעכט געמיינט, ווי עס האט זיך אויסגעלאזט. ער האט געהאפט צו ווערען צענזאר און דאס וואלט איהם געגעבען די אויבערהאנד אין טהעאטער.

נאר ווי אזוי דאס איז ניט געשעהן, האט דער אידישער טהעאטער אין רוסלאנד געקריגען א טוידט קלאפ און זיינע טהויערען זיינען אין אלע שטעדט פערשלאסען געווארען.

די וואנדערענדע טרופען האבען זייערע אויגען ניט געוואלט גלויבען און דער גרעסטער טהייל פון זיי האבען זיך געאיילט צו קומען קיין אדעס. זיי האבען געהאפט, אז אלע צוזאמען וועלען אפשר געפינען א מיטעל געגען דער גזרה. אלענפאלס וועט מען זיך קענען קלאר מאכען, וואס מען האט צו ערווארטען. נאר אין אדעס איז צווישען די אקטיארען די פערצווייפלונג געווען נאך גרעסער, און אלע האבען זיך גענומען צום וואנדער־שטעקען.

מאגולעסקא, די פינקעלס, וויינבלאט, קעסלער, פיינמאן, מארגארעטא שווארץ, אסתר פינקעלשטיין און פאלינע עדעלשטיין זיינען אריבער דעם רומענישען גרעניץ און געלאזט זיך וואנדערען איבער רומענישע שטעדט, וואו די מייסטע פון זיי האבען זייער קאריער אנגעהויבען. די קאמפאניע איז געווען אויף גרויסע צרות און נאכדעם ווי זיי האבען זיך א פאר יאהר אבגעמאטערט, האבען זיי אוועקגעשיקט פינקלען קיין גאליציע, אז ער זאל דארטען אויסבלאפאטשען א קאנצעסיע, אהן וועלכער מען טאר דארטען ניט שפיעלען. דאס איז געווען אנהויב זומער אין 1886 און אין א וואך ארום איז פון איהם אנגעקומען א בריעף, אז מאגולעסקא זאל קור־

מען צו איהם אין לעמבערג. באלד איז פון מאגולעסקא אנגעקומען א ידיעה, אז ער און פינקעל זיינען אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא.

א צווייטע טרופע וואס איז בעשטאנען פון צוקערמאן, ספּיװאקאװסקי, שעהנגאלד, שרה גאלדשטיין, גאלדשמיט, וויינשטאק, וויינשטיין, קויפמאנס און נאך אנדערע האט אריבערגעוואנדערט קיין דייטשלאנד. דער פיהרער פון דער קאמפּאניע איז געװען דער סופלער בערגער, וועלכער איז אוועקגעפאהרען פריהער און גענומען אין קעניגסבערג מייערס לאקאל. בערגער האט שוין געהאט אביסעל ערפאהרונג אין דייטשלאנד, ווייל מיט א פּאר יאהר פריהער, ווי דער טהעאטער איז פערבאטען געווארען, איז אין אדעס געקומען ליבערעסקו נאך פּיעסען, און אין יענער צייט איז א חוץ דעם פערפאסער דער סופלער געווען די איינציגע פּערזאן ביי וועמען מען האט זיי געקענט קריגען. בערגער האט פערשטאנען זיין גרויסע וויכטיגקייט און האט געפאדערט א חלק אין געשעפט, און דער סוף איז געווען, אז ער איז אוועקגעפאהרען צוזאמען מיט ליברעסקו קיין גאליציען און דארטען האבען זיי צוזאמענגענומען מענשען פון גאס, צוזאמענגעשטעלט א קאמפּאניע און האבען אנגעשפּארט אין בערלין, וואו זיי האבען גענומען דעם אלעקסאנדער טהעאטער און מזכה געווען דאס בערלינער פּובליקום מיט אידישער קונסט. דאס ערשטע שטיק איז געווען „די רעקרוטען“ און געקומען זיינען ניט נאר אידען נאר אויך קריסטען. אין טהעאטער האט זיך באלד אנגעהויבען א פייפעריי און געשריי: „ניעדער מ־ט די יודען!“. די אידישע בעזוכער, אויב זיי האבען קיין נחת ניט געהאט פון דער קונסט וואס מען האט זיי געוויזען, האבען אין די געשרייען געזעהן אן אנטיסעמיטישע שטעלונג און האבען געענטפערט: „ניעדער מיט שטעקער!“ דאס איז געווען די צייט פון שטעקער׳ס גדולה אין דייטשלאנד. ביים דריטען אקט איז געווארען א גרויסער סקאנדאל אין טהעאטער, און דער דירעקטאר האט געמוזט ארויסטרעטען פאר׳ן עולם און בעטען, מען זאל זיך האלטען אנשטענדיג.

פון דעסטוועגען האט ליברעסקו אויסגעווירקט ביים דירעקטאר פון טהעאטער ער זאל געבען א צווייטע פארשטעלונג, נאר דא

האט זיך דער סקאנדאל אנגעהויבען גלייך ווי דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען און מען האט מעהר דעם אבענד ניט געקענט שפּיעלען און די אקטיארען האבען געמוזט אנטלויפען דורך א הינ־טער טהיר.

נאר ווי טרויריג דער רעזולטאט איז דעמאלט ניט געווען, האט שוין בערגער געוואוסט דעם ווען קיין דייטשלאנד און ווען אידישער טהעאטער איז פערבאטען געווארען אין רוסלאנד, האט ער זיך ארויסגערופען צו זיין דער וועג־ווייזער פאר דער דערמאנ־טער קאמפאניע אין דייטשלאנד און בזכות זה איז ער געווארען איהר דירעקטאר.

עס ווייזט אויס, אז אין קעניגסבערג האט מען ביז דעמאלט קיין אידישע שפּיעלער ניט געזעהן, און עס איז געווען גרינג פאר דער קאמפאניע צו קריגען א טהעאטער. דאס ערשטע שטיק איז געווען „שולמית" און האט שטארק אויסגענומען ביים קעניגסבער־גער פובליקום. נאך „שולמית" זיינען געקומען „קוני לעמילם", „שמענדריק" און די קאמפאניע איז דארטען געשטאנען צוויי חדשים. אן אגענט איז אין דער צייט געקומען נאך דער קאמפּא־ניע פון דאנציג, וואו זי האט געשפּיעלט צוויי וואכען און פון דארטען איז זי אוועקגעפאהרען קיין בערלין.

דא האט מען די אידישע שפּיעלער ניט בעגעגענט מיט קיין סבר פנים יפות. אזוי גיך ווי מען האט זיך דערוואוסט, אז זיי זיי־נען אידישע אקטארען, האט מען פאר זיי קיין אנדער נאמען ניט געהאט ווי „חיים שאיע". דאס איז דער נאמען פון דעם קאמיישען כאראקטער אין די „רעקרוטען", וואס די ליברעסקו־בערגער קאמ־פאניע האט דא געשפּיעלט מיט א יאהר צוריק און וואס האט זיך געענדיגט מיט אזא ביטערע ניעדערלאגע. קיין דירעקטאר האט איצט צו די אידישע אקטיארען קיין צוטרוי ניט געהאט און עס האט געדויערט א וואך צייט ביז מען האט קוים גע'פועלט צו גע־בען זיי א פּראבע און זיי זאלען ווייזען וואס זיי קענען. די פּראבע איז געווען פאר קריטיקער און קינסטלער, אויף וועלכע די נייע קאמפאניע האט געמאכט א גוטען איינדרוק. די פּראבע האט מען

געמאכט פון „שולמית" און נאך דער פארשטעלונג איז יאאכים ארויף אויף דער ביהנע, האט געבעטען ארויסרופען צוקערמאן און געפרעגט איהם, וועמעס איז די מוזיק פון צווייטען אקט? צוקער־מאן האט געענטפערט, אז די מוזיק איז גאלדפאדענס און יאאכים האט איהם געבעטען, ער זאל אין זיין נאמען שיקען גאלדפאדענען א דאנק.

די קאמפאניע האט איצט נעקריגען דעם טהעאטער, קווארקס פלאץ, אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. לויט דעם קאנטראקט האט די קאמפאניע בעקומען זעכציג פראצענט פון הכנסה. זעקס חדשים נאכאנאנד האט מען געשפיעלט „שולמית" און אויף דער פאדערונג פון דער דירעקציאן האט מען אויסגעשנ טען פון דער אפערעטע די ראל פון דעם בהן, וואס איז בעטראכט געווארען אלס בעליידיגונג פאר אידען. נאך „שולמית" האט מען אויפגעפיהרט די „בשוף־מא־כערין" און דא ווידער האט די דירעקציאן געפאדערט מען זאל אויסשניידען די סצענע מיט די נאדלען צוליעב דעם זעלביגען טעם. די קאמפאניע איז אין בערלין געשטאנען אכט חדשים און איז גע־ווען בעקאנט אונטער'ן נאמען „די אידישע אריענטאלישע טרופע."

דער טהעאטער האט געמאכט גוטע געשעפטען און די טרופע האט אבגעכאפט דעם אטהעם. נאר בערגער איז געווען א דרעה קאפ און איהם א ז איינגעפאלען, אז מען וועט קענען מאכען פיעל בע־סערע געשעפטען, אז מען וועט דעם נאמען פון דער טרופע פער־קירצען און זי זאל זיך ארויסגעבען פאר אן עכטע אריענטאלישע. דער חשבון איז געווען, אז א טהעאטער מיט אזא טרופע וועט נים זיין אבגעלעגט אויף דעם בעשרענקטען אידישען עולם, נאר וועט פאטראניזירט ווערען פון דעם גרויסען דייטשען פובליקום, וואס וועט קומען בעוואונדערען די שפיעלער און זינגער פון די מזרח פעלקער. די קאמפאניע האט געבראכען דעם קאנטראקט מיט קווארקס פלאץ און איז אוועקגעפאהרען קיין האמבורג. דאר־טען האט בערגער ארויסגעלאזט אפישען, אין וועלבע ער האט מודיע געווען דעם האמבורגער עולם וועגען דעם אנקומען פון דער בעריהמטער אריענטאלישער טרופע און שעהנגנאלד איז אנאנסירט

געוואָרען אלס טערקישער טענאָר, צוקערמאַן אלס רומענישער קייזערליכער קאָמיקער, וויינשטאָק אלס רוס שער באריטאָן און אזוי ווייטער. א טהעאטער האָבען זיי גלייך געקריגען און כדי צוצו־געבען לאָקאלע פאַרב האָבען זיי געהאקט ווערטער וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. שוין אין ערשטען אקט האָט זיך אָנגעהויבען א פייפעריי צווישען פובליקום און ביים דריטען אקט האָט מען געמוזט ארונטערלאָזען דעם פאָרהאנג, צו פערמיידען א גרויסען סקאנדאַל.

נאָך דעם אבענד זיינען די אקטיאָרען געבליבען ווי אָבגע־שמיסענע און האָבען זיך שטיל ארייַנגעגנב'עט אין דעם אידי־שען קווארטאַל. דאָ זיינען זיי צוריק געוואָרען „די אידישע אָריענ־טאַלישע טרופּע" און נאָך צוויי חדשים שפּיעלען מיט מאַטערנים האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין בערלין. נאָר איצט איז שוין זייער רעפּוטאַציע געוועזן פערפלעקט און הגם זיי האָבען דאָ גע־שפּיעלט נאָך פיער חדשים זיינען זיי בעהאנדעלט געוואָרען אָהן הענדשקעס און דער סוף איז געווען, אז די טרופּע איז אין בערלין צושלאָגען געוואָרען.

די צוקערמאַנס און שעהנגאָלדס האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין רוסלאנד און געזוכט א מקום מנוחה אין ווארשא. אזוי ווי אידישע שטיקער האָט מען ניט געטאָרט שפּיעלען, האָבען זיי געגעבען קאָנצערטען אין עלדאָראַדאָ. באלד זיינען צוגעקומען די איבריגע אקטיאָרען פון דער „אידישער אָריענטאַלער קאָמפּאַניע", ספּיוואַ־קאָווסקי, וויינשטיין, וויינשטאָק און אנדערע און צוזאַמען האָט מען זיך געקליגט, ווי אזוי אונטער'ן נאָמען קאָנצערט ארייַנצופּעק־לען אן אקט פון א שטיק און אמאָל א גאנצע פּיעסעלע. ביי די דאָזיגע קאָנצערטען האָט זיך געוויזען טאַנצמאַן, פריהער אלס סופלער און נאָכדעם אלס אקטיאָר. אָפט ביי אזעלכע קאָנצערטען האָט געטראָפען, אז אין מיטען פון א סצענע האָט מען אָנגעזאָגט, אז א פּריסטאַוו קומט אין טהעאטער און תוך כדי דבור, האָט מען אויף דער ביהנע אנגעהויבען צו זינגען סתם אין דער וועלט אריין. אזא שפּיעלען איז די אקטיאָרען ניט געווען צום הארצען און

איינציגווייז האבען זיי זיך אוועקגעלאזט זוכען זייער גליק אין אנ־דערע מדינות.

די גראדנערס און יעקב אדלער זיינען געוועזן אין ריגע, ווען דער פערבאט איז ארויסגעגעבען געווארען און זיי האבען קיין איבריגע שהיות ניט געמאכט און צוזאמען מיט פרוי אדלער (מי־בעלסאן), פריילין טשיזיק, קארפ, קעמפנער, באם, וואכ־טעל און אנדערע זיינען זיי אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן און ארום דער זעלביגער צייט האט זילבערמאן צוזאמענגעשטעלט א קאמ־פאניע און אוועקגעלאזט זיך אין אמעריקא. די קאמפאניע איז בע־שטאנען פון זילבערמאנען און פרוי זילמערמאן, חיימאוויטש (היי־נע) און פרוי חיימאוויטש, באראדקין און פרוי באראדקין. דער וועג קיין אמעריקא האט זיך דעמאלט גערעכענט אזוי ווייט, אז די קאמפאניע האט זיך פריהער אבגעשטעלט אין לאנדאן און ערשט פון דארטען גענומען א שיף קיין ניו יארק, צוזאמען מ ט קארפ, וואכטעל און יאזעף לאטיינער אלס סופלאר און אויטאר.

משה הורוויטש האט קיין שום שייכות געהאט מיט'ן אידי־שען טהעאטער אין רוסלאנד. ער איז א לענגערע צייט געבליבען אין רומעניען און געשפיעלט מיט גרינבערג, שפייזנער, בערגמאן און פרוי אקסעלראד, ראזע אקסעלראד, פייוועלע פריעדמאן און אנדערע. נאר אזוי ווי אין רומעניען איז שוין הורוויטש געווען אויסגעשפיעלט, האט ער אריבערגעוואנדערט קיין גאליציען און מיט זיין טאכטער שארלאטע און איידעם גרינבערג האט ער זיך אנגע־שלאסען אן גראדנערס קאמפאניע, וואס איז בעשטאנען פון גראד־נער און פרוי גראדנער, וויינבלאט, עסקרייך, לענארד, הערמאלין און צוזאמען האבען זיי פריהער געשפיעלט אין די גרעסערע גאלי־צישע שטעדט און נאכדעם האבען זיי אנגעשפארט אין וויען און גענומען דעם רינג טהעאטער. קיין כבוד האבען די אידישע אקטיא־רען דא ניט געוואונען און די טרופע איז דא צושלאגען געווארען.

נאך א קורצען וויזיט אין אדעס, וואו הורוויטש האט געהאפט אריינצוטרעטען אין טהעאטער אלס אקטיאר, האט ער זיך מיט לע־דיגען צוריקגעקעהרט קיין גאליציען, וואו ער האט געטראפען א פארטיגע קאמפאניע, וואס איז בעשטאנען פון די גרינבערגס, אק־

סעלראַר, קלמן יאַוועליר, יעטע רויך, (פרוי יאַוועליר), פרוי סאַ־מוילאָף (שפּעטער פרוי שאַר).

אין בודאפּעסט האָט זיך הורוויטש פערפּלאָנטערט. ער האָט פערברויכט געלד, וואָס די אָנגעשטעלטע אין טהעאַטער האָבען איהם געגעבען אַלס ערבות. ער איז אַרעסטירט געוואָרען. נאָר איידער דער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט, איז ער אַנטלאָפען קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. דאָרטען האָט ער זיך אַ קורצע צייט אָבגעפּלאָגט און איז אָוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, וואו ער איז אָנגעקומען אַרום סוף 1886. ער איז אָבער לאַנג ניט פערבליבען אין לאָנדאָן און האָט זיך מיט׳ן שטראָם אָוועקגעלאָזט קיין אַמעריקאַ.

שטאַרקער פון אַלעמען האָט דער פערבאָט געטראָפען דעם גרינדער פון דעם אידישען טהעאַטער. ער האָט געהאַט אַ געפּ הל, ווי זיין גאַנצער בנין איז אַהן אַ שום וואָרנונג איינגעפאַלען און בע־גראָבען אונטער זיך דאָס בעסטע וואָס ער האָט פערמאָגט. דער קלאָפּ איז געווען אַזא שטאַרקער, אַז ער האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען. זיין טאַלאַנט איז איצט געווען אין סאַמע בליהען. ער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק פערענדיגט „שולמית" און ערשט געשאַפען „בר כוכבא", און נאָך עטליכע יאָהר טאַפּען אין דער פינסטער און וואַרפען זיך פון איין פּרעמדער נאַרעשער בורלעסק אויף דער צוויי־טער, האָט ער געפונען זיך אַליין און דעם ריכטיגען וועג פאַר דער אידישער ביהנע. און מיט אַמאָל איז אַלץ צושטערט געוואָרען און פון אַלץ איז געוואָרען אַ תל.

דער קלאָפּ האָט פּאַראַליזירט זיין שאַפענדען גייסט און אונ־טערגעהאַקט זיינע שאַפענדע קרעפטען. גאָלדפאַדען האָט שפּעטער געשריבען נאָך היסטאָרישע אָפּערעטען און קאָמעדיעס, נאָר עס האָט איהם גענומען יאָהרען לאַנג ביז ער איז געקומען צו זיך און דאָס איז געווען, ווען ער האָט אָנגעשריבען „משיח׳ס צייטען" און דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָבגעלאָזט.

גאָלדפאַדען איז געווען דער איינציגער פון אַלע יענע, וואָס האָבען ביז דעמאָלט געשריבען פאַר׳ן אידישען טהעאַטער, צו בע־גרייפען דעם תוך פון דער ביהנע און מעהר פון אַלע האָט ער

אינסטינקטיוו געפיהלט וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַן ערשט גע־שאַפענעם טהעאטער.

אַלע שטיקער פון דעם מיטען זיבעציגער יאָהרען ביז'ן מיטען אכציגער זיינען דורכגעדרונגען מיט דער זעלביגער טענדענץ. אין זיי אַלע ווערט געפיהרט אַ קאַמף פאַר השכלה. זיי אַלע לאַכען אויס דעם נאַרעשען חסיד און מאַכען שפּאָט פון דעם פאַנאַטיקער און שטעלען ארויס אין אַ שעהנעם ליכט די געבילדעטע. אין דעם זיי־נען גלייך גאָלדפאַדען און לאַטיינער און הורוויטש און שייקע־וויטש. און אַזוי ווי די ערשטע זיבען יאָהר איז גאָלדפאַדען געווען דער קעניג פון דעם אידישען טהעאטער, האָט ער זיך מעהר ווי די אַלע אַנדערע אויסגעצייכענט אין דעם דאָזיגען קאַמף און זיין שטים האָט זיך געהערט העכער פון אַלע אַנדערע.

נאָר אין דעם אופן פון אויסלאַכען דעם נאַרישען חסיד און אַבשפּאָטען פון דעם פאַנאַטיקער איז אַן אונטערשייד צווישען גאָלדפאַדען און אַנדערע. גאָלדפאַדען ווארעמט זיך אַנטקעגען דער זון פון השכלה און פיהלט זיך זעהר אנגענעהם דערפון. ער איז גוט און פגעלעגט און שפּאַסט אין גוטען מוטה. ער איז די גאַנצע צייט לוסטיג, פרעהליך, לעבעדיג און איז תמיד גרייט אבצוטהאָן עפּעס אַ קונדס'עריי.

און טאַקע די ערשטע יאָהרען פון זיין טהעטיגקייט אויף דער ביהנע, האָט דער קונדס אין איהם אין גאַנצען פערטריבען דעם פּאָעט און עס איז־געווען דער קונדס אין איהם, וואָס האָט זיך אַזוי גרינג צוגעפּאַסט צו האַמטענע פּארסען, גראָבע בורלעסקעס און ביי־ליגע קאָמעדיעס. דאָ קען מען לאַכען, שפּאַסען, חוזק מאַכען אויף וואָס די וועלט שטעהט. „די באָבע מיט'ן אייניקעל“, „שמענדריק“, „קוני לעמיל“, „די קאַפּריזנע טאָכטער“, „ני בע ני מע“ און דער גאַנצער צעטיל פון די שטיקער אין בוקאַרעסט ווייזען מיט די פינ־גער אויפ'ן קונדס. דאָס זיינען אַלע גראָבע פּארסען, וואָס האָבען אין אַריג נאָל געהאַט נאָר איין צוועק צו אונטערהאַלטען אַ גראָבען געשמאַק און מאַכען אַ פּראָסטען עולם צו לאַכען. גאָלדפאַדען איז אויך אויסען צו לאַכען און מאַכען דעם עולם פרעהלאַך. נאָר די זעלביגע פּארסען, ווען זיי געהען דורך זיינע הענד, נעהמען זיי אַן

נאך א טענדענץ און דאס איז צו עפענען די אויגען פון דעם טהע־אטער געהער אויף דעם זיסען ליכט פון השכלה. א חוץ דעם וואס גאלדפאדען איז א קונדס איז ער אויך קאמפּסלוסטיג, נאר זיין קאמף פיהרט ער אהן שנאה, אהן א פערביטערקייט, אהן גאל. ער האט אין די מייסטע שטיקער זיינע געהאט אן אויג, אז דארטען וואו ער פערשפּאט א געוויסען סארט אידען זאל אויך זיין א שעה־נער איד און אז „פאראלעל" מיט דעם „פעהלער" זאל זיין די „מעלה".

די מוסטערס וואס ער האט אויסגעקליבען פאר זיינע ערשטע שטיקער זיינען געווען גראבע פארסען פון די אומות העולם, וואו די פערזאנען און האנדלונגען ווערען ניט געמאלט נאר געשמירט. נאר ווי גראב און אונגעלומפּערט זיי זיינען ניט געווען, האבען זיי זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מ ט צוויי זאכען: ערשטענס, האבען די פרעמדע פארסען אנגענומען מעהר אדער ווייניגער א אידישע פארם און מעהר אדער ווייניגער איז אין זיי געשאפען געווארען א אידישע אטמאספער און, צווייטענס, האבען זיי געהאט איינ־הייטליכקייט און גאנצקייט. דער פארם איז געווען פארם פון אנ־הויב ביז'ן סוף אהן וועלכער עס איז צומישונג. די האנדלונג איז ניט פערקראכען אז א זייט און ניט איבערגעהאקט געווארען.

אין די דאזיגע שטיקער האט זיך גאלדפאדען ניט אראבגע־לאזט צום עולם פון זיין פּאעטישער הויכקייט. ער ווייזט ניט קיין זויערע מינע, ווען ער מאכט א משונה'דיגע הלצה, איהם קימערט גאר ניט, וואס א סיטואציע קומט ארויס אונגעלומפּערט, אבי עס איז נאר לעבעדיג און ער לאכט אליין און קוועלט דערפון און האט שטארק הנאה דערפון. די מאסע פיהלט, אז דער שרייבער איז אין הארצען און אין דער נשמה מיט איהר און זי לאכט און קוועלט אזוי הערצליך ווי דער שרייבער גופא.

ניט דער תלמיד פון דער ראבינער שול, ניט דער פּאעט האט אנגעטאפּט דעם דופק ביים פאלק. דאס איז געווען דער קונדס אין גאלדפאדען, וואס האט געפונען דעם וועג צום הארצען פון פאלק און געשטעלט איהם אויף איין ברעטעל מיט דער מאסע. זיינע שפּאַ־סען, זיינע המצאות, זיינע הלצות, זיינע קונדס'דיגע איינפעלע און

שפּיצלאַך זיינען ניט קיין געמאַטערטע, זיי קוועלען פון האַרצען. ער אַליין האָט פון זיי הנאה און די מאַסע קוועלט מיט איהם און לעקט פון זיי די פינגער.

דער פיינערער געשמאַק אין גאָלדפאַדען האָט איהם אונטער־געזאָגט ווי ווייט ער קען ערלויבען דעם קונדס צו טרעטען איבער דעם דאָזיגען געפעהרליכען וועג און זאָל ניט אריינפאַלען אין די גרוב פון וואולגאַריטעט און אונאַנשטענדיגקייט. און דאָס האָט מעגליך געמאַכט, אז זיינער אַ פאָרם זאָל קענען אונטערהאַלטען ניט נאָר דעם פּראָסטען עולם נאָר אויך אַ צושויער מיט אַ בעסערען געשמאַק.

גאָלדפאַדען האָט דעם קונדס קיין מאָל ניט פערטריבען, ווייל ער איז געווען אַ טהייל פון זיין „איך“, נאָר וואָס לענגער ער האָט געשריבען, האָט ער איהם אַלץ מעהר קאָנטראָלירט, אַלץ מעהר אָב־געשטופּט צום הינטערגרונד און אַלץ מעהר געמאַכט פּלאַץ פאַר דעם דיכטער.

איבריגענס, עס האָט לאַנג ניט געדויערט די פריידן מיט דער השכלה. איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט אָבגעקלונגען דער אימה׳דיגער געשריי פון די פּאָגראָמען און אַלע גליקליכע האָפנונגען פון די פּאָרטגעשריטענע אידען זיינען פּלוצים אויסגעלאָשען געוואָרען. גאָלדפאַדענס האַרץ האָט געשלאָגען מיט אמת׳ער ליעבע צו זיין פּאָלק און ער האָט דערפיהלט דעם גאַנצען וויהטאָג פון דעם גרויסען חורבן. ער האָט שוין איצט מעהר ניט געקענט לוסטיג מאַכען זיך איבער זיינע פאַנאַטישע ברידער און פון זיין מוזע האָבען זיך דערהערט נייע טענער. אין דער צייט האָט ער געשאַפען „בר כוכבא“. פאַר אַ קעמפער פון השכלה איז „בר כוכבא“ געווען אַ סיוזשעט, אויף וועלכען ער האָט זיך גרינג געקענט אויסגליטשען. „בר כוכבא“ איז געווען אַ קעמפער און פערטרעטער פון דעם נייען דור אין זיין צייט. זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט געדאַרפט גע־ווינען די גאַנצע סימפּאַטהיע פון אַ שרייבער, וועלכער האָט אַ בי־טערען קאַמף געהאַט מיט׳ן אַלטען דור. פאַר די פּאָגראָמען וואָלטען די געגנער פון בר כוכבא ארויסגעקומען פון גאָלדפאַדענס פעדער ווי שוואַרצע טייוואָלים. נאָר איצט איז זיין בליק געוואָרען טיעפער;

זיין טאלאנט רייפער. דער טיכטיגסטער געגנער פון בר כוכבא, דער פרעדיגער פון קושען דעם שונא'ס רוט איז געווען רבי אלעזר, און איצט ווערט ער געשילדערט גאר אנדערש.

אין דעם פראלאג, אין דער סצענע אין שוהל, וואו רבי אלעזר קלאגט אויף דעם תל, וואס איז געווארען פון ירושלים, ווענדעט ער זיך צו די פערזאמעלטע מיט די פאלגענדע ווערטער:

„מיר זיינען שולדיג אין אונזער אונגליק מיר, יעדער בעזונדער:
ווי נארישע, שלעכטע קינדער האבען מיר געהאנדעלט
אונגלויביג
געגען אונזער גרויסען גאט, וואס ער לעבט אייביג.
ער האט אונז געל עבט, מיר האבען זיך דערפון ניט געמאכט,
ער האט אונז א תורה געשענקט, מיר האבען זי פעראכט,
ער האט אונז גוטס געגעבען מיר האבען עס ניט געוואוסט
צו שעצען,
מיר האבען איהם דערצארענט מיט פרעמדע געצען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערפאר לאמיר זיך האלטען שטיל, אויף גאט זיך ניט
בעקלאגען,
און דאס שלעכטס, וואס קומט אויף אונז מיט בטחון
איבערטראגען.
לאמיר איהם בעטען מיט א ריין הארץ, ניט פערשטעלט,
מיט נאמנות,
אונזער הארץ זאל זיין דער מזבח, אונזערע ריינע
געדאנקען — די קרבנות.
לאמיר בעטען פאר'ן ביסעל אידען, וואס נאך פערבליבען,
פאר די וואס זיינען דא, פאר די וואס זיינען פערטריבען.
לאמיר פאלגען די נייע הערשער, וואס זיי אונז געביטען,
ווען זיי אונז בעהאנדלען מיט חסד און מיט גוטען.
לאמיר בעטען פאר'ן שלום פון אונזער צעזאר הנעלה,
ווייל אין זיין שלום וועט אונז שלום זיין אמן סלה!
אין די דאזיגע ווערטער זעהט איהר דעם אלטען פרומען גרייז,
אין וועמעס הארצען זיינען שוין אבגעשטארבען אלע שטורמס.

אין ווענעס אדערען דאס בלוט רינט שטיל, און ווענעס אלע געדאנקען זיינען פערנומען מיט דער בעסערער וועלט, אויפ'ן שוועל פון וועלכער ער שטעהט שוין גרייט און קלאפט אין טהיר. דער אלטער גרייז דארף נאר געצעהלטע טעג געהן אין דעם יאך פון דעם שונא, זיינע אבגעשטארבענע ליידענשאפטען לאזען איהם רוהיג טראכטען וועגען דעם מקור פון דעם גרויסען אידישען אונגליק. זיין טיעפע אמונה זאגט איהם, אז דער שונא איז נ ט מעהר ווי א שליח פון גאט, און ווען אזוי איז דער ווילען פון גאט, וואס וועט זיין די פעולה פון א מרידה? יא, ער קען אנדערס ניט רעדען, ווי נאר וועגען הכנעה, וועגען בויגען דעם רוקען.

דער יונגער בר כוכבא האט קאכעדיג בלוט. יוגענד וואגט, וואו עלטער טראכט. ער רופט צום קאמף:

„הויבט אויף אייערע קעפ, אלטע, וועט איהר אליין זאגען.
אז אויף די לעבעדיגע איז דא מעהר ווי אויף די טוידטע
צו קלאגען.

א מינדסט רוימיש אינגעל שפייט אייך אין פנים,
רייסען אייך אב די קליידער, מאכען אייך סימנים.
איהר רעדט מיט זיי מיט גוטען, זיי ענטפערן אייך מיט כעס
אונזער פערמעגען רויבט מען עפענטליך אין מיטען דער גאס.
אונזערע פרויען שענדען זיי, און מ ר טארען זיך ניט קלאגען.
אה, ניין, וואס איהר ווילט מעגט איהר אייך זאגען.
די יונגע הייסע בלוט קען ניט צוזעהן אזוי קאלט,
יעדע מינוט פאר זיך דעם שונא'ס מערדעריש געשטאלט.
האקט מיר אב דעם קאפ, ווארפט איהם אריין אין קבר,
נאר ניט רייסען יעדע מינוט צו ביסלעך איטליכס אבר.
כל זמן די האנד איז דא, לאמיר זי אויפהויבען,
אז שטארבען זאלען מיר אלע, וואס טויג איינעם אליין לעבען.
שטעהט אויף, ברידער, אין נאמען פון אונזער הייליג לאנד
און לאמיר אויסקעהרען פון איהם, דעם שלעכטען בייזען
פיינד!

אזוי רעדט עם בר כוכבא און אזוי רעדט יוגענד, קוראזש, בת, מוטה, און גאלדפאדען איז דא געלונגען אויסצודריקען אן אייביג

מענשליכען ווארהייט. אין דיזע עטליכע ציילען צייגט זיך ארויס א טאלאנט, און דאס ווערק הויבט זיך אויף צוליעב דעם אויף א העכערע מדרגה.

אין זיינע שפעטערע ווערק זיינען צוואווארפען א סך טהייערע פערלען. נעהמט למשל די היסטארישע אפערעטע „עקדת יצחק", און לעזט די געדאנקען פון אברם'ן, ווען ער בעט אויף א יורש.

אויף אזא יורש האב איך געבעטען, וואס ער זאל
פערפלאנצען ווייטער
פון דור צו דור די תורות פון זיינע פאטער,
אה, קען ער דען הייסען בוים, ווען ער לאזט ארויס קיין
צווייגען?
קען ער הייסען קוואל, ווען זיינע וואסערן שטעהען
און שווייגען?

. . . .

אה, ווי אונגליקליך פיהלט זיך דער מענש, ווען ער
בלייבט אין זיין צעלט
מיעד פון זיין לעבען אליין, און דארף געהען פון דער וועלט
און אויף די עלטערע יאהר
בלייבט ער עלענד גאר
אהן כח און אהן געזונד
און אהן איין איינציג קינד.
ווער קען איהם טרויסטען, ווען ער ווערט נעביך קראנק,
ווער וועט איהם בעגלייטען, ווען ער געהט דעם לעצטען גאנג?
זיין קבר שטעהט אין פוסטע פעלד איינער אליין,
קיין טרעהר פון א קינד בענעצט קיינמאל דעם גלאטען שטיין.
פערגעסען, פערלארען ווערט זיין נאמען אויף אייביג, אוי,
אהן א קינד.

דאס זיינען איינפאכע ווערטער, ניט געצאצקעטע, ניט געקינצעלטע און זיי ריהרען די טיעפסטע סטרונעס פון מענשליכען הארצען.

אזעלכע פערלען זיינען צוזייעט איבער אלע שפעטערע ווערק, וואס גאלדפאדען האט געשאפען. וואס ווייטער ווערט זיין טאלאנט

מעהר צייטיג און מעהר ענטוויקעלט, און איהר קענט הערען ווי ער זאגט: „נו קינדער, מיר האבען שוין גענוג געשטיפט. עס איז איצט שוין צייט צו ווערען אביסעל לייטישער!"

נאר די הארמאניע צווישען דעם אויטאר, פובליקום און שוי־שפיעלער פלאצט ניט דערפון, וואס די פיעסען הויבען אן צו אטהע־מען מיט מעהר ערנסטקייט: דאס פובליקום און די אקטיארען זיינען אויך ארויס פון די וויקעלאך און אויסגעוואקסען פון די ערשטע קונדס־שטיקער. די ענטוויקלונג פון די דריי עלעמענטען איז ניט קיין געצוואונגענע, קיין אנגעווארפענע, נאר א גאנץ נא־טירליכע.

נאר ווי ערנסטער גאלדפאדען ווערט ניט, פערגעסט ער אויף איין סעקונדע ניט, אז ער האט צו טהאן מיט א ביהנע און ער ווענדעט אן אלע מיטלען וואס די ביהנע פערמאגט אויסצונעהמען ביים פובליקום. וואס מען זאל ניט שפיעלען מוזען אריינקומען ליעדעלאך, פזמונים'לאך, שאנסאנעטען און איז דערביי ניט שטארק מקפיד צו די צייט און פלאץ ערלויבען איהם עס צו טהאן. אין „שולמית", למשל, שפארט ער אריין דאס ליעד „ראזינקעס און מאנדלען." דאס ליעדעל איז א שעהנס, נאר אין דער צייט ווען אי־דישע מיידלאך האבען געטאנצט אין די וויינגערטנער און גערופען צו די בחורים אז זיי זאלען מיט זיי חתונה האבען, האט מען ניט געקענט זינגען וועגען ווערטה פאפיערען און קאנטארען און אייזענ־באהנען, פון וועלכע יודעלע וועט פערדיענען א סך געלד. גאלד־פאדען האט עס געוואוסט אויסגעצייכענט און אין א בעמערקונג צו „ראזינקעס מיט מאנדלען" פערענטפערט ער זיך: „כאטש דאס ליעד (ראזינקעס און מאנדלען) איז נישט אין פלאץ, נאר איך האב עס דערפאר אהער ארויסגעשטעלט, ווייל דעם פובליקום איז דאס זעהר ליעב און בעקאנט." אדער אין „עקדת יצחק" זינגט לוט „דאס פערבאטענע עפעלע."

„אוי חוה מיט דער שלאנג!
דער קאסירער טהוט מיר באנג.
איבער דעם עפעלע

ליגט זיין קעפעלע
טיעף אין דר'ערד פון לאנג.

אזעלכע ליעדעלאך וואס פאסען זיך צו דעם שטיק ווי א היינטמאדישער הוט צו דער נאקעטער מוטער חוה'ן, קען מען טרעפען כמעט אין יעדען ווערק, און די איינציגע אורזאך פאר וואס מען האט זיי אהין אריינגעקוועטשט איז נאר די, וואס די ליעדעלאך געפעלען דעם עולם.

אמאל פיהלט זיך גאלדפאדען פערשעמט פאר אזא אונגעלומפערטקייט און סטארעט זיך צו מאכען עפעס א היתר, ווי, למשל, אין „שולמית", לאזט ער זיין העלד אבשלום'ן צובינדען זיין פעקיל און נעהמט ארויס ראזינקעס און זאגט:

ראזינקעס מיט מאנדלען, עס עראינערט מיך אן די ליעדעלע,
מיט וואס בת ציון האט פערוויגט איהר בן יחיד אידעלע.

נאר אפט האט ער אפילו אזא היתר אויך ניט. עס טרעט ארויס דער קאמיקער און הויבט אן צו זינגען סתם אין דער וועלט אריין.

א גרויסען געוויכט האט גאלדפאדען געלעגט אויף די דעקאראציעס און אויסשטאטונג, און זיין רייכע פאנטאזיע ארבייט שטארק, ווי אזוי צו פאנגען דאס אויג פון דעם צושויער, און ער לאזט ניט דורך די מינדעסטע געלעגענהייט צו מאכען א ביהנע עפעקט.

אין „עקדת יצחק" אין ערשטען אקט, ווען אברהם ווערט אנדרעמילט, לאזט זיך אראב אין דער ארקע פון דעם הינטערגרונט אן ענגעל אין דער געשטאלט פון א קליין קינד און בלייבט הענגען אין דער לופט. דאס קינד דעקלאמירט, ידוע תדע כי גר יהיה א. ז. וו. און בשעת מעשה ערשיינט א טראנספארענט־בילד וואס שטעלט פאר ווי די אידען ארבייטען עבודת פרך אין מצרים. און ווען דאס קינד דעקלאמירט ונתתיך לגוים ומלכים ממך, דאן ערשיינט אן אנדער טראספארענט־בילד, וואס שטעלט פאר אלע אידישע מלכים.

דער שלוס פון דעם ערשטען אקט ענדיגט זיך דערמיט, וואס די דריי אורחים וואס זיינען געקומען צו אברהם'ן געהען צו דער ערטע און שטעלען זיך ארויף אויף דעם וואלקען, וואס ליגט אויף

דער ערד, ווארפען אראב די מאנטלען, עפענען אויף די פליגלען. די וואלקען הויבען זיך אויף און פערשווינדען מיט זיי אין הימעל. דאס בילד ווערט בעלייכטעט מיט וויאלעט פייער. די אנדערע אקטען ענדיגען זיך אויך מיט אזעלכע עפעקטען.

אין „שולמית“ ביים שלום פיערטען אקט הויבט זיך אויף איין פארהאנג נאכ'ן צווייטען נאר מיט דעם צוועק צו ווייזען דעם אויג בילדער פון דער צייט ווען דער בית המקדש איז געווען.

ביים שלום לעצטען אקט אין „באבע מיט'ן איייניקעל“ עפענט זיך אין דער טיעף פון דער ביהנע א וואנד, דאס בילד שטעלט פאר רבי מאיר בעל נס קבר, ארום א בלאס פייער זיצען ארץ ישראל אידען און זינגען שטיל. דאן הויבט זיך אויף א צווייטער פארהאנג און מען זעהט אדעלען מיט איגנאצען אומגעארעמט אין חופה קליידער, בעלייכטעט פון בענגאליש פייער.

ביים שלום לעצטען אקט אין „בר כוכבא“ איז א גאנצע אילומינאציע פון פערשיעדענע בענגאלישע פייערן. איבערהויפט האט גאלדפאדען ארויסגעוויזען א שוואכקייט צו בענגאלישע פייערן און מלאכים.

נאר די עפעקטען זיינען ביי איהם אויך ניט קיין אויסגעטראכטע, זיי זיינען ניט די פרוכט פון א קאלטער אויסרעכענונג, נאר טאקע איהם גופא זיינען זיי געפעלען געווען. זיי זיינען אפשר נאא'וו און דערמאנען גיכער א קינד, וואס שרייט מיט התפעלות „זו זו“ פון אז אנגעצונדענעם שוועבעלע, נאר די דעמאלסדיגע צושויער זיינען געווען נאך נאאיווער.

גאלדפאדענס שטיקער, סיי די ערגערע און סיי די בעסערע, סיי די ערשטע און די שפעטערע צייכנען זיך אוים דערמיט, וואס די גאנצע קראפט ליעגט אויפ'ן אויטאר. אין מאדערנע פיעסען איז די ארבייט פון דעם אויטאר נאר א האלבע, די פיעסע איז ניט מעהר ווי א נאקעטע נשמה און די ארבייט פון דעם שוישפיעלער איז צו דערפילען די צווייטע העלפט, געבען דער נשמה א קערפער. עס בלייבט פאר'ן שוישפיעלער צו געבען דער פיעסע אלע חושים און גליעדער, און אויב ער טהוט ניט זיין ארבייט בשלמות, ווערט דאס

שטיק ארויסקומען אָהן הענד, אָהן פיס, אָהן א קאָפּ, אָהן א לייב און אָהן לעבען.

גאָלדפאַדענס שטיקער זיינען גאָר אנדערש געבויט. די אר־בייט פון דעם שוישפּיעלער איז א טפל, די גאַנצע קראַפט ליגט אין דעם שטיק גופא. עס איז גענוג אז אן אקטיאָר זאָל קענען אביסעל זינגען, אביסעל שפּרינגען, אביסעל רעדען, אביסעל מאַכען לצנות, און די אויפפיהרונג פון דער פּ עסע ועט דורכגעהן גלאַט. גאָלד־פאַדענס א שטיק שטעהט ניט אין געפאַהר, אז זי זאָל ארויס אָהן הענד און אָהן פיס און אָהן לייב און לעבען צוליעב דעם שפּיעלען פון א שוישפּיעלער. ווער עס האָט נאָר א נישט־קשה'דיגע שטים צום זינגען און האָט מוטה און קוראַזש ארויסצוטרעטען אויף א ביהנע וועט קענען שפּ עלען אין גאָלדפאַדענס א ווערק. דאָס שטיק נעהמט אויס ביים פּובליקום מיט די ווערטער, ווערטלאך, סיטוא־ציאָנען, ליעדלאך און אויב נאָר דער אקטיאָר איז ניט אין גאַנצען א קאליקע וועט דאָס שטיק האָבען ערפאָלג.

רעדט מיט וועלכען קאָמיקער איהר ווילט, וואָס האָט נאָר געשפּיעלט אין גאָלדפאַדענס צייט אין רומעניען אָדער רוסלאַנד, וועט ער אייך דערצעהלען, אז נאָך אזא „שמענדריק“, נאָך אזא „קוני לעמיל“, נאָך אזא באָבע באָנציע ווי ער איז ניט געוועזען. לאָ־מיר שוין אויפמערקזאם מאַכען, אז מאָגולעסקא איז געוועזען אונ־איבערטרעפליך אין די דאָזיגע ראָלען. נאָר די אנדערע קאָמיקער בעריהמען זיך אויך ניט ווען זיי דערצעהלען, ווי מען האָט פון זיי דעמאָלט געלעקט די פינגער. ביי יעדען קאָמיקער פון יענער צייט וועט איהר געפינען אויסשניטע פון צייטונגען, ווי מען האָט איהם געריהמט פאַר זיין שפּיעלען.

מיר זעהען דאריבער, אז אלע קליינע טרופּעס, וואָס פאָהרען ארום איבער דער פּראָווינץ, נעהמען זיך געוועהנליך צו גאָלדפאַ־דענס שטיקער. זיי פיהלען, אז אין די דאָזיגע שטיקער וועלען זיי קענען אונטערהאַלטען א פּובליקום און מען וועט זיי מיט פּוילע אייער ניט פערוואַרפען.

מען דארף אויף איהם קוקען ווי אויפ'ן פאָטער פון דער אי־דישער ביהנע, גרינדער פון אידישען טהעאטער. עס איז אמת, אז

אהן גאלדפאדען וואלט אויך א ביהנע בעשאפען געווארען, ווייל די פארערונג אויף אזא אונטערהאלטונג איז שוין געווען ביי'ם פאלק, און די אונטערהאלטונג גופא אין דער פארם פון גראבע פארשטעלונגען איז שוין אויך געווען, נאר עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ווען ניט גאלדפאדען וואלט די אידישע ביהנע בעשאפען געווארען א סך שפעטער. גאלדפאדען איז בעזעסען יענע קראפט, וואס האט געמאכט מעגליך, אז א טהעאטער זאל קענען זיך האלטען ביי אידען.

און אז א טהעאטער זאל זיך קענען האלטען האט זיך געפאדערט, אז עס זאל זיין א הארמאניע צווישען דעם גרינדער פון טהעאטער, אקטיארען און פובליקום. אהן אזא הארמאניע איז געווען אונמעגליך, אז אידיש טהעאטער זאל האבען א קיום. די פארערונג אויף אידיש טהעאטער איז נאר געווען ביים פראסטען עולם, ווייל דער אינטעליגענטער קלאס האט זיך געשעהמט מיט אלץ, וואס איז געווען אידיש. און כדי אויסצונעהמען ביים פראסטען עולם האט דער שרייבער פון פיעסען געמוזט עפעס האבען אין זיך, וואס זאל איהם שטעלען אויף איין ברעטיל מיט דער מאסע. אזא פארערונג האט געקענט נאכקומען איינער, וואס איז ניט געשטאנען העכער פון דער מאסע, אלענפאלס אין געשמאק ניט העכער. ווען אזא וואלט געווען דער גרינדער פון אידישען טהעאטער, וואלט די אידישע ביהנע אנגענומען דעם כאראקטער פון א קאפע־שאנטאן און וואלט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אין א מוזיק האל. אונטער גאלדפאדענס הענד האט די ענטוויקלונג פון אידישען טהעאטער אנגענומען א געזונטען כאראקטער. גאלדפאדען האט אנגעהויבען מיט שטיקער וואס זיינען ניט געווען צו הויך פאר א קאפע־שאנטאן. דער קונדס אין גאלדפאדען האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו שרייבען אזעלכע שטיקער. נאר ביי די דאזיגע שטיקער האט ער זיך לאנג ניט געהאלטען. דער גוטער פאעט אין גאלדפאדען און דער בעסערער געשמאק הויבען אן צו פאדערען א בעפריעדיגונג, און זיי ווייזען זיך ארויס אלץ מעהר און מעהר אין די שפעטערע שטיקער.

נאר גאלדפאדען איז ניט קיין כופה הר כגינית. ער ווארפט

ניט אַן אויפ׳ן פובליקום מיט גוואלד זיינע בעסערע שטיקער. אזוי ווי ער האָט פריהער ניט געשריעבען גראבע, נארעשע בורלעסקעס כדי צו געפעלען ווערען דעם פובליקום, נאָר ער האָט זיי געשריעבען ווייל דער קונדס אין איהם האָט פון זיי הנאה געהאט, אזוי שרייבט ער שפּעטער אויך ניט בעסערע שטיקער כדי אויסצונעהמען ביי אינטעליגענטע מענשען. די שטיקער ענטוויקלען זיך אויף א נאטירליכען אופן. אין די ערגסטע בורלעסקעס האָט ער ארויסגעוויזען אז ער האָט אן אָפענעם אויג וואָס האָט בעמערקט און אונטערגעכאפּט כאראקטעריסטישע סצענעס פון דעם אידישען לעבען און געגעבען זיי א לעבעדיגען קאָליר, דאָ און דאָרטען רייסט זיך ביי איהם ארויס א פערעל פון פּאָעזיע; און שפּעטער קומען מענשליכע, לעבעדיגע האנדלונגען עפּטער. דאָס פובליקום און די אקטיאָרען וואקסען מיט איהם, און די ביהנע געהט אויף אזא אופן אַלץ פאָרווערטס און פאָרווערטס.

אין זיינע ערגערע שטיקער ציהט ער זיין גאנצע יניקה פון דעם קאמף צווישען השכלה און פאנאטיזם. ער איז בעגייסטערט פאר בילדונג, און זוכט צו עפענען די אויגען דעם אלטען דור. ער בייזערט זיך פאר וואָס מען איז פערגלויבט אין נארעשקייטען און קעמפט פאר די אידישע טעכטער וואָס ווערען פערקויפט צו יחוס. און טריי צום רעצעפּט פון דער צייט פון השכלה קומט ביי איהם ארויס דער אלטער דור שווארץ, און פערקעהרט דער נייער דור שטעלט מיט זיך פאָר, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דארף מיט זיך פאָרשטעלען אַלץ וואָס איז ליכטיג, וואָס איז פיין און וואָס איז גוט. פון דעסטוועגען אז עס מאכט זיך איהם א געלעגענהייט צו מאכען חוזק פון נייערן דור האלט ער זיך ניט אָפּ. אין דער „קאפּריזנער טאָכטער“ לאכט ער אָפּ פון די היינט־וועלטיגע מיידלאַך, וואָס האָבען איבערגעלייענט עטליכע ביכלאַך און מיינען אז דאָס איז בילדונג.

בכלל אָבער האָט ער בשום אופן ניט געקענט כאפּען די בילדער פון זיינע פּאָזיטיווע העלדען. זיי קומען גאָר ניט ארויס קיין מענשען. זיינע געבילדעטע קומען ארויס אַהן לייב און אַהן לעבען.

מעהר פון אַלע היסטאָרישע אָפּערעטען איז איהם געלונגען

„שולמית“. די איינפאכקייט, די תמימות פון דער דראמע האט איהר פערגלייכונג מיט׳ן ביבלישען ראמאן רות.

ווי וואלט אנגעגאנגען די ווייטערע ענטוויקלונג פון גאלדפאדען, ווען זיין קאריער וואלט ניט איבערגעריסען געווארען, איז שווער צו בעשטימען. גאלדפאדען האט געקראגען א טוידט־קלאפ, ווען די רוסישע רעגיערונג האט פערבאטען די אידישע טהעאטערס. דאס איז געווען די צייט, ווען גאלדפאדען האט געשאפען זיינע בעסטע שטיקער. זיין טאלאנט איז דאמאלסט געווארען צייטיגער, דאס פובליקום און די אקטיארען זיינען אויך דאמאלסט צייטיגער געווארען, דאס איז געווען א גוטע ערמונטערונג, אז ער זאל געהן ווייטער און ווייטער. נאר ווען דער טהעאטער איז פערבאטען געווארען האט ער זיין גאנצע פובליקום פערלארען, ער האט אויך פערלארען זיינע אקטיארען, מיט וועלכע ער איז צוזאמען אויסגעוואקסען, און ווען ער האט גענומען וואגלען פון לאנד צו לאנד, איז שוין קיין הארמאניע ניט געווען צווישען איהם, פובליקום און אקטיארען. דאס האט געהאט א שלעכטען איינדרוק אויף זיין שאפען און די ענטוויקלונג פון זיין טאלאנט האט זיך איבערגעריסען.

עס איז שווער צו בעשטימען, ווי וואלט זיך זיין טאלאנט ענטוויקעלט, ווען מען וואלט איהם אין מיטען ניט איבערגעריסען: עס איז שווער צו זאגען, צו וואלט ער שפעטער אנגעהויבען צו שרייבען מאדערנע דראמען. גאלדפאדען האט בעהויפטעט, אז ער וואלט פון זיין וועג ניט אבגעטראטען. ער האט ניט ליעב געהאט קיין טראגעדיעס, אלענפאלס זיין הארץ האט ניט געצויגען צו פארשטעלונגען וואס רופען ארוים טרעהרען. ער האט ליעב געהאט קאמעדיעס און אפערעטען. נאר עס איז קיין שום צווייפעל ניט, אז ווען גאלדפאדען וואלט די גאנצע צייט געבליעבען ביים טהעאטער, וואלט זיין ענטוויקלונג געווען א געזינטערע, און די אידישע ביהנע וואלט בעפרייט געווארען פון א סך אנשיקענישען, מיט וועלכע זי איז געשטראפט געווארען נאך איהם.